STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08703

MERKURYON

Wolf Mercur

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון

וואָלף מערקור

כ'האָב געזאמלט, געבאָרגט און גענאשט.
פון אלערליי קוואלן, מיט דער פולער זשמעניע
איך וועל, באשיידן, זיין איבערראשט,
אויב עמיץ וועט מיך פראָקלאמירן „א געניע".

פערלאג — נעבעכאליין

דרוק — א. וו. שערמאן
פילאדעלפיא 1948

MERCURIOS

By

WOLF MERCUR

COPYRIGHT
1948

Printed at I. W. Sherman
Philadelphia, Pa.

איך וויל אַלעמען בעטן דאָ בפירוש,
צו פאָלגן וואָס גאָט האָט געבאָטן:
"לא תגנוב", מיט אַ שלום עליכם פירוש,
מיינט פשוט: אַז "עס איז פאַרבאָטן"
צו נוצן וואָס נישט איז פון אָט דעם ספר,
און מיר צאָלן מיט—סופּערלאַטיוון.
מוחל, דער תירוץ איז אַ טריפיער
כאָטש כשר די מאָטיוון.
שבחים אַליין קענען גאַנץ שוואַכלעך
מיינע עסקים דערהויבן,
טוט בעסער אַלץ דערלעדיקן זאַכלעך
און כיוועל אייך אַליין דאָס דערלויבן.

MADE IN USA

44

געווידמעט דעם אָנדענק פון מיין פאָטער
מנחם מענדל מערקור (ריטינער)
און מיין מוטער
הודיע מערקור ז"ל

וואָס

האָבן

מיר

געלערנט

אלע גוטע מעשים וואָס מיר טוען אין דעם לעבן
ווייזן, אַז מיר קענען צו די העכסטע הויכן שוועבן,
די וואָס האָבן תמיד בלויז זיך אַליין אין זינען,
וועלן אויף ש"י עולמות קיין תיקון נישט געפינען,

וואָלף מערקור — אויל-מאָלעריי פון אוידא העכט

איך האָב אזא מין פנים, וואָס קאָן מיך נישט אינספּירירן
זיך צו שטעלן פאַר׳ן שפּיגל און אליין זיך אפּלאַדירן.

הקדמה

איך האָב אויפגעשריבן „הקדמה" און איך טראַכט, אַז וואָלט מערקור וואָלט דאָס וואָרט צעהאַקט אין צוויי: האַק-דמה. דאָס איז זיין ספּעציפישע קונסט — וואָרט־שפּיל, אָבער ס'איז ניט שפּיל לשם שפּיל, נייערט שפּיל לשם ציל. דורך צעשפּליטערן אַ וואָרט, אָדער דורך צושטעלן אַן אות, צי דורך איבערשטעלן דעם סדר פון די אותיות, באַקומט דאָס וואָרט אַן אַנדער באַטייט, אַ נייעם זין, אַמאָל אַ טיפערן, אַן אַנדערשדיקן תוך און אַמאָל אויך — אַ תיקון.

אָט, למשל, טאַקע דאָס וואָרט הקדמה. איך ווייס ניט צי צווישן מערקור'ס גרויסן אוצר פון וואָרט־שפּיל און וואָרט־שפּליטער ליגט אויך דאָס דאָזיקע וואָרט אַ צעשפּאַלטנס, אָבער כ'וויל עס באַנוצן ווי אַן אילוסטראַציע — וואָס מ'קאָן טאָן מיט אַ וואָרט. הקדמה איז אָנהייב, אַריינפיר, אָבער צעהאַקט אין האַק־דמה, ווערט דערפון אַ בלוט־צווילינג פון האַק און דמה. אויפן ריכטיקן אָרט רעגן די צוויי ווערטער אַלערליי אַסאָציאַציעס, פול מיט מיין און מיינונג.

יעדער שריפטשטעלער דערלויבט זיך פון צייט־צו־צייט אַ וואָרט־שפּיל, וואָס העלפט אים אין געדאַנקן־שפּיל, אָבער ס'איז צופעליק, ווי אַ פּאָעטישער אויסדרוק ביי אַ פּראָזאַאיקער. ביי מערקור'ן איז דאָס ניט אויסנאַם, נאָר כּלל. אַ טעאַטראַלישער מומחה, וואָס טעאַטער ליגט אים אין די ביינער און ער עסט אפילו, דאַכט זיך, על־פּי די געזעצן פון בינע-טעכניק, האָט ער זיך געשאַפן זיין אייגן טעאַטערל, וואו אויף דער בינע טאַנצן אַרום, פלינק, פילפאַרביק און גראַציעז, ווערטער, אותיות, אין אַלערליי פאָרמען, אין כּל־ערליי געשטאַלטן.

די ווערטער־פיגורלעך, ווי פיין־געשניצטע און פאַנטאַסטיש־געקליידטע מאַריאָנעטן, זענען אין מערקור'ס הענט כּחומר ביד היוצר. ער איז זייער שאַפער־איבערשאַפער, זייער רעזשיסאָר און זייער דיריגענט. זיי באַוועגן זיך לויט דעם באַוועג פון זיין מאַגיש שטעקעלע, קוליען זיך איבער, פאַלן־פאַנאַנדער, שטעלן זיך צונויף, מישן זיך אויס, פאַרמישן אַמאָל אפילו די יוצרות, אויב מערקור וויל פאַראָדירן, אָדער שאַרזשירן עמיצענס אַ געדאַנק, אַ שרייבערס, אָדער אַ שוישפּילערס.

אָבער זעט! וואונדער איבער וואונדער! פון די טאַנצנדיקע, לעבעדיקע-שוועבנדיקע, צעשפּליטערטע און צעציטערטע ווערטער וואַקסט מיטאַמאָל אַרויס אַ זינפולע, פאַכמאַנישע אָפּשאַצונג און

אפשעצונג פון א טעאטער־פארשטעלונג, פון אן אקטיאר, אדער א דראמאטורג. וואס אן אנדערער טעאטער־קריטיקער דערגרייכט דורך קנייטשן דעם שטערן, דערגרייכט מערקור דורך קנייטשן ווערטער — אין א סטיל, וואס איז קורץ און בינדיק. איין ווארט קריגט ביי אים עטלעכע לעבנס, עטלעכע באדייטונגען. פון „הייראט", למשל, ווערט ביי אים „גע־הרי־את", „הרי־את'־עסטאט", „הרי־את'ראפירט", „הרי־את'מאספערע" און „הרי־את'ריבוט". ער דערציילט אייך וועגן „הרג־ומענטן" און אייך ווערט קלאר, אז די ארגומענטן זענען געווען שלאגנדיקע. אין איין שורה — מכח בן־עמי'ס רעזשיסירן דעם פילם „גרינע פעלדער", — אז ס'איז ניט אזוי דינאמיש ווי בן־עמי'ש, האט איר א טרעפלעכע כאראקטעריסטיק פון בן-עמי'ס פארם און ריטם.

און ניט נאר אין איינצלנע אויסדרוקן איז מערקור'ס ווארט ציטער־פלאטערדיק, שפילעוודיק, פיל־מיינעוודיק, נאר אויך אין זיינע גרעסערע שארזשן, קריטיקן, הומארעסקעס און לידער, וואס זענען ממש סימפאניעס — אדער „סילי סימפאנים", — פון באוועגלעכע, תחית־המתים'דיקע ווערטער און זילבן. מען דארף, פארשטייט זיך, זיין א מופלג גדול אין מאמע־לשון, כדי צו קענען אזוי פליסיק און פלייסיק זיך שפילן דערמיט, אזוי ערנסט פאנאנדערצולאכן און אזוי לאכנדיק צו פארערנסטן יידישע ווערטער און אותיות, ווי וואלף מערקור טוט דאס. און מערקור איז באמת איינער פון די בעסטע יידיש־קענערס. זיין יידיש-ווערטער־אוצר איז אומגעהייער־רייך — און דאס איז ניט קיין קוריאז, ווען מיר ווייסן, אז מערקור איז א פוילישער ייד, נאך גענויער: א גאליציאנער, א לאנדסמאן פון א פלעיאדע יידישע ווארט־קינסטלערס, פאעטן און הומאריסטן, וואס האבן אריינגעטראגן אזוי פיל שפראך־עשירות אין אונזער מאמע־לשון.

ס'וואלט געדארפט פארנעמען צופיל ארט אויסצורעכענען די אלע יידישע ווארט־מייסטערס פון פוילן־גאליציע, וואס האבן פון יידיש געמאכט איינע פון די שענסטע, פארביקסטע, בייגעוודיקסטע און ריטמישסטע לשונות אויף דער וועלט, בעת ליטע, די פעסטונג פון מתנגדות, פון חקירה, האט אונז צוגעשטעלט אזוי פיל יידיש־פארשערס, שפראך-מפרשים. אזוי־ארום האבן די יידיש־יידנטומס פון פוילן און ליטע זיך דערגאנצט איינע די אנדערע, ווי הלכה און אגדה, חסידות און מתנגדות, תנ"ך און תלמוד, רמב"ם און זוהר דערגאנצן זיך איינע די אנדערע, אין איין סימפאניע פון נעפיל און געדאנק אין יידישן וועלט־באנעם.

אָבער איך וויל דאָ דערמאָנען בלויז איין יידישן שריפטשטעלער, אויך פון גאַליציע, וואָס האָט א סך באַריר־פונקטן מיט מערקור'ן — דער עיקר אין וואָרט-שפיל. דאָס איז משה נאדיר, מערקור'ן אויף לאַנגע יאָר. ביידע האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין צעשפּליטערן דעם אטאָם פון יידישן וואָרט און אַרויסקריגן דערפון דעם גאַנצן זאפט, קראַפט און האַפט. אָבער משה נאדיר, דער וואונדערלעכער הומאָריסט און סקעפּטיקער, האָט די אטאָמישע ענערגיע פון וואָרט אָפט אויסגענוצט אויף מלחמה, בעת מערקור איז מערקווירדיק פריד־לעך, שלום־ושלוה'דיק מיט אַלעמען — אין זיין שרייבן — אפילו מיט די, וואָס ער איז מיט זיי ניט שלום־ושלוהדיק אין לעבן. דאָס ערגסטע, וואָס ער איז קאַפּאַבל יענעם שרייבעריש אָפּצעטון איז — צו צעשפּאַלטן זיין נאָמען, אַנשטאָט זיין קאָפּ.

איך וויל דאָ מער ניט ציטירן, אָדער רע־ציטירן מערקור'ס וואָרט־שפּילן און געדאַנקען־שפּליטערס. דאָס וואָלט פּשוט געמיינט אַריינ-צושלעפּן זיין גאַנץ בוך אין מיין קליינער הקדמה אַריין. אַזאַ נס, אז די זיבן מאָגערע קי זאָלן פאַרצערן די זיבן פעטע קי, האָט געקענט פּאַסירן בלויז אין חומש, און דאָס אויך אין א חלום פון דעם מלך פּרעה. די לייענערס דאַרפן מיר אָבער ניט גלויבן אויפן וואָרט און — זיך גלייך נעמען צו וואָלף מערקור'ן אַליין, ווי ער אַנטדעקט זיך און אַנטפּלעקט זיך אין אָט־דעם ערשטן בוך זיינעם.

א. אלמי

4־וואָרט

1) נישט אַלץ וואָס געפינט זיך אין דעם בוך „מערקוריאַזן" האָט דערזען דעם „טאָג" וואו „מערקוריאַזן" זיינען אויסגעבריט געוואָרן און געהאַט אַ קינדהייט זעקס יאָר נאָכאַנאַנד. מער קוריאַזן זיינען געדרוקט געוואָרן אין אַנדערע צייטונגען און זשורנאַלן און פאַראַן אויך אַ צאָל וואָס זיינען נאָך געווען געדרוקט אין אַ חודש זשורנאַל „שיקאַגאָ", וואו איך האָב זיך אַליין ענטדעקט און ענט־פּלעקט. אין זשורנאַל „שיקאַגאָ" האָב איך אין מיין בעשיידנקייט זיך פאַרעפנטלעכט אונטערן פּסעוודאָנים: מארק יורי און אין אַנדערע פּובליקאַציעס אין אַמעריקע און אין חוץ לארץ האָב איך זיך גערופן מיט פאַלגנדע נעמען ווי: אריעל מעקוי, וואָלף קוועקזילבער, פראַנק אונפריי, אָטאָ האַרייסאָ און ביל־עם.

אַ היבשער טייל פון מאַטעריאַל אין דעם בוך איז אויף אַ מער קוריאַזן אופן קיינמאָל פריער אין ערגעץ נישט געדרוקט געוואָרן.

2) די צאָל דער־הויבאַמען וואָס האָבן מיר געהאָלפן דער בוך זאָל דערזען די ליבלעכטיקע אַטאָמישע וועלט, פאַרדינען מיין האַר־ציקסטן דאַנק פאַר זייער בעציאונג, איניציאַטיוו, אינספּיראַציע, מוסר־זאָגן און ממשות'דיקע אַרבעט. צוערשט דעם נשמה'דיקן מענטש, דעם קינסטלער און פּרעכטיקן אינטערפּרעטיוון **מאַלער לאַלא**, וואָס האָט מיך באַהויכט מיט זיינע צייכנונגען, וואָס גיבן דעם בוך פיזיאַנאָמיע און בעשטייגערן מיינע „בעלעמער חכמים". גאַרנישט ווייניקער דאַנק דריק איך אויס צו מיין פריינט דעם שריפטשטעלער **א. אלמי**, וואָס פירט מיך ביי דער האַנט און הקדמה'ונטערט מיך אין זיין הקדמה אויף אַ גאָר עקספּרעסיוון אופן. אַ גרויסן יישר כח באַלאַנגט צו מיין לאַנדסמאַן, דעם דיכטער און שוישפּילער **יעקב מעסטל**, וואָס האָט בודק געווען אַ היבש ביסל פון דעם מאַטעריאַל. עס דאַרף אויך בעדאַנקט ווערן **א. קאַרלין**, דער רעדאַקטאָר פון „די פעדער" וואָס האָט אַלס רעדאַקטאָר פון דעם בוך מיט זיין פעדער אַפּערירט יעדעס בלעטל פון „מערקוריאַזן". אויך דער מאָלערין **איידאַ העכט**, וואָס האָט מיר געשמירט מיט אויל דאָס פנים, כדי די פאַרב זאָל שטיין און דעם קאַריקאַטוריסט **דזשעיק ספּענסער** וואָס האָט מיר פאַר'לצ'עוועט מיין פרצוף, דאַנק איך פון טיפסטן האַרצן.

איך וויל אויך נישט פאַרגעסן צו געדענקען מיט דאַנק **לואי מאַר־קאָוויטש** פאַר זיינע אויסגעצייכנטע צייכנונגען.

3) איך וויל אויך דאַ דאַנקען דעם שעפּפערישן ליטעראַטור און טעאַטער-קריטיקער **נ. בוכוואַלד** אונטער וועמענס השגחה איך האָב געשריבן מיין סעריע „פּען קאַרטינקעס" און דעם קאָלום „אפשר יאָ און אפשר ניין", אין וועלכן איך האָב געשליפן מיין קוריאָזן נוסח און צום סוף וויל איך אויסדריקן מיינע סענטימענטן און צום באַדויערן, מיין צו שפּעטן דאַנק צו דעם פאַרשטאָרבענעם רעדאַקטאָר **וויליאַם עדלין** וואָס האָט מיך שטראָפנדיק געלערנט צאַרטקייט און מיך געמוטיקט צו שרייבן, אָבער אָן באַקציינער.

אן עפנטלעכן יישר כח זיינען אויך ווערט די גרויסע צאָל פריינט וואָס האָבן זיך פינאַנציעל באַמיט צו דערמעגלעכן דאָס דערשיינען פון דעם בוך ווי: **איזידאָר קעשיר, ע"ה, באָרים אויערבאַך, אברהם מערקור** און אַנדערע פון „קאָמיטעט וואָס האָבן מיר מאָראַליש געמוטיקט אין מיין אַרבעט.

4) צום סוף פון 4־וואָרט בין איך אויסן, טאָמער איז אייך עפּיס נישט קלאָר, בין איך תמיד גרייט אויפצוקלערן דאָס אומדער־קלערלעכע און דורך אייערע אויערן דאָס אריינליינגן אין אייערע מחות. איך וואַרט אויף אייער אויסרוף. לאָמיר זיך באַקענען.

וואָלף מערקור

סיאיז נישט כדאי צו קלערן
וועלכע אמתין צו זאָגן,
ווייל עס קענען די וואָס הערן,
דעם אמת נישט פאַרטראָגן.

אָ

אָט־אָ דאָס־אָ וואָלט געווען אינטערעסאנט,
זוען איך וואָלט געהאט היינע׳ס טאלאנט —
וואָלט איך שוין ביז אָט אָ דעם אָ אָרט
געזאָגט דאָס גרויסע און מעכטיקע וואָרט
אין קלינגענדען און באצווינגענדען פערז
פאר׳ן שטורם און דרינגענדען אוניווערז.
נאָר,
אזוי ווי איך בין נישט רילקע אָדער דאנטע,
און ביאליק און פושקין זענען מיר בלויז באקאנטע,
און ווייט בין איך פון פרץ, בייראָן, האלפערן און פאָ —
איז אָט־אָ־דאָס, דער סוף
פון אָט־אָ,
דעם
אָ.

קיינער נישט

יעדע ענ־לאכ־קייט צו לעבעדיקע ליב־לאכ־טיקע פאַרשוינען אָדער אינצידענטן אויף דער אָדער יענער וועלט איז אומריינער צופאַל.
דער מחבל

מענדל שטרענבערגער האָט מער נישט געוואוסט וואו ער זאָל זיך קערן און ווענדן. ער איז געזעסן אויף אַ באַנק אין קליינעם פּאַרק, נעבן דעם הויז אין וועלכן ער האָט געוואוינט אין אַ פינ־סטערן און ענגן צימער, און געטראַכט: באַלד וועל איך אויך שוין דעם צימער אויך נישט האָבן און איך וועל מוזן שלאָפן אין פּאַרק, נאָר אויף מיין מזל, וועט עס זיין ווי מיט מיין ערשטן און לעצטן קאָננצערט, ווען עס האָט געגאָסן מיט ציבערס. פאַרוואָס, האָט עס אין אים געברויזט, האָט עס דווקא געדאַרפט פליוכען אין טאָג פון זיין דעביו אין אַמעריקע! עס זיינען דאָך פאַראַן דריי הונדערט און פינף און זעכציק טעג אין יאָר? האָט דער מבול גראָד אויס־געקליבן זיך אראָפּצולאָזן מיט דונערן און בליצן פונקט אין יענעם טאָג און מיך פאַרפלייצט קינסטלעריש און פינאַנציעל.

ער איז געווען אָנגעטאָן בלויז אין אַ העמד און צוקנייטשטע הויזן. וואָס זאָל איך איצט פאַרזעצן? איך קאָן דאָך נישט ארומגיין אָן הויזן, האָט ער מיט זיך ארגומענטירט, און אין מיין צימער איז גאָרנישט פאַראַן מער וואָס צו פאַרזעצן, סיידן די פּאָר אַלטע ליטעראַרישע פּיעסן, פאַר וועלכע מען קען אַפילו נישט קריגן קיין פרוטה.

אַ שיינעם תכלית האָב איך פון זיך געמאַכט, אָט צוליב דעם בין איך געקומען קיין ניו יאָרק, כדי דאָ אויסגעריסן צו ווערן. ער האָט זיך דערמאָנט ווי סאָניא, זיין כלה האָט זיך ביי אים געבעטן: פאָר נישט קיין אַמעריקע, נישט צוליב אונזער ליבע, נאָר דיינע קינסטלערישע אַמביציעס. קיין ניו יאָרק מעג מען בלויז פאָרן ווען מען ווערט אימפּאָרטירט אַלס סטאַר. אַזעלכע ווי דו זיינען דאָרט פאַראַן אַסך. נישט אמת, האָט ער זיך געמוטיקט, נישט אמת. איצט, אַז איך בין דאָ, איצט ערשט ווייס איך, אַז אַזעלכע ווי איך זיינען דאָ נישט פאַראַן, אַז דאָס וואָס איך קען, דאָס וואָס איך קען בעוויזן, קען דאָ קיינער נישט, קיינער נישט, האָט ער צו זיך גאַנץ הויך אַרויסגערעדט, „קיינער נישט.“

ער האָט פּלוצים דערזען נעבן זיך אויף דערזעלבער באַנק אַ פרעמדן מענטשן, און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, טראַכטנדיק, אַז

ער האָט נישט געזען דעם מענטשן צוקומען און זיך אָוועקזעצן. אַזוי ווי פון דער העלער הויט איז דער מענטש אויסגעוואַקסן אויף דער באַנק.

דער פּרעמדער האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו אים און געזאָגט: אין אייער באַטאָנונג פון „קיינער נישט״ איז פאַראַן אַסך באַשלוס, פערצווייפלונג און אַנטוישונג. איר זענט אודאי שטאַרק פאַרנומען מיט געדאַנקען אויפצופּלאָנטערן אַ פּראָבלעם? אָבער ווי איך זע, דאַרפט איר נישט זיין באַזאָרגט, איר זענט יונג, זעט אויס געזונט, כאָטש אַביסל אויסגעצערט און אונטערדערנערט.

לאָזט מיך צורו מיט אייער פּסיכאָלאָגישע באַמערקונגען, האָט מענדל אַ דענערווירטער געזאָגט. איך בין נישט פאַראינטערעסירט זיך אַריינצולאָזן מיט אייך אין אַ געשפּרעך און הערט זיך אויף צו זאָרגן וועגן מיין אויסזען.

זייט נישט אין כעס, האָט דער פּרעמדער אַ רואיקער געענטפערט. איך מיין נישט אַריינצוקריכן אין אייער האַרצן אַריין, און עס איז גאָרנישט נויטיק, מען זעט אויף אייער שפּיץ נאָז, אַז איר שטייט פאַר אַ שווערן פּראָבלעם, איך וויל אייך בלויז פאַרזיכערן, אַז מען קען אַמאָל נישט וויסן פון וואַנען עס קען קומען אַן אויפלייז צו אים.

צום באַדויערן, האָט שטערנבערגער סאַרקאַסטיש געענטפערט, זעט איר נישט אויס ווי אליהו הנביא און איך גלויב נישט אין קיין ניסים.

דער פּרעמדער האָט געשמייכלט און זיך ווידער אָנגערופן, איר זעט אויס ווי אַן אינטערעסאַנטער שווישפּילער. מיר געפעלט אייער דיקציע און דער טעמבער פון אייער שטים.

מענדל איז ווייכער געוואָרן, איר האָט געטראָפן וועגן מיין פּראָפעסיע, אָבער ליבער מענטש, וואָס פאַר אַ ווערט האָט מיין דיקציע און טעמבער? ווער וועט מיר געבן אויף דירה געלט פאַר מיין שטים. אָט זעט, מיין גאַנץ פאַרמעגן באַשטייט פון דעם, וואָס איך טראָג אויף זיך, דאָס העמד און די הויזן, דאָס רעקל האָב איך נאָך אייערנעכטן פאַרזעצט, מיין גאַנצער קאַפּיטאַל באַטרעפט איצט צוואַנציק סענט. נו, זייט איר אַ חכם און זאָגט: וואָס ווייטער?

אַסך, מיין ליבער פריינט, האָט דער פּרעמדער געענטפערט, אַסך, דאָס איך טאַקע אַלץ וואָס איר האָט, אָבער, וואָס איז וועגן אייערע כאַראַקטער? מיר שיינט, אַז איר האָט אַ פיינעם כאַראַקטער.

א געוואלטיקע מציאה, האט מענדל זיך הויך צולאכט, אפשר קענט איר עפעס א פילאנטראפ ביי וועמען איך זאל קאנען פארזעצן מיין כאראקטער? ווער וועט מיר געבן צען סענט פאר מיין כאראקטער? ווער? ווער?

איך, האט דער פרעמדער ערנסט געענטפערט. איך וועל אייך געבן.

א דאנק, האט מענדל א בעלײדיקטער געזאגט און זיך אויפגע־הויבן. איך בעט נישט קיין נדבות.

גייט נאך נישט אוועק, האט דער פרעמדער אים צוריקגעהאלטן, זיצט, איך האב נישט געמיינט קיין נדבות, איך בין א געשעפטסמאן, איר קענט ביי מיר פארזעצן אייער כאראקטער.

אן אויפגעקאכטער, האט מענדל געענטפערט, פאלגט מיך און טשעפעט זיך אפ פון מיר, טוט מיר א טובה.

איך וויל אייך טאן א טובה, האט דער פרעמדער אונטערשטראכן. איך מיין דאס גאנץ ערנסט. איך וויל ביי אייך אפדינגען אייער כאראקטער.

אדער איר זענט משוגע אדער איך בין מטורף, האט מענדל א פארגאפטער געזאגט. וויפיל א שטייגער איז מיין כאראקטער ווערט ביי אייך?

טויזנט דאלאר. האט דער פרעמדער רואיק ארויסגערעדט. טויזנט דאלאר.

שטערנבערגער האט געקוקט א דערשטוינטער אייניקע רגע'ס אויפ'ן פרעמדן, געטראכט, און מיט רחמנות געזאגט: גייט זיך געזונ־טערהייט, עס איז א הייסער טאג און די זון איז אביסל צו שטארק פאר אייערע נערוון, פאר אייער קאפ.

דער פרעמדער האט שווייגנדיק ארויסגענומען א טאש פון זיין בוזעם קעשענע און פון דארט ארויסגעצויגן צוויי פינף הונדערט דאלארדיקע באנקנאטן, אויפגעהויבן זיין קאפ צו שטערנבערגערן. אים געקוקט גלייך אין די אויגן אריין: אט איז דאס געלט, פארזעצט ביי מיר אייער כאראקטער פאר טויזנט דאלאר.

שטערנבערגער האט געעפנט מויל און אויגן און נישט געקענט געפינען קיין ווערטער. מענטש, האט ער ענדלעך ארויסגעשטאמלט, דאס זיינען דאך אמת'ע באנקנאטן. איך האב דאך גארנישט גע־וואוסט, האט ער מיט א שמייכעל צוגעגעבן, אז אין דער גאנצער וועלט איז פאראן אזויפיל געלט אויף איינמאל. אבער איך בעט אייך, הערט אויף צו טרייבן שפאס מיט מיר. הערט אויף חוזק

צו מאַכן פון מיר. עס ליגט זיך מיר גאָרנישט אויפן שכל. איר מיינט צו באַהויפּטן, אַז איר ווילט ביי מיר אָפּדינגען מיין כאַראַקטער? איך פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי קען מען פאַרזעצן אַ כאַראַקטער? וואָס איז אַ כאַראַקטער? אַ רינגל? אַ זייגער? אַ פּאָר הויזן? וואָס פאַר אַ מציאה איז אַ כאַראַקטער?

וואָס דאָס איז פאַר אַ מציאה, ווייס איך, האָט דער פרעמדער באַטאָנט מיט אַ פיל מיינענדיקן זשעסט, איר דאַרפט בלויז זאָגן, יאָ, און דאָס געשעפט איז געמאַכט.

שטערנבערגער האָט שאַרף בעטראַכט דעם פרעמדן און ענדלעך געזאָגט: ווענן אַזעלכע געשטאַלטן ווי איר לייענט מען בלויז אין דער ליטעראַטור.

איר מיינט מעפיסטאָ? האָט דער פרעמדער זיך הויך צולאַכט, גלויבט מיר, געשעעענישן אין לעבן זיינען אָפט מער משונה'דיק ווי די געניאַלסטע פיקציע. איך בין אַ געשעפטסמאַן און איך בין גרייט צו אינוועסטירן טויזנט דאָלאַר אין אייער כאַראַקטער.

ניין, האָט שטערנבערגער פעסט געזאָגט, ניין, ווען איר זאָלט מיר אפילו געבן צען מאָל אַזויפיל, מאַך איך נישט אַזעלכע פאַנטאַסטישע געשעפטן.

איך וועל אייך גאַראַנטירן, האָט דער פרעמדער מוסיף געווען, אַז איך וועל אייער כאַראַקטער נישט אָפּנוצן, איך וועל אים נישט באַפלעקן, איך וועל אים אייך צוריקברענגען אַזוי ריין ווי איר וועט אים מיר איבערגעבן.

ניין, איז שטערנבערגער געוואָרן פעסטער ביי זיך, ניין! מיין כאַראַקטער איז דאָך די ווערטפולסטע אייגנשאַפט וואָס איך פאַרמאָג. ניין, האָט ער קאַטעגאָריש פאַרענדיקט.

דענקט איר נישט, אַז איר וואָלט געקאָנט אויסקומען אַ שטיקל צייט אָן אייער כאַראַקטער? איר דאַרפט דאָך דאָס געלט אסך מער ווי אייער כאַראַקטער. און גלויבט מיר, ווען איר וועט נאָר וועלן, וועל איך אייך צוריקקערן, ווי איר זאָגט, די מציאה, און איר וועט מיר צוריקקערן מיין געלט מיט פינף פּראָצענט.

ווען איך וועל וועלן, זאָגט איר? פאַר פינף פּראָצענט?

יאָ, האָט דער פרעמדער באַשטעטיקט, ווען איר וועט נאָר ווען. מיר וועלן שרייבן אַ קאָנטראַקט און ווען נאָר איר וועט זיין גרייט צו באַצאָלן וועל איך אייך צוריקגעבן אייער כאַראַקטער. אָפּגעמאַכט?

אָפּגעמאַכט, האָט שטערנבערגער געזאָגט, און צוגעגעבן, איר מעגט זיין זיכער, אַז מיר וועלן זיך נאָר אין גיכן ווידער זען.

ווען איר וועט נאָר ווילן, האָט דער פּרעמדער געשמייכלט, קומט, לאָמיר צוגיין צו א נאָטאַר.

מענדל שטערנבערגער האָט גענומען שטייגן הויך און וואַקסן ווי אויף הייוון. זיך געקויפט נייע עלעגאַנטע מלבושים, ארומגעוויקלט מיט איין פינף הונדערט באנקנאָט די קלענערע באנקנאָטן און אָנגעהויבן טאָגן און נעכטיקן אין קאַפע ראָיאַל, קיין מאָלצייט האָט ער חלילה קיינמאָל קיינעם נישט געקויפט, מען זאָל זיך אפילו געוועז אויסשטרעקן ביי זיינע פּיס. ער האָט געביטן זיין ערשטן נאָמען אויף מאַרווין און זיין צווייטן פאַרקירצט אויף שטערן. מאַרווין שטערן. כדי בעקאַנט צו ווערן, האָט ער אָנגעהויבן צו זינגען אויף דער ראַדיאָ און געבן קאָנצערטן אומזיסט. אַנדערע זינגער האָבן צוליב דעם פאַרלוירן זייערע פאַרדינסטן. ער האָט אָנגעשטעלט א פּרעסאַגענט וואָס זאָל אים רעקלאַמירן און עס זיינען דערשיינען אין פאַרשיידענע צייטונגען נאָטיצן און אינטערוויוען. א שיינער, יונגער און עלעגאַנטער אַקטיאָר, איז ער באַלד געוואָרן פּאָפּולער אין טעאַטער קרייזן און דירעקטאָרן האָבן אָנגעהויבן אים צו גריסן און מאַכן אָנבאָטן. ער איז ענגאַזשירט געוואָרן קיין שיקאַגאָ, וואו מען האָט אים פּראָקלאַמירט אַלס א נייער אייראָפּייאישער שטערן. אין אינטערוויוען האָט ער פאַרזיכערט די דאָרטיקע אינטעליגענץ, אַז ער וועט אויך אויפפירן ליטעראַרישע פּיעסן, אָבער ווען „דער יידישער ציגיינער" א מיוזיקאַלישע קאָמעדיע וואָס ער האָט אויפגעפירט, איז געוואָרן א גרויסער דערפאָלג, האָט ער שוין דעם גאַנצן סעזאָן געשפּילט אַזעלכע און ענלעכע קוקלע קאָמעדיעס און צו קיין ליטעראַרישע פּיעסן אינגאַנצן נישט צוגעלאָזט. צוליב די גרויסע ענגלישע צייטונג אַנאָנסן, האָט ער געביטן זיין נאָמען אויף „סטאַר."

ווען א טעאַטער־קריטיקער האָט געשריבן: כאָטש דער נייער שטערן איז געוואָרן א סטאַר, זיינען מיר איבערצייגט, אַז שטערן—שטערן. און לויט שעקספּיר וויסן מיר, אַז א קנאָבל אונטער דעם נאָמען רויז וועט פונקט אַזוי שמעקן. סטאַר איז אַוועק אין דער רעדאַקציע, דאָרט געמאַכט א סקאַנדאַל, אַז מען גראָבט אונטער דעם פונדאַמענט פון יידישן טעאַטער.

אויפן צווייטן סעזאָן איז סטאַר געוואָרן סטאַר און שותף אין א ניו יאָרקער טעאַטער, וואו ער האָט געקראָגן אַלע קאָנדיציעס וואָס ער האָט געפאָדערט. זיין נאָמען מוז ברענען מיט עלעקטרישער

שריפט איבערן טעאטער און דארף שטיין פארויס פאר דער פיעסע. אויף אפישן און אין ציטונג אנאנסן דארף זיין נאמען און זיין בילד זיין גרעסער ווי פון יעדן איינעם. ער האט די רעכט צו קלויבן דראמאטורגישע שניידער אים אנצומעסטן ראלן. יעדער וויץ פון יעדן טיפ פון יעדער פיעסע מוז צוגעשריבן ווערן צו זיין ראל. יעדער פאראגראף וואס ברענגט אן אפלויז, דארף געזאגט ווערן פון אים.

אנדערע אקטיארן אין דער טרופע האבן ווייניק וואס געהאט צו טאן, ווייל אז סטאר איז ארויף אויף דער בינע האט ער פארגעסן אראפצוגיין, סיידן ווען דער פארהאנג איז געפאלן. ווען איין קריטיקער האט געשריבן: „צום באדויערן איז סטארס דיקציע אזוי, אז מ׳קען הערן יעדעס ווארט,״ „ווען סטאר קומט ארויף אויף דער בינע קוקט ער נישט אויף א זייגער, נאר אויף א קאלענדאר,״ האט סטאר איינגעפירט א רעפארם אין זיין טעאטער, אז קיין יידישער טעאטער קריטיקער, טאר נישט ארייננעלאזן ווערן.

סטאר איז געווען א מכשף צו קריגן נייע פריינט, וואס זאלן אינוועסטירן קאפיטאל אין זיינע ספעקטאקולערע פראדאסאכצן, כאטש ער האט תמיד געיאמערט, אז ער לייגט צו שווערע טויזנטער. אין טעאטער קרייזן האט מען זיך געוויצלט, אז ווען סטאר זאל אזוי צולייגן כאטש נאך צוויי יאר צייט וועט ער נעבעך באלד מוזן ארבעטן אויפן צוויטן הונדערט טויזנט דאלאר. די ביכער האבן אבער שווארץ אויף וויים באוויזן די געוואלטיקע פארלוסטן. ער האט קיין געלט ביי קיינעם חלילה נישט צוגענומען. ער פלעג בלויז קריגן אייניקע הונדערט דאלאר געהאלט יעדע וואך, פלעג צונעמען פון דראמאטורגן האלב פון די ראיאלטיס, ווייל ער פלעג מיט געוואלט תמיד צולייגן א לאפע צו די ענדערונגען. אפילו פאר די בעז-גראם־מאטנע גראמען וואס ער פלעג צוזאמענפלעכטן, האט ער געקראגן געלט, ווייל אן אנדערער וואלט דאך אויך געקראגן באצאלט, נו, אלס רעזשיסער און פראדאסער איז אים דאך אויך געקומען צו באצאלן, האט ער גענומען פון איין קעשענע און ארייגעלייגט אין דער צווייטער.

צו זיין געוועזענער כלה סאניא האט ער שוין לאנג אויפגעהערט צו שרייבן. אים איז נישט געפעלן געווארן ווי זי האט אים קרי־טיקירט אין אירע בריוו. למאי ער איז קינסטלעריש געזונקען, למאי ער האט פארביטן זיין אידעאליזם אויף א האפקע, למאי ער איז געווארן אוים אקטיאר און געווארן א סטאר. זי באדויערט וואס

זי האָט אין עקסטאַז פון דער ערשטער ליבע נישט געקענט אים דערזען אין ריכטיקן ליכט.

א באַמינקטע טאָכטער פון א זויערקרויט פאַבריקאַנט, א זייער פּאָפּולערע מיאוסקייט, איז אים געשטאַנען אין וועג צו זיינע צאָל-רייכע ליבעס. מען האָט זיך וועגן אים געשושקעט, אַז דער וועג פאַר שוישפּילערינס צו זיין בינע פירט דורך זיין שלאָפצימער. כדי זיך אָפּצוטשעפּען פון דער רייכער פאַרזעעניש האָט ער מיט איר חתונה געהאַט, מיט׳ן תנאַי, אַז זי זאָל זיך נישט מישן אין זיינע געשעפטן און נישט ארומהענגען ארום דעם טעאַטער.

אויפן דריטן סעזאָן איז ער נאָך העכער געשטיגן. כדי דאָס צו באַלאַנסיר׳ן זיינען די גאַזשן פון זיינע אָנגעשטעלטע געזונקען. ער האָט אַרויסגעוואָרפן זיין לעצטן שותף, ווייל יענער האָט נישט געהאַט מער קיין קאַפּיטאַל אַרויסצושלעפּן פון זיין שמאַטע געשעפט. ער האָט ביי אים צוגענומען זיין ווייב, ווייל זי האָט נאָך געהאַט א אַפּותיקי. צוליב דעם האָט ער זיך אָפּגעגע׳גט פון זיין פרוי, מיט וועלכער ער פלעג מער טאָגן ווי נעכטיקן. א גרויסער טייל פון איר זויערקרויט פאַרמעגן איז פאַרשלונגען געוואָרן אין זיינע פּראָדאָקציעס.

אויפן פירטן סעזאָן פון זיין פענאָמענאַלן אויפשטייג איז שוין קיין אַנדער נאָמען אין זיין טעאַטער נישט דערמאָנט געוואָרן, נישט איבער׳ן טעאַטער, נישט אין די אַפישן און נישט אין די צייטונגען. מיט צירקוס אַפּישן און דריי גאָרנדיקע אותיות האָט מען אומעטום געליייענט „מאַרווין סטאַר.״

מיט גרויסע אַנאָנסן אין די ענגלישע צייטונגען וואָס האָבן געקאָסט א פאַרמעגן און מיט דריבנינקע אַנאָנסן, און גרויסע נאָטיצן אין די אידישע גאַזעטן האָט זיך מאַרווין סטאַר גענומען גרייטן צו דער פּרעמיערע פון פינפטן סעזאָן. ער איז אַרומגעגאַנגען א נער־וועזער און נישט געוועזן צופרידן פון קיין זאַך. ער האָט געשאָלטן די אידישן אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען אַוועק אין ענגלישן טעאַטער קויפן בענעפיטן. זיי האָבן געטענה׳ט, ווען סטאַר זאָל קענען אַוועק צו די גויים וואָלט ער אויך געלאָפן. ער האָט געזידלט זיין פאַר־וואַלטונג, דעם דראַמאַטורג, דעם ליריקער, דעם דעקאָראַציע מאָלער, די בינע אַרבעטער, איבערהויפּט האָט ער געזידלט די יוניאָנס און באַליידיקט די שוישפּילער, געשריגן, אַז זיי עסן אים אויף דאָס האַרץ ביי ד פּראָבן. איין געוואַגטע שוישפּילערין האָט אים גע־ענטפערט, אַז זי עסט נישט קיין שטיין, האָט ער זי געוואָלט אָנ־פּאַטשן. זיין גאַנצן כעס האָט ער אויסגעלאָזט צום פּרעס־אַגענט,

למאי ער האָט נישט געקענט פועל׳ן ביי די ציימונגען אים צו פּראָקלאָ־מירן אלס רעפּאָרמאטאר פון דער יידישער אָפּערעטע.

איין שרייבער האָט אים גאָר ארויסגעבראַכט פון די האָלאָבליעס, ווען ער האָט אים מיט א קאָפּוליער אָנצוהערעניש געפרעגט: מיסטער סטאר, ווען א פערד׳ס גנב הויבט אָן צו גנבענען אָטאָמאָבילן, ווערט ער א רעפּאָרמאטאָר?

אָן אויפגעקאָכטער, האָט ער זיך געלאָזט צום טעאַטער, שפּאַנענ־דיק שנעל, האָט ער זיך געזידלט, פאַרוואָס ער איז דעם שרייבערס נישט פאַרפאַרן אין די ציין אריין, אָנפּאַטשן וואָלט איך אים גע־דאַרפט, ווען איך וואָלט געהאַט אין זיך א שטיקל כאראַקטער.

א פרעמדער מענטש האָט אים פּלוצים אָפּגעשטעלט ביים אריינ־גאַנג פון טעאַטער. איר דערקענט מיך, מיסטער סטאר?

סטאר האָט זיך שוין אסך יאָרן נישט אָפּגעשטעלט צו ריידן צו א גלאַט פרעמדן. אפילו מיט נאָענטע האָט ער זיך געהאַלטן פון דער ווייטענס, סיידן זיי האָבן געשמעקט מיט געלט. ער איז געווען אין אַן אויפגערעגטן צושטאַנד, איך האָב נישט קיין צייט פאַר קיין רעטענישן, האָט ער שאַרף געענטפערט, זאָגט מיר ווער איר זענט און וואָס איר ווילט.

וואָס איך וויל? האָט דער פרעמדער פאַרוואונדערט געפרעגט, איך האָב געמיינט, אַז איר ווילט.

די געוואַגטקייט פון פרעמדן האָט אים איבעראַשט. ער האָט אים אָנגעקוקט מיט דורכדרינגענדע אויגן. אָ, איך דערקען אייך, יאָ, יאָ, איך דערקען אייך. געוויס דערקען איך אייך, איר זענט . . . ער איז פּלוצים אנטשוויגן געוואָרן און זיך ארומגעקוקט, אנגענומען דעם פרעמדן אונטערן אָרעם, קומט מיט מיר אריין אין מיין גאַר־דעראָב צימער.

אריינגעקומען אין גאַרדעראָב צימער, האָט סטאַר פאַרשלאָסן די טיר הינטער זיך און אָנגעהויבן: זיצט, זיצט, אַזוי, אַזוי, דאָס זענט איר, מיר האָבן זיך שוין א לאַנגע צייט נישט געזען.

שוין פינף יאָר, האָט דער פרעמדער געענטפערט. איר זעט אויס איינגאַנצן אַנדערש, דערפאָלגרייך, א נאָמען, א פּערזענלעכקייט, א רעפּוטאַציע. איך בין זייער צופרידן.

אָבער איך בין נישט צופרידן, האָט סטאַר מיט אַן אָנשטעל פון זאָרג געיאָמערט.

נו, געוויס, האָט דער פרעמדער געפאָרשט, אַזוי לאַנג אָן א כאַראַק . . .

ניין, נישט דאָס מיין איך, האָט אים סטאַר איבערגעשלאָגן.

אפשר מיינט איר, אַז איר זענט אומצופרידן מיט מיין קומען? האָט דער פּרעמדער געפּרעגט.

ניין, אומגעגנטייל, האָט סטאַר, מיט אַ געשפּילטער פריידֿ, געזאָגט; פּאַרקערט, איך בין שטאַרק צופרידן וואָס איר זענט געקומען, וואָס איך האָב געמיינט איז, אַז איך בין אומצופרידן מיט אַלץ וואָס איר האָט וועגן מיר אויסגערעכנט. וואָס מיינט רעפּוטאַציע? וואָס מיינט כבוד? נאָמען? אַז איך פּטר מיין ענערגיע, מיין גרויסן גייסט, מיין געניאַליטעט, מיין קאָלאָסאַלן טאַלאַנט אויף גאָרנישט און גאָרנישטן. אָבער איך בין דוקא צופרידן מיט אייער קומען, ווייל איך וויל מיט אייך מאַכן אַ ניי געשעפט.

איך בין גרייט צו הערן, האָט דער פּרעמדער געזאָגט און ארויסגענומען פון זיין בוזעם-קעשענע אַ קאָנווערט. איך האָב דאָ אונזער קאָנטראַקט. זיינט איר גרייט צו באַצאָלן?

באַצאָלן ? האָט זיך סטאַר געחידוש׳ט, אין אונזער קאָנטראַקט שטייט דאָך, ווען איך וועל וועלן. וויל איך נישט. אַן אַפּמאַך איז אַן אָפּמאַך, אָבער איך בין גרייט איצט צו מאַכן מיט אייך אַ ניי געשעפט.

דער פּרעמדער האָט זיך אויפגעהויבן אוועקצוגיין.

וואַרט, וואַרט, גייט נאָך נישט, האָט סטאַר אים צוריקגעהאַלטן, מיט פינף יאָר צוריק האָב איך ביי אייך פאַרזעצט מיין כאַראַקטער, אָבער איצט האָב איך פאַר אייך די ריכטיקע מציאה. איך האָב נאָך אין זיך אַ שטיקל געוויסן און אַ ביסל בושה, קויפט דאָס אויך אָפּ ביי מיר און איך וועל ערשט ריכטיק אויפגעריכט ווערן, איך וועל אַליין אָנהויבן צו דראַמאַטיזירן, אַליין צו שרייבן פּיעסן, שרייבן לידיק, שרייבן מוזיק, שרייבן פּובליסיטי, ווייל קיינער קען גאָרנישט, קיינער נישט, קיינער נישט, קיינער נישט. בשעת זיין שרייען האָט ער געקוקט אין שפּיגל צו זען צי ער מאַכט די ריכטיקע גרימאַסן און באַוועגונגען און ווען ער האָט זיך צוריק אויסגעדרייט איז אים דער לעצטער „קיינער נישט” פאַרגליווערט געוואָרן אין האַלז, ווייל עס איז קיינער נישט געווען אין צימער. אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַנומען, ער איז צוגעלאָפן צו דער טיר, זי איז געווען פאַרשלאָסן. אַ מורא׳דיקער פּחד האָט אים אַרומגעכאַפּט, מיט אויסגעשטאַרצטע אויגן, זוכנדיק אין אַלע זייטן, האָט ער מיט אַ פאַרדומפּטער שטים געברומט: קיינער נישט, קיינער נישט, קיינער נישט.

איך ווייס, איך ווייס נישט . . .

אין מיין טראכטעניש, כסדר,
ווען איך וויל געדאנקען שפינען,
ווערט מיין קאָפּ צושפּאלטן דרינען,
ווייל איך זע נישט קיין באגינען,
רק עס קומט מיר אויפן זינען:
איך דארף גיין צוריק אין חדר.

ווינציק וואָס געווען אין שולע
און טאקע גאָרנישט אין ישיבה,
בלויז געדרייט זיך אין א סביבה
צווישן מענטשעלעך נאאיווע,
פוסט און פאסניקעס מאסיווע
און געבליבן א כאמולע.

כ׳זוך אן ענטפער אויף דער קשיה,
וואָס אזוינס איז מעטאפאזיק?
וואו געשפּילט האָט מאָנא ליזיק?
און ווי גרויס איז עפּעס ריזיק?
צי פון פּסיכאָ־אנאליזיק,
האָט גע׳דרשנ׳ט עפּיס רש״י?

כ׳פרעג ביי זיך אליין אומענדלעך,
צי מען שלינגט אין כינע — כינע,
וואו איז אויף דער בינע־בינה?
צי איז ליבע דאָ אין שנאה?
נאָר וואָס איז די נפקא מינא?
אלעם איז מיר אומפארשטענדלעך.

כ׳בלאָז זיך תמיד מיט א גוידער,
ס׳איז די וועלט כסדר קאָמיש,
פון בראשית עד היום־יש,
נאָר פּאָליטיש־עקאָנאָמיש
וועט דער סוף זיין נישט אטאָמיש,
נאָר מען זאָגט מיר, אז איך פּלוידער.

כ׳וויים נישט וואָס מען מיינט מיט עטיק,
רק איך שטופּ זיך מיט א העזה,
רייד פון דיכטונג און פון פּראָזע,
מאך אן אָנשטעל און א פּאָזע,
נאָר ביים ריידן פון שפּינאָזע,
ווער איך פּשוט הינערפלעטיק.

ס׳איז מיין לאָגיק פלאך און שפּאסיק,
איך קען מאכן פּאראלעלן,
ווייזן וועלכן סעקסועלן
נאָענטן שייכות קולטורעלן
ס׳האָבן יאָשע קאלב נאָוועלן,
נאָר ס׳איז קיינער מיך נישט משיג.

אָפּט מיין שכל טו איך שלייפן,
ווי רעאל איז רעאליזם?
וועגן רום פון רומאנטיזם,
וואָס סע שטעקט אין אינזיכיזם,—
נאָר באמת וואָס עס איז אים
קען איך נישט בעגרייפן.

כ׳וואָלט געוואָלט זיין מוזיקאליש,
זינגען טענער פון רומשינסקי,
אָראטאָריעס פון פינסקי,
און סימפּאָניעס פון מינסקי,
ווער ניזשינסקי? וואָסטראָווינסקי?
וויל איך וויסן, אז איך חלש.

כ׳וויים אויך נישט צי עס איז אמת
כאָטש איך הער דאָס ווידערהאָלן,
אז ס׳וואָלט שלום אש געקוואָלן,
שפּילן איינעם פון די ראָלן,
פון „צדיקים"-אפּאָסטאָלן,
נאָר ס׳איז אפשר בלויז א רמז . . .

כ׳האָב א קעפּל א שטיק אייזן,
ס׳איז דערפאר מיין אנאליטיק,
די און יענע וועלט פּאָליטיק,
איז נישט פּראָסטע יעזואיטיק,
פּראָסטע-טוטיש, היפּאָקריטיק,
כאָטש איך קען דאָס נישט בעווייזן.

אז איך וויים נישט — וויים איך טאקע,
ווען איך הער אָפט פוסטע דרשות,
ווי גערימט גאָר אָפט א רשע איז,
עס בעפאלט אזש א חלשות,
ווייל מיין שכל נאָך ניש-קשה איז
כאָטש איך וויים דאָך בלויז א מכה.

איך וויים אויך נישט צי עס איז ריכטיק
יעדער רעכט — איז נישט גערעכטיק,
און ניט שלעכט איז — וואָס געשלעכטיק,
יעדער היינט איז מאָרגן נעכטיק,
עמיצן איז יעדער קנעכטיק
נאָר מען זאָגט מיר ס׳איז נישט וויכטיק.

כ׳רייד פון אלץ און וויים א האָר ניט,
ווער עס מיסטיקט דער איז מיסטיש,
יעדער סטאטיק איז סטאטיסטיש,
וואו א פע — איז פעמיניסטיש,
ניבול פה איז פעסימיסטיש,
וויים דאָס אלץ און וויים פון גאָרנים.

בעסער גאָרניט וויסן איידער,
קייען, שפייען מעלה גירה׳יש,
איינשטיין איז מיר קלאָר בפירוש,
לייוויק האָט אויף אים א פירוש,
איך בין קלוג ווי אחשורוש,
וואָס איך וויים איז אָן א סדר.

ס׳וואקסט מיין פוסטער קאָפּ אויף הייוון,
כ׳וויל מיין קענטשאפט תמיד שטארצן,
רייד פון שעקספּיר׳ן און שווארצן,
זיי׳רע דימענטן און קווארצן,
קריכן גלייך אריין אין הארצן—
נאָר איך בין דאָך נישט קיין מבין.

כ׳וואָלט געוואָלט אלץ וויסן בעסער,
ווייזן, אז די פּראָלעטאריער,
זענען נעבעך וועגעטאריער,
און אז יעדער שוויענטע מארי׳ער
איז און בלייבט א ריינער אריער
מיט א שארף און בלוטיק מעסער.

אין דעם סוף דאָ, ליגט דער שליסל
און פון דעם אָ די מאָראל איז,
אז אן אלטער קלוגער כלל איז;
„גייסטיק איז נישט דער בדלות,
ווער עס ווייסט, ער ווייסט נישט אלעם"—
ווייל ער ווייסט פון אלץ אביסל.



אונטערדריקטע באַגערן

אַנדערש וואָלט די וועלט גאָר אויסגעזען,
ס׳אַפּיקורסות צו ברענגען אויף די ליפּן,
ווען אדם הראשון וואָלט קיין נאַר נישט געווען
און געשטאָרבן מיט אַלע זיינע ריפּן.

דער מוסר־השכל פון דער געשיכטע וועט פאַרענטפערן דעם אינ־האַלט, וועלכער וועט ערטערווייז קלינגען אומדרוקבאַר; אָבער מיינע כוונות זיינען ריין־ יעזואיטישע, ווייל דער צוועק הייליגט די מיטלען.

געשען איז דאָס לאַנג צוריק בשעת אַ קאָנווענשאָן, וועלכע מיר וועלען נישט אָנרופען ביים נאָמען; אין אַ שטאָט, וועלכע מיר מוזען צוליב פאַרשיידענע אורזאַכן האַלטן בסוד; אין אַ האָטעל, וועמעס נאָמען איך דאַרף, צוליב ענלעכע טעמים, נישט אָנגעבן, און אויך ווייל אַלע האָטעלן אין יענער מלחמה צייט זיינען שטאַרק ענלעך געווען צוליב איין פראַזע — „נישטאָ קיין צימער, אַלץ פאַרדונגען".

אין דעם האָטעל איז אָנגעקומען אַ טעאַטער-טרופּע, וועלכע האָט אויף דעם קומענדיקן טאָג געזאָלט שפּילן אין אַ דאָרטיקן טעאַטער אַ באַרימטע ראַדיאָ־סענזאַציע, וועלכע איז אין ניו־יאָרק אַ לאַנגע צייט געגאַנגען אויף דער לופט, כאָטש נישט לאַנג גענוג, ווייל די פּיעסע איז נאָך נישט געווען גענוג אויסגעלופטערט; אָבער דאָס איז נישט וויכטיק—נישט פאַר אונזער געשיכטע און זיכער נישט פאַר דער טרופּע.

דאָס אָנקומען פון דער טרופּע האָט געשאַפן אַ גאָר מאָדנעם פּראָבלעם:

בלויז צוויי אַקטיאָרן פון דעם אַנסאַמבל האָבן נאָך מיט אַ צייט פריער טעלעגראַפיש באַשטעלט צימערן אין דעם האָטעל, און קיין אַנדערע פרייע צימערן האָט דער האָטעל נישט געהאַט. די טרופּע איז באַשטאַנען פון פופצען מענשען, ניין מענער און זעקס פרויען. מען האָט געפּרואווט מיט פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס אויפצולייזן דעם שלאָף־פּראָבלעם, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן, ביז דער האָטעל־קלוירק האָט זיך אַריינגעמישט און זיי געלאָזט וויסן, אַז אין האָטעל איז פאַראַן אַ גרויסער קאָרטן-זאַל מיט צען אויפשטעל־בעטלעך, און ווער עס וויל קען דאָרטן איבערנעכטיקן.

ביי אַלעמען האָבן אויפגעשיינט די אויגן, אָבער ווי אַזוי מען זאָל זיך איינטיילן האָט קיינער נישט געוואוסט. ביז דער בוך־קאָמיקער, אַ יונגערמאַנטשיק פון אַ יאָר דריי־פיר און פופציק, מיט אַ וואונדער־לעכן קאָפּ מיט הויט, אָדער, ווי ער אַליין פלעגט זאָגן, מיט אַ גרויסן

שטערן ביז'ן נאַקען, איז געפאַלן אויף אַ פּלאַן און פאַרגעשלאָגן, אַז די צוויי צימערן זאָלן איבערגעגעבן ווערן צו די זעקס פרויען און אַלע ניין מענער זאָלן שלאָפן אין קאָרטן-זאַל.

דעם בוך-קאָמיקער'ס פרוי האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם פּלאַן. שוין צוואַנציק יאָר אַז זי איז פאַרהייראַט און צווישן איר און איר מאַן האָט זיך קיין זאַך נישט געענדערט — זיי האָבן זיך נאָך אַלץ נישט געקענט אָנקוקן. זי האָט געהאַט דריי גוידערס און זיך קולטי־ווירט אַ פּערטן, אָבער זי האָט זיך כסדר געשמירט דאָס פּנים כדי די פאַרב זאָל שטיין, און זי האָט בלויז געוואָלט זיין מיט איר מאַן. זי האָט נישט געוואוסט, אַז ווענן זייערע אינערלעכע אַנגעלעגנהייטן האָט מען געשושקעט פון בראָד ביז בראָדוויי. איר מאַן האָט אין דער ווייטער שטאָט געהאַפּט אויף עפּעס אַ ראָמאַנטישער באַגעגעניש, און כאָטש די איין־איינציקע נאַכט האָט ער געוואָלט בלייבן אָן זיין יידענע.

אין דערזעלבער פּסיכאָלאָגישער לאַגע, נאָר נאָך מער אָנגעפילט מיט אונטערדריקטע באַגערן, און דעריבער אויך מיט אַ מער־צע־פּלאָקערטער און צעשפּילטער פאַנטאַזיע וועגן אַ ראָמאַנטישער אַוואַנ־טור, איז געווען דער סופליאָר, וועלכער האָט שטאַרק אַגיטירט, אַז אַלע פרויען זאָלן שלאָפן באַזונדער און די מענער באַזונדער — אין קאָרטן־זאַל.

זיך אַנטקעגנשטעלן דעם סופליאָר האָט קיינער נישט געוואַגט. עס איז פּשוט געווען אַ געפאַר, ווייל קיינער האָט נישט געקענט זיין ראָלע, און אויף דעם סופליאָר'ס לונגען און אין זיין מויל איז געלעגן זייער מאָרגנדיקער דערפאָלג.

די פרויען זיינען טשערעפּאַכעדיק אַוועק אין די צוויי צימערן. וואָס זיי האָבן געטראַכט פון זייערע מענער איז נישט דרוקבאַר . . . די מענער, כאָטש אויסגעמאַטערטע פון דער רייזע, און נישט אַזוי פון דער רייזע ווי פון דעם שפּילן אַ גאַנצן טאָג קלאַביאַש און פּינאָקל, האָבן זיך צעזעצט אין דער לאָבי מיט חלומות; אָבער סוף־כל־סוף זיינען זיי איינציגווייז, אַנטוישטע, אַוועק אין קאָרטן־זאַל שלאָפן.

אָבער, אַז ס'איז באַשערט . . .

מיט איין שטונדע שפּעטער אין דער נאַכט (צוליב אַטמאָספערע לאָמיר מאַכן, אַז עס איז געווען אַ רעגנדיקע נאַכט), איז אין האָטעל אָנגעקומען אַ יונג, שיין, פּרעכטיק מיידל און געבעטן אַ צימער. דער קלוירק האָט איר מיט אַ צעבראָכן האַרץ אָנגעזאָגט די גוט־באַ־קאַנטע פראַגע: „נישטאָ קיין צימער" . . .

„אלץ פארדונגגען!" — האט דאס מיידל פארענדיקט.

עס איז געווען שוין זייער שפעט אין דער נאכט, און ווען די מיידעל האט גענומען איר באגאזש און געוואלט אוועקגיין, האט דער קלוירק פון גרוים רחמנות, אדער אפשר ווייל ער איז אויך א מאנס־פארשוין, זי אפגעשטעלט און איר פארטרויט, אז עס איז פאראן בלויז איין איינציק בעטל אין גאנצן האטעל, וואס איז נישט פארדונגגען, אבער ...דאס בעטל געפינט זיך אין א צימער, אין וועלכן עס זיינען איצט פאראן ניין מענער. אויב זי וועט זיך איינשטעלן און האט נישט קיין מורא, קען זי . . .

זי האט מער נישט געוואלט הערן. דער קלוירק האט זי געלויבט פאר איר מאראל — ס'איז טאקע איין איינשטעלעניש צו בלייבן אליין אין דער נאכט אין איין צימער מיט ניין מענער, און נישט גלאט אזוי מענער, נאר מענער מיט רעפוטאציעס — אקטיארן. די מיידל האט אנגעשטעלט אירע אויערן און אוועקגעשטעלט איר באגאזש. יארנ־לאנג האט זי גע'חלום'ט צו קומען אין נאענטער באקאנטשאפט מיט אקטיארן, און זי האט, מער־ווילנדיק־ווי־נישט־ווילנדיק, אנגענומען דעם אנבאט צו שלאפן אין דעם אימפראוויזירטן שלאפצימער ביי די שוישפילער.

אינדערפרי זיינען די מענער איינציקווייז ארוים פון דעם שלאף־זאל. דער ערשטער איז ארוים דער סופליאר. ער האט אויסגעזען אויסגעמאטערט, מיט א צעקנייטשטן, שלעכט־רעדאקטירטן פנים. ער איז אריין אין קאפע־הויז פון האטעל און באשטעלט א טעפעל קאווע.

באלד נאך אים איז אנגעקומען דער ראמאנטישער ליבהאבער מיט א נישט־אויסגעפרעסטן פרצוף און אויך געבעטן א טעפל קאווע. איינציקווייז זיינען די אנדערע זיבען אנגעקומען. זיי האבן אויסגעזען ווי די ערשטע צוויי, און פונקט ווי די ערשטע צוויי — אזוי ווי אפ־נערעדט — האבן אלע באשטעלט קאווע.

אין מיטן פון זייער זופן איז אריינגעקומען די מיידל. זי איז געווען א ליכטיקע, א שיינענדיקע, מיט צעשטראלטע אויגן. די שוי־שפילער האבן זיך אלע איבערגעוואונקען, און בשעת דער ווינקעניש האט זי באשטעלט א טעפעלע מיט טיי...

מ א ר א ל:

ניין פון יעדע צען מענטשן טרינקען קאווע, און בלויז איינער טרינקט טיי.

ליבידאָ

פּסיכאָ-אנאליטיש גריבלט מען זיך און מוח'לט
וועגן אונטערבאוואוסטזיניקער תאוה,
אז פון עראָטישע טרוימען ווערט מען געשטרויכלט,
איז באוואוסטזיניק ווירקלעך טשעקאווע.

דער עץ-הדעת און זיינע פּירות זיינען לעגענדאריש;
די ליידנשאפט פון „שיר-השירים" איז פּאָעטיש-ליטעראריש;
פרויד איז ניי, און די „קאמא סוטרא" — אנטיקוואריש.
כ'האָב אלץ געלערנט וועגן ליבע — און געבליבן נאריש.

אויף פאקטן און דאטן קען מען זיך פארטרויען;
א גוואלדאָוונע טיפע וויסנשאפט איז סטאטיסטיק.
פינף פון יעדע זעקס פרויענהאסער זיינען — פרויען,
און די זעקסטע האָט די זעלבע כאראקטעריסטיק.

ווען לאָקן זיך קרייזלען אויף דיין שטערן פארשיימ,
איז דיין שפּרינגען און זינגען ליריש און ברויזיק;
נאָר ווען עס גלאנצט דיין פּליכל פאר מיילן ווייט,
ווערט דיין שפּרינגען און זינגען סאטיריש און חוזק.

ביכער-ראָמאנען זיינען דעמאָלט כדאי צו שטודירן
ווען מ'קען „נאָך נישט", אָדער מ'קען „מער נישט" ראָמאנסירן.

פאר אונזערע זיידעס און באָבעס, אלס חתן כלה,
איז רויטלען זיך געווען א גרויסע מעלה,
ווען זיי פלעגן זיך טרעפן צום ערשטן מאָל אין יענע צייטן,
פלעגן זיי זיך זיצן אָט אזוי אָ — פ ו ן ד ע ר ו ו י י ט ן.
נאָר פאר היינטיקע חתן כלה, א מאן מיט אן אשה,
איז רויטלען אָדער שעמען זיך גאָר א גרויסע בושה,
און נאָך איידער זיי נעמען זיך צו דער חופּה גרייטן,
זיצן-זיי-שוין-אָט-אזוי-אָ-איינער-נעבן-צווייטן.

ראפסאָדיע אין פלאמען

ווען איכ׳ל זיך שטעלן פאר די שערי שמים,
כ׳וועל ציטערן ווי א פיש פאר ימים נוראים,
מיט גרויסע פראַצענטן, כפל כפלים
וועט זיין דער שכר פאר מיינע חטאים.

חושך געווען זענען מיינע בזיונות,
זיי האָבן כמעט נישט געוואָרפן קיין שאָטן,
און ווייל כ׳האָב געפרואווט אלע נסיונות,
וועט מען מיך פרעגלען, ברענען און בראָטן.
וויי איז מיר.

ווייל איך בין מיט שקרים געווען אונמאָראליש
און צום אמת׳ן אמת ווייט און נישט ענלעך,
מזיק׳ן וועט מען מיך מזיק׳אליש
און סמאליען אין סמאָלע וועל איך פערזענלעך.

פאר פלאפלען און פלוידערן פוסטע רכילות,
נישט געשטויגן וועגן דעם און פון יענעם,
צערייצן וועט מיך די שד׳יכע לילית
און איך וועל פלאקערן אין גהינם.
וויי איז מיר.

פאר מיין סאטירע און מיין זויערקאזם,
מיאוקען וועל איך ווי עס מיאוקעט א קאָטער,
כ׳האָב שטותים צעצויגן און געווען מגזם,
וועל׳ך מגילגול ווערן אין א פיפערנאָטער.
וויי איז מיר.

נאָר לאנג מיט טייוואָלים וועל איך נישט בלייבן,
ס׳האָבן ערדישע שד׳יכעס מיך דאָ געמאטערט,
מ׳עט אויף מיין חשבון די יאָרן פארשרייבן,
וואָס איך האָב מיט מענטשלעכע לצים גע׳פטר׳ט.

עם פלעגן ביים לעבן רוחות מיך פרעסן,
מען האָט מיר די הויט ביי שונד אָפּגעשונדן,
מען האָט מיך פארפייניקט ביי גודנע פיעסן
און מיך געקרייציקט ביי ראַדיאָ-שטונדן.
ווײ איז מיר.

מען קען מיך שוין קיינמאָל שווערער נישט שטראָפן,—
ווי איך האָב געליטן, און אָטעם געסאָפּעט!
כ'האָב אָפּט נישט געקענט ביי קיין לעקציעס שלאָפן,
ווייל אלע ארום מיר האָבן געכראָפּעט.

איך פלעג אויף באנקעטן די דרשות פון קלאָטשע
צעקייען און כ'האָב זיך מיין מאָגן פארדאָרבן,
פארוואָס'זשע זאָל דאָס נישט זיין פאר מיר כאָטשע
א זכות פאר אן עולם הזה'ינדיקן קרבן?
ווײ איז מיר.

ס'איז אפשר מעגלעך, כ'האָב מורא צו טראכטן,
איך וועל שוין קיין פיין אין גהינם נישט ליידן,
כ'האָב זיך געמוטשעט אויפ'ן עולם התחתון,
בינ'ך ווערט א פאספאָרט גלייך צום גן עדן.

דריי הונדערט צען וועלטן וועל איך דאָרט קריגן
און, ווי אויף דער ערד, זיין א צעדרייטער,
עס וועט יעדע וועלט מיט גרוים פארגעניגן
מיר בעטן, אז וואוינען זאָל איך אין א צווייטער
ווײ איז מיר.

פיש

איך וועל די מעשה נישט פאַרגעסן אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן און אפשר נאָך לענגער. אויף איינער פון מיינע עקספּעדיציעס אין די ווילדערנישן פון קאַנאַדע, האָבן מיך מיינע קרובים און פריינט דוד פרידמאַן און איטשע ראָט, געפּרוּווט אינדאָקטרינירן מיט דער טעכניק און אידייע פון כאַפּן פיש.

איך האָב זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איך פלעג אַמאָל ליב האָבן צו כאַפּן שיריים, צו כאַפּן אַ גמילות חסד; אַז גאָר אָפּט כאַפּ איך אַ פאַרקילונג, אָבער איטשע ראָט, ביי וועמען די גרעסטע געכאַפּטע פיש זענען תמיד פאַרכאַפּט געוואָרן איידער ער האָט זיי געכאַפּט, און ביי וועמען די, אפשר אַמאָל, געכאַפּטע פיש פלעגן וואַקסן ווי אויף הייוון, פון דעם ערשטן ביז צו דעם צענטן מאָל, ווען ער פלעג איבער-דערציילן זיינע „פישיקע" עפּיזאָדן, האָט ער מיט טעאַטראַלישע זשעסטן פון זיינע אַמאַטאָרישע יאָרן, געמאָלן דעם קאָלאָסאַלן תענוג פון כאַפּן און אָפּבראָטן אַ פרישן שלייען, פון אָפּפּרעגלען אין פּוטער אַ ווייסן פיש. די ריחות און די טעמים זענען מיר אַריין אין די נאָז־לעכער און איך האָב אים און פרידמאַנען צוגעזאָגט, אַז איך וועל פאָרן מיט זיי וואו מען קען כאַפּן, — געהאַקטע פיש, אָדער מאַרינירטע הערינג, ווייל איך האַלט, אַז פישעריי איז אַ מין ספּאָרט, וואָס ווערט געשפּילט מיט אַ לאַנגן עלאַסטישן שטעקן און אַ וואָרעם פון איין שפּיץ און אַ שוטה פון דעם צווייטן.

ווען זיי האָבן איינגעזען וואָס פאַר אַ מין העכט איך בין, האָט פרידמאַן גאָר גענומען מיר דערציילן אַ געשיכטע וועגן יידישע אינדיאַנער, וואָס געפינען זיך אויף אַן אינזל אין דעם לעיק סימקאָ.

זעסטו, האָב איך געזאָגט צו פרידמאַנען, דאָס וואָלט איך יאָ גע־וואָלט פאַרכאַפּן, מיט אַזעלכע יידישע אינדיאַנער וואָלט איך זיך יאָ געוואָלט באַקענען.

פופציק מייל פון טאָראָנטאָ האָבן מיר זיך אַריינגעזעצט אין פרידמאַנ'ס מאָטאָר־שיפל, אַרויסגעיאָגט דריי מייל אויפן לעיק סימקאָ, זיך אָפּגעשטעלט, פאַרוואָרפן די עלאַסטישע שטאָלענע שטאַנגען מיט שטריק און האַקנס אין וואַסער. זיי האָבן מיך אויך מכבד געווען מיט אַזאַ לולב און אַלע דריי צוזאַמען האָבן מיר אָנגעהויבן וואַרטן, אַז די פיש זאָלן בייסן.

די שווייגעניש איז פאַר מיר געוואָרן צו מאָנאָטאָן און איך האָב זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן אויף די יידישע אינדיאַנער. פרידמאַן האָט מיט אַן ערנסטן פּנים אָנגעהויבן:

דער נאָמען פון „לעיק" איז סימקאָ. ער נעמט זיך, ווי די לעגענדע דערציילט, פון דעם יידישן נאָמען שמחה אָדער פון סימקאָוויץ, אָדער פון ביידע צוזאַמען. מיט אסך יאָרן צוריק איז אַ יידישער הענדלער מיטן נאָמען שמחה סימקאָוויץ פארוואָגלט געוואָרן אויף אַט יענעם אינזל און אַזוי ווי דאָרט איז געווען אַ דוחק אויף מאנצבילן, ווייל אַ היבשע צאָל איז אויסגע'הרג'עט געוואָרן אין אַ שלאַכט מיט אַן אנדער שבט, איז שמחה סימקאָוויץ דאָרט פארבליבן, חתונה געהאַט, פאַרוואַנדלט זיין אינדיאַנישע סקוואָ אויף אַ יידענע אַ סקוואָטשקע און זי האָט אים געבוירן אסך יידישע אינדיאַנערלעך. צוערשט איין יינגל, דערנאָך אַ יינגל מיט אַ יינגל, שפּעטער צו אַ צווילינג, נאָכדעם ווידער אַ יינגל מיט אַ יינגל, לויטערע יינגלעך, וואָס האָבן באַקומען סיי יידישע און סיי אינדיאַנישע נעמען, ווי גדליה־פוכקער־בער- סימקאָוויץ, שמעיה־פלינקער־אָדלער־סימקאָוויץ, נפתלי-געשמאַסער־טכויר־סימקאָוויץ, הערשל־פוילער־פערד- סימקאָוויץ, וועלוול־שטומער־באָק־סימקאָוויץ, פּיניע־חמור־אייזל־סימקאָוויץ, מאיר-ווילדער־לאָשיק סימקאָוויץ און אַזוי אָן אַ שיעור און אָן אַ סוף.

דער גאַנצער אינזל איז אין איינציקע צען־צוואַנציק יאָר אָנגעפילט געוואָרן מיט סימקאָוויצלעך און דער נאָמען איז ענדלעך פאַרקירצט געוואָרן אויף סימקאָ. אַזוי האָט מען אָנגעהויבן צו רופן דעם שבט אינדיאַנער און אויך דעם לעיק, פּונקט ווי „לעיק אירי" גערופן נאָכן שבט אירי, אָדער לעיק סענעקאַ נאָך אַזאַ שבט, אָדער פאַרקערט.

שמחה סימקאָוויץ איז געוואָרן אַ טשיף פון די אינדיאַנער, מיט אינדיאַנישע צערעמאָניע און טענץ, ביי וועלכע ער האָט געטאַנצט אַ מצוה טענצל, האָט מען אים אָנגעטאָן אַ קרוין מיט אַ שלייער פון פעדערן און אים אַ נאָמען געגעבן שמחה־שלום-מאַכער־סימקאָוויץ, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט דערלאָזט צו קיין מלחמה, חוץ אין זיין אייגענעם נעצעלט. בלויז אין זיין געצעלט איז ער געווען אַ קנאַפּער טשיף מיט פעדערן.

די לעגענדע דערציילט, אַז איינמאָל האָט זיך געטראָפן, אַז דער עלטסטער און באַפּעדערטער טשיף שמחה־שלום־מאַכער־סימקאָוויץ, איז אין אַ פראָסטן דינסטאָג בייטאָג אַהיימגעקומען צו זיין געצעלט און זיין סקוואָטשקע יאַכנע־פּעטע־קו-סימקאָוויץ האָט זיך צעסקוואָ־טשעט אויפ'ן אינדיאַנישן לשון: „אוה, האָט זי געשריגן, „אוה־אוה־הו־האַ־הוי־הי־אומפּף", וואָס דאָס מיינט אויף יידיש: אַ דונער זאָל דיך פּריטשמעליען", „אַ בליץ זאָל דיך דערשלאָגן", „אַ וויטיק דיר אין די יאַסלעס", „היינט איז דינסטיק, מאָרגן איז מיטוואָך,

איבערמאָרגן איז דאַנערשטיק, אַ גאַנצע האַלבע וואָך איז שוין אַריבער, און אין אונזער געצעלט איז נאָך גאָרנישט־נישט־נישטאָ אויף שבת". שמחה האָט איר געענטפערט, „עטיע־בעטיע־מעטיע, מינע!" וואָס זי האָט באַלד פאַרטייטשט, אַז עס דאַרף מיינען: „אַלץ וועט זיין ווי אין פסוק שטייט און פאַרמאַך דיין פיסקאַטש". ער האָט באַלד צו־זאַמענגערופן זיינע בנ'אָקלעך, זיי באַפוילן אָנצוגורטן זייערע לענדן און זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט צו דער פרעירי צו כאַפּן אַ באַפאַלאָ אויף שבת.

אַלע זיינע בנים האָבן ווי געגנז געשפּאַנט הינטער זייער טשיף און בעת מעשה מיט די נעז געניוכעט די לופט און מיט די אויערן גע־אַקערט די ערד, צו דערשפּירן אָדער דערהערן די טריט פון אַ סטאַדע באַפאַלאָס. פיניע דער חמור־אייזל־סימקאָוויץ האָט דער ערשטער דערשפּירט די טשערעדע און כהרף עין האָט וועלוול דער־שטומער־באָק־סימקאָוויץ אַרויסגעכאַפּט זיין כלי־זיין און זיך געלאָזט לויפן נאָך זיי, אָבער דער טשיף שמחה איז פּלוצים פאַרציטערט געוואָרן און אָנגעהויבן שרייען און זיך געריסן די פּעדערן פון קאָפּ: „ניטע, ניטע!" האָט ער געווילדעוועט, טאַקע ווי אַן אמת'ער אינדיאַנער, וואָס ווילסטו טאָן, דו טרפה'נער באָק וואָס דו ביזט? דו ווילסט ממית'ן אַ באַפאַלאָ מיט אַ מילכיקן טאָמאַהאָק?

— איך האָב שוין פריער געהאַט איינגעזען, אַז מען האָט מיך, — נעפּירט אין באָד אַריין אויף אַן אינדיאַנישן אופן, און ווען איטשע האָט אויסגעשאָסן אַ געלעכטער, האָב איך פרידמאַנען צוגעוואָרפן מיין קוויטיקסטן בליק, אים אונטערגעשטעלט אַ פיסל און אים אַריינ־געוואָרפן אין לעיק. „נאַדיר אַ מילכיקן טאָמאַהאָק", האָב איך אים נאָכגעשריגן און טאַקע באַלד אַריינגעשפּרונגען אין לעיק נאָך אים, אָבער ער און איטשע האָבן מיך קוים־קוים אַרויסגעראַטעוועט.

אַזוי ווי מיך האָט איר שוין פאַרנאַרט, האָב איך געזאָגט צו זיי, איז איצט כדאי, כדי צו פאַרנאַרן די פיש, אַז איר זאָלט איינגעמען אַ שטומעניש. זיי האָבן געשוויגן מיט שמייכעלעך אונטער זייערע נעזער, און איך, אַן אָפּגעשמיסענער און אויסגעווייקטער, בין געזעסן מיט זיי אייניקע שטונדן אין שטומעניש און ענדליך איז געשען דער נס. אויף אַ קאַנו האָבן פאַרביינגערודערט צוויי אינדיאַנער פון יענעם אינזל און פאַר בלויז איין דאָלאַר האָט מיר איינער ון זיי צוגעוואָרפן אַ פיש, וואָס איך האָב געכאַפּט.

רכילות׳אָפּיע

עס ווערן גרויסע גייסטער פאַרצייכנט אין היסטאָריע,
פאַר שאַפונגען, דערפינדונגען, פאַר פּראַקטיק און טעאָריע;
נאָר מיין נאָמען וועט אפילו נישט בלייבן צווישן שרייבער,
גאַנץ אַליין וועט ער זיך שטיין — אַלס רכילות־טרייבער.

אַ רעפּוטאַציע ביי געוויסע מענטשן ווערט געבוירן
ערשט נאָכדעם ווי זיי האָבן זי פאַרלוירן

רכילות וועט קיינמאָל מיין גאַנג נישט שטערן,
זאָל מען הינטער די פּלייצעס שטעלן מיר פייגן,
און זאָל מען וועגן מיר ניט געשטויגענעס הערן,
איידער מען זאָל מיך אינגאַנצן פאַרשווייגן.

כ׳וועל גיין און לויפן אי דאָ, אי דאָרט,
פאַרברייננגען און לאַכן מיט יעדן.
׳איך שרעק זיך נישט פאַר קיין בייזן וואָרט,
מיך אַרט נישט מען זאָל מיך באַריידן.

זיי נישט צו ביטער, וועט דיך קיינער נישט וועלן באַשפּייען.
זיי נישט צו ביטער, וועט דיך קיינער נישט וועלן באשפּייען.

איך טראָג קיין קנאה אין זיך נישט פאַרבאָרגן,
איך פאַרגין אַלעמען אָן אַ שום טענה.
ס׳איז מעגלעך: די משא פון יענעמ׳ס זאָרגן
איז אפשר נאָך שווערער ווי מיינע.

דער וועג פון זין צו אומזין ׳איז בלויז איין שפּאַן,
נאָר צווישן אומזין און זין זיינען מיילן פאַראַן.

דאָס שווערסטע פאר איינעם צו דערזען איז דאָס,
וואָס עס ליגט אויף זיין ׳אייגענער נאָז.

מאָנקי ביזנעס

אז א מאלפע ז׳א משוגענע באשעפעניש—
איז צו זען פון דער פאָלגענדער טרעפעניש:

אן אטאָמישע באָמבע האָט אומגעבראכט דעם עולם,
נישט געלאָזט אויף א רפואה אפילו קיין ליימענעם גולם.
צעברעקלט, צעפיצלט, צעטרייבערט, צעריבן —
ס׳איז קיין זאך, קיין לעבן נישט לעבן געבליבן.
פון דער איינציקער רגע, פון אטאָמישן שאָס —
געוואָרן איז תוהו ובוהו, כאאָס.
קיין בלימל, קיין קנאָבל, קיין בוים און קיין גרעזל,
קיין חזיר, קיין פערד, קיין ציג און קיין אייזל,
קיין קירכעס, קיין טעמפלען און קיין סינאגאָגן,
קיין ראדיאָ־רעדנער און קיין דעמאגאָגן,
קיין צייטונגס־טראָסטן, קיין פוסטע סענזאציעס,

קיין בירזשן, קיין שוואַרצע קאַרטעל-ספּעקולאַציעס,
קיין פילמען פון נאַרישע סעקס-נאָוועלן,
קיין גיבראַלטאַר און קיין דאַרדאַנעלן.
קיין שוואַרצע, קיין ווייסע, קיין העכערע ראַסע;
פון אַלץ איז געוואָרן איין שטויביקע מאַסע;
פון בערג און פון טאָלן — קיין זכר, קיין האָר נישט;
אַז מ׳זאָגט אייך איינמאָל גאָרנישט — איז גאָרנישט!

נאָר אין איין טיפער הייל האָבן צוויי פון דעם „מין" גאָרילע
געדאַרווינ׳ט און געטראַכט מחשבות סובטילע:
איצט זענען מיר צוויי באַהאַרטע אָבעזיאַנעס,
אַז אַך און אַז ווי פון דער וועלט די פּאַנעס.
ווייל געזעצן פון יושר און אמת געבראָכן
האָט אונזער מענשלעכער אָפּשטאַם, זיינען מיר פאַרקראָכן
אין אַ טיפער הייל, אין דער ערד זיך באַהאַלטן.
ס׳איז שוין מער נישט געווען אויסצוהאַלטן
פון אַלע אַנטי׳ס, אַנטיסעמיטישע שטיקלעך,
פון אַנטי-רויט און אַנדערע אַנטי-קלעך,
פון אַ געל-שוואַרץ-ברוינער אָרדענונג אַ נייער,
מ׳האָט געגעסן אויל און געצונדן אַ פייער
פון פאַשיזם, אימפּעריאַליזם, דזשינגאָאיזם און נאַציזם,
וואָס האָבן דעם מענטשלעכן מאַרך ווי רומאַטיזם
צעפרעסן, פאַרקרומט, צעפוילט און סיפיליזירט.
מ׳האָט זיך פשוט געשעמט צו זיין ציוויליזירט.
קיין סימן פון רחמים נישט געבליבן דער מינדסטער,
ס׳איז דער וועלט אין די אויגן געוואָרן גאַנץ פינסטער.

רעזשיסירט, דיריגירט פון דער געטשקע רעב מאַרס׳ל,
האָט אַ גלאָבאַלער אַנסאַמבל געשפּילט אַ פאַרסל,
מ׳האָט געפאָכעט מיט שווערדלעך, געוועוועט מיט קנאה,
געטאַנצט אַ קאַראַהאַד און צעבלאָזן אַ שנאה,
באַגלייט זיי האָט אַן אָרקעסטער פון ריזן קאַנאָנען
און באַצאָלט האָבן מענטשן אין די מיליאָנען
נאָר ענדלעך מ׳האָט פאַרענדיקט און געמאַכט אַ סך הכל,
און געפאַלן איז דער פאָרהאַנג צום בלוטיקסטן ספּעקטאַקל.
מ׳האָט געפּאַקט און געפאַנגען די קאַניבאַלן-באַנדע,

נאָר וואָס ס'איז געשען, — ס'א חרפּה, א שאנדע.
מיט דיפּלאָמאַטישער גראַציע מען האָט זיי באהאנדלט
און זיי אין פאנאטישע מארטירער פארוואנדלט;
מ'האָט כלומרשט פאר זיי אָנגעגרייט תליה-דראָנגען,
נאָר מ'האָט דעם שלום דאָרט אויפגעהאנגען.
די וועלט האָט פון אימה געציטערט, קאָנפּערענצלט,
ביז מ'האָט דעם פרידן אינגאנצן צעטרענצלט,
א האם האָט געטריפט פון דער מענטשלעכער גאָמבע
און זיין מוח האָט דערטראכט אן אטאָמישע באָמבע.

„געליבטע", האָט דער „ער" מיט א מאלפישער חניפה
היפּנאָטיזירט די „זי" מיט זיינע אויגן די טיפע;
אָ, איצט איז די גאנצע וועלט חרוב, פארניכטעט —
אויף אזא מין בראָך האָב איך זיך נישט געריכטעט.
איצט בין איך, הייסט עס, „אדם", און דו — מיין „חוה",
טאָ לאָמיר דאָס מאכן גאנץ אנדערש, טשיקאווע.
„דו ביזט", האָט זי געזאָגט, „פּראָסטע-פּשוט עראָטיש
און וואָס דו טראכסט, איז בלויז דאָן קיכאָטיש,
דיין ניי דערוואכטע ליבע קומט מיר פאָר גאנץ קאָמיש".
„ס'איז אמת", האָט ער געענטפערט, „מיין ליבע איז פלאטאָמיש".
נאָר הער אויף פּראָטעסטירן, הער אויף זיך צו קראצן,
ס'איז ביטער, ס'איז שלעכט, ס'איז טאקע צום פּלאצן.
נאָר לאָמיר צו גאָט זינגען א שבח און א הודו,
און לאָמיר זיך גרייטן צו דער הייליקער עבודה;
ווייל באשערט איז מיר, דעם „איש", און דיר, מיין „אשת",
צו מאכן א נייע וועלט פון סאמע בראשית . . .
מיר וועלן זי אימגאנצן אנדערש באשאפן,—
א וועלט א גוטע — אָן מענטשן, — בלויז פאר אפן.

סלח לי, מחל לי, כפר לי

על חטא, עס זיינען מיינע רכילות פול מיט גרייזן;
נישט אַלעמאָל קאָן איך דעם אמת באַווייזן,
מען קוקט אויף מיר מיט אויגן, וואָס שטעכן,
וואָס שרייען, מען זאָל מיר די פען מיינע צעברעכן,
אַפילו דעם קאָפּ און ריק־און־לענד אויך,
און מאַכן אומשעדלעך דעם לץ אין מיין מוח,

על חטא, איך בין זיך מודה פאַר זיך אַליין,
עס איז מיין געוויסן נישט זויבער, נישט ריין,
ווייל יעדע נייעס בא מיר ווערט צוגעשמאָלצן
און אַ היפּש ביסל איבערגעזאלצן.

סלח לי, מחל לי, כפר לי.

כיהאָב ליב אויף יענעמים חשבון זיך צו וויצלען,
מיט אַ גרימירטן שפּיל פון וואָרט אונטערצוקיצלען.
כדי זיך און דעם לייענער צו אַמוזירן,
מוז איך אָפּט דעם אמת פאַרשמירן,
ווייל כיווייס, סיהאָט דער לייענער מער פאַרגעניגן
פון אַ ליגנערישן אמת ווי פון אַן אמתין ליגן,
און שטרענגט זיך אָן צו פּטרין מינוטן
נישט צו זיין מיטין אמת קיין נאָענטער מחותן.

סלח לי, מחל לי, כפר לי.

איך שלאָג זיך על חטא, איך בין זיך מתודה,
חטאתי, איך בין זינדיק אודאי און אודאי.
נאָר צוזאַמען מיט מיר זיינען אויך שולדיק
די לייענער, וואָס זיינען צו פּליאָטקעס געדולדיק.

צוויי טיקעטס

כדי צו ווערן א קאסירער אין א יידישן טעאטער איז כדאי צו לאָזן אויף זיך צוערשט דורכפירן א קליינע אפעראציע. מען דארף זיך בלויז לאָזן אויסשניידן דאָס האַרץ, ארויסרייסן די גאַל און ארויס־שלעפּן אַלע נערוון, סיידן איינער זוכט א שנעלערן וועג פאמעלאך צו פארלירן דעם שכל, אראפּצעגיין פון גלייכן וועג אָדער גלאַט אזוי ווערן אַן איינוואוינער פון אזא אינסטיטוט, וואו מענטשן דארפן זיין משוגע צו פארבלייבן.

אויף דעם לייכטסטן אופן קען א קאסירער ווערן חסר דעה אָדער מטורף פון די טעאטער־גייער וואָס קומען אין דער לעצטער רגע צו א פאָרשטעלונג און פאָדערן בילעטן אין סאמע מיטן און אין די ערשטע רייען, מחמת זיי זענען קורצזיכטיק און זענען אביסל טויב, און ווילן נישט אויפן מעזאַנין ווייל זיי האָבן שוואכע הערצער און קראַמאָדערן, אָדער געשוואָלענע פיס, אָבער עס מוז זיין ביליק.

דעם ערשטן ענטפער וואָס דער קאסירער גיט אזעלכע מענטשן איז: „אז אַך און אז ווי וואָלט געווען דעם טעאטער, ווען ער זאָל נאָך איצט האָבן די בילעטן וואָס איר ווילט", אָדער, מיט א זיסן שמייכל און שפּיזן אין די אויגן, קען ער זאָגן: „דער טעאטער האָט בלויז א מיטן און די איינציקע זייטן וואָס ער האָט, זענען בלויז די, ביי וועלכע איר וועט זיך האַלטן, ווען איר וועט צוזעצט ווערן פון גע־לעכטער", אָדער ער קען גאָר ענטפערן, מיט פארביסענע ליפּן, „אודאי, וואו זענט איר געווען ביז איצט, מיר וואַרטן אויף אייך, מיר האָבן נאָר וואָס צוריקגעקראָגן צוויי בילעטן אין דער סאמע ערשטע רייע, די ערשטע צוויי פון דער מיטן צו דער זייט, בלויז זעקס דאָלאַר פאַר ביידע שוין מיטן טעקס, יו נאָו, אמוזירונג שטייער".

אזוי שנעל ווי די קאליקעס, די בלינדע, טויבע, קרומע און האַרצליידנדע דערהערן דעם פּרייז, ווערן זיי פריש, צאַפּלדיק און גע־זונט און זיי ווילן ביליקערע, זיי זענען גרייט מקריב צו זיין און קריכן אויפן מעזאַנין, זיי האָבן סיי ווי נישט ליב צו זיצן אין אָר־קעסטרא. אנדערע ווידער אַרט נישט, אז די מעזאַנינע מיטן באַלקאָן זאָל פאַרברענט ווערן, זיי האָבן ליב אונטן, אָבער עס מוז זיין ביי־ליקער, זאָל כאָטש זיין אָן טעקס, זיי צאָלן גענוג טעקסעס און פאַר־וואָס זאָלן זיי צאָלן אמוזירונג שטייער, קענט איר אונז געבן א גאַ־ראַנטי, אז מיר וועלן זיך אמוזירן? בלויז א קאסירער אָן א האַרץ,

אַן אַ גאַל, אַן לונג און לעבער און אַן נערוון קען דאָס אַריבערטראָגן, אָבער מיט דעם ענדיקט זיך נישט די אינקוויזיציע איבער קאַסירערס.

דורכ'ן טעלעפאָן קען ער אויך אויף אַ גאָר לייכטן אופן פאַרלירן זיין עקוויליבריום, אַז די ווילדסטע געדאַנקען זאָלן אים באַפאַלן און ער זאָל וועלן איינשלינגען דעם טעלעפאָן.

בעת אין אַלע צייטונגען ווערט אַנאָנסירט, וואָס, וואו און ווען מען שפּילט. אַלע ראַדיאָס פאַרפּלייצן די לופט מיטן נאָמען פון דער פּיעסע און פון די אַקטיאָרן קומען די ערשטע פראַגן: וואָס פאַר אַ פּיעסע מען שפּילט? ווער שפּילט און וואו איז דער טעאַטער? נאָכדעם קומען די פראַגן, ווען הויבט מען אָן און ווען מען ענדיקט, אַביסל שפּעטער פרעגט מען וויפיל עס קאָסט און אין וועלכער רייע די בילעטן געפינען זיך, ענדליך וויל מען וויסן צי די פּיעסע איז אַ קאָמעדיע צום וויינען אָדער אַ דראַמע צום לאַכן מיט געזאַנג און טאַנץ און אויפן סאַמע סוף פאַרלאַנגט מען, אַז מען זאָל רעזערווירן צוויי בילעטן און מען זאָל זיי האַלטן כאָטש ביז צו דער לעצטער מינוט, און נישט בלויז ווי עס איז דער מנהג, ביז אַ האַלבער שעה פאַר דעם שפּיל. ווידער הויבן זיך אָן אַרגומענטן, אַז מען וואוינט זייער וויט, אַז זיי מוזן האָדעווען די קינדער, אַז איר דאַרפט זיך נישט אַזוי איבערנעמען, אַז אין ענגלישן טעאַטער איז בעסער. (ענג-לישע טעאַטערס רעזערווירן קיינמאָל נישט קיין בילעטן) און ענליכע לאָגישע טענות און ענדליך קומען די מענטשן אין טעאַטער אריין ווען דער פאָרהאַנג איז שוין אויפגעהויבן און זייערע בילעטן זענען שוין פאַרקויפט געוואָרן, ווערן זיי אין כעס און מאַכן געוואַלדן, אַז בלויז יידן קענען אַזוי האַנדלען, אַז מען האָט נישט געטאָרט אָנהויבן שפּילן אָן זיי, אַז מען האָט נישט געהאַט קיין רעכט צו פאַרקויפן זייערע בילעטן, אַז די קאַסירער זענען אַנטיסעמיטן, אַז צוליב דעם גייט אונטער דער יידישער טעאַטער. מיר וועלן אייך אַריינשטעלן אין די פּייפּערס, און צום סאַמע סוף, אַז זיי קענען לעבן אָן דעם יידישן טעאַטער אויך.

עס איז באמת אַ גוטע זאַך וואָס דער קאַסירער שטייט הינטער גראַטעס, ווייל ביי אַזעלכע אַרגומענטן קען יעדער קאַסירער ווערן אַ קאַניבאַל און איינשלינגען דעם טעאַטער־גייער מיט זיין יידענע.

אָבער דער זיכערסטער אופן פאַר אַ קאַסירער אַרויסצושפּרינגען פון די האַלאַבּליעס קומט דורך אומשולדיקע בריוו.

אָט איז איין בריוול אַזאַ:

ליבער קונסט טהעאטיר!

ביילינגענדיג זענדע איך איהנען איין טשעק אויף איין טאליר מיט דער גיפעהליקער ביטע פאר מיר פארצובערייטיקען איינען בילעט פרעידיק דעם 14־טען, ווען איך גרייטע זיך צו גייהען אינם טהעטיר אריהן. איהר קונט דיסען בילעט מיר צוסענדען אדער דאס האלטן ביזקעלע איך ווערדע מוסטן קוימין אין טהעאטיר אריין.

איך וויל מיינע נייגונג צופרידען מאכן, נעמליך דאס איך האבע איינען שטארקן און ענערגישן בעגעהר צו זען דאס „פארבלאנזעטען שטערען", טראצדעם איך האב געוויסנסביססע, דאס איך האב עס שוין גיזעהן אין מיין שטעטל פידייעץ אונטער דעם נאמען „דאס פארבלאנזעטע שעפעלע" אדער ווען איך בין געוועזען ביי מיין פעטער נפתלי אין ביטשאטש, האט איך דארט געהאט איין גראסארטיגען גייסטליכער פארגעניגן און טענוג צו זען דאס גראסזאמע ווערק „די האכצייט פער שפאס" וואס דאס וואר געוועזן איין שטיק צום גענום. די הויפזאכע דאס איך איהנען זאגן וואלטע, איז נעמליך דאס איך געמאכט האבע איינע בעשטעלונג, איין דעיט, יו נאו מיט מעגליך מיין צוקונפעקער פראו מיט וועלכער איך גרייט זיך צו ווערדן אינטים אין טהעאטער. זאנסט בין איך איבערצייקט דאס דיזעם פרוילין וועט די פיעס שטארק אמוזירהען. זאלטן זיע ניכט האבן קיין בילעטן מער פיר פריידיק דעם 14־טן קאננען זיע עס מאכן פיר זונטוג דעם 16־טן פיר איינע נאכמיטיק מאטיני פארשטעלונג, נאר תמר האבן זי נישט מער קיין קארטן פיר דיזע אייניגע פארשטעלונגען, ביטטע מאכן זי געפעליגס איין וואך פריער אדער צוויי וואכן שפעטער, ווייל איך האב אינצווישן וויכטיגע געשעפטן צו ערלעדיקן מוססען.

דיזעם פרוילין און איך האבן בעקאנטשאפט געמאכט דורך איין יודישער צייטונג אין „פערזענלעכעס" אבער ווייר וועלן ערשט צוואר אינטימע בעקאנטשאפט שליסן נעבן אייער שטייג וואו איר פער־האנדלט די קארטן פירם טהעאטיר. זי האט מיר געשריבבען אין ענגלעש, אבער פון איערע פיסכאלאגישע שרייב־שטריכען איז זיע איין אינטעלעקטשיקל פון דער העכסטער קאפאציטעט און אינסטאנ־ציע. זי איז אימגאנצן 28 יאר אלט, אבער אויב איר וועט דארט זען איינע פרוי צווישן 45 און 39 מעגן זיע זי אנשפרעכן, דאס איי־זיכער זיע. איך בין געקאמען צו דיזען ענטשיידיגונג, ווייל איך האב איין היפש ביסל פון מיינע יארן אויך פארלייקנט, אלזא, איך האב איהר געהייסען שטעהען לעבן די קראטעס, הינטער וועלכע זיע זיצן, ווייל איך פון אינען איינען טיקעט בעשטעלט האבבע און זי

זאָל אויך טהאָן דאָס נעמלישע, דאָס מיינט מיר וועלן ביידע האָבן צוויי פּלעצע צוזאַמען. איך האָב איהר געשריבען זי זאָל נעמען די סאָבוועה אויף מיינע הוצאות און וואַרטן לעבען איהנען. ווען זי וועט קוימען זייען זיע אזוי פריינטליך און שטעלט אוועק פאַר איר איין טשער, איינען ווייכן שטול, ביטטע, און זאָל עס איהר זיין בעקוועהם, כאָטש זי האלט ניט פון יודישן טהעאַטער, אָבער איך האָב זיע איבערצייגט דאָס מען מוס שטוצן די יודישע קהולטוער.

אָוב זיע האָבן נישט מער קיין בילעט פיר איין טאָלער, קענט איר מאַכן פאַר איין טאָלער מיט פופציק, סיידען זי וועט נעמען איינען טייערערן טיקעט. דאָס איז דאָך בעסער פיר איך, אָבער פיר מיר קענען זי מאַכן דעם טיקעט אויף איינע רעדוקציאָן, ווען זי וועט נעמעהן איין העכערן פּרייז, ווייל צוליב מיר גייט זי אוך אינס טהעאַטיר, אונד זיע דאַרפן נעהמען אין בעטראַכטונג דאָס איך וועל האָבן נאָך אויסגאַבן ווייל איך מוס בעצאָלן פיר מיין סאָבוועה פון די בראָנקס און אוך איר קאַרפּער פון ברוקלין, און נאָך דעם פּיעס דאַרף איין שארמאנטער הער מיט דער דאַמע דאַרפן מיר ביידע מוסן אין איין קאַפּעטעריע און דאָס איז פאַרבונדן מיט שווערע קאָסטן און אויסגאַבן. וועל, ווען זיע וועלן באַשלוס מאַכן קענען זיע מיך אָנטעלעפאָנירן אוף מייהן טעלעפאָן פון דער גראָסעירי בלאָז פּיר הייזעיר פון מיין האוז און דעם גראָסערי מאַנס בויטשיק וועט מיך רופען. דער דראַג־סטאָר איז פיל נעהנטער אָבער ווען איך זאָל וויסן, אַז איך דאַרף שטאַרבן וועט מיין פיס מער נישט אַריבערטרעטען די שוועל פון דיזע גיפט־מישער, וואָס וועלן ליבער פאַרקויפן סענוויטשעס מיט קעסטאָר אויל ווי טון איינען מענטשן איינע טובא.

מיט האָכאַכטונג

גדליה (גאָטפריד) שטרייכהאָלץ.

פּ. ס. דער קאַסירער פון טעאַטער האָט נאָך אַ פאַרצווייגטער קאָרעספּאָנדענץ מיט דעם געהאָכאַכטעטען הערר. שטרייכהאָלץ ענדליך אויפגעפּלאָנטערט דעם קאָמפּליצירטן ענין. דאָס פּאָרל האָט זיך מיט מזל און ברכה צוזאַמענגעטראָפן ביי די קראַטעס און ווען שטרייכהאָלץ האָט דערזען זיין באַשערטע איז ער אויף זיינע אייגענע הוצאות צוריק אַנטלאָפן אין דער בראָנקס.

פערדישע קונסט

אַ לעג־ענד־לאָזע פאַבל:

צו אַ טעאַטער-דירעקטאָר איז אַמאָל געקומען אַ פערד און געבעטן אַנגאַזשירט צו ווערן אין זיין טרופּע. דער דירעקטאָר האָט דעם סוס באַטראַכט פון אַלע זייטן און געפרעגט: וואָס קענסטו טאָן, מר. פערד?

„איך קען טאַנצן", האָט דאָס פערד געענטפערט און זיך טאַקע באַלד אַוועקגעלאָזט טאַנצן אַ קאָזאַצקע, אַ טשאַרדאַש, אַ האָראַ און אַ קעיק־וואָק, אַז דער דירעקטאָר איז געבליבן אַ פאַרגאַפטער. ווען ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט ער ווייטער געפרעגט: און וואָס נאָך קענסטו, ליבער פערד?

„איך קען זינגען", האָט דאָס פערד געענטפערט מיט אַ טענאָרל, צוגעלאָפירט צו דער פּיאַנאָ, אָנגעשלאָגן אַן אַקאָרד אויף די קלאַווישן און זיך צעהירזשעט און צעזונגען אויף ביידע פערדישע לונגען.

„פיין, פיין", האָט דער דירעקטאָר געשריגן און אַפּלאָדירט. „דו קענסט אפשר נאָך עפּעס?"

„אודאי", האָט דאָס פערד געענטפערט, „איך קען זאָגן וויצן, שטיין אויף אַן אויער, מאַכן אַקראָבאַטישע שטיק, דעקלאַמירן, שלינגען פייער, גיין אויף דראָטן, שפּילן קאָרטן און פרעסן ווי אַ פערד".

דער דירעקטאָר איז אַריינגעאַלן אין אַ פערדישער התפעלות. אים זיינען שטאַרק געפעלן די פילפאַכע פערדישע קונצן, מעלות און וויצן, און ער האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז מיט דעם פערד וועט ער זיכער מאַכן אַ סך סוק-סוס.

לאַנגע יאָרן, אַז ער האָט פאַרבראַכט מיט פערד, געווען מיט זיי אַ נאָענטער מחותן. ער האָט אָפּט אַריינגעבראַקט עמיצנס שווער פאַרדינטע טויזנטער אין פערד. איצט, האָט ער געטראַכט, בעת זיין מח האָט גאַלאָפּירט אַזוי שנעל ווי ס'האָט קיינמאָל ניט דאָס פערדל אויף

װעלכן ער האָט געװעט, איצט װעט ענדלעך קומען דער טאָג װען ער װעט פון פערד אַרױסקריגן אַ פּאַרמעגן, ער װעט נתעשר װערן, ער װעט דאָס פערדל לאָזן אָפּפאָטאָגראַפירן מיט אַ נאַקעטער, ניין, האַלב־נאַקעטער כאָריסטקע, אָדער אפשר גאָר מיט׳ן סטאַר אַליין און דאָס בילד פּובליצירן אין אַלע גאַזעטן. מיט פערדישער התפּעלות איז ער צוגעגאַנגען צום פערדל, אַרױסגענומען אַ קאָנטראַקט, אָבער פאַרזיכטיק אַ פרעג געטאָן: „און טעאַטער קענסטו שפּילן?"

„שפּילן טעאַטער?", האָט דאָס פערד אָנגעשטעלט אַ פּאָר פערדישע אױגן, „װאו האָט איר אַמאָל געהערט, אַז אַ פערד זאָל קענען שפּילן טעאַטער?"

אַ בער באַװײַזט, אַז טאַלאַנט איז איבעריק אײַנגאַנצן,
װײַל מ׳קאָן אַ יעדן בער לערנען שפּרינגען און טאַנצן.

פּתי׳מיזם

כיהאָב אָפּט בײַ מענטשן, מיט אײַזערנע מחות,
אױסגעפונען אין אַ געשפּרעך,
אַז זײערע װאונדערלעכע גײַסטיקע כחות,
זײַנען באמת פון בלעך.

װען נודניקעס װאָלטן געװוּדיעט אײנער דעם אַנדערן,
װאָלט באמת געװען אַ מחיה.
זײ װאָלטן נישט געדאַרפט גאָר װײַט צו װאַנדערן,
צו געפינען נודניקעס נײַע.

נאַרישקײַטן פון חכמים, האָבן תמיד אַ שײנערן פּנים,
װי די גרעסטע חכמות פון אידיאָטן און נאַראָנים.
נאָר פאַראַן חכמים, װאָס קענען בלױז פאַרטראָגן
נאַרישקײַטן גרױסע, װאָס זײ אַלײן נאָר זאָגן.

שווארצקונסט

אין מאָרים שווארצ׳עס יידישן קונסט-טעאַטער שפּילן נישט בלויז די שוישפּילער פון דער טרופּע, נאָר אַלע מענטשן, וואָס אַר־בעטן הינטער דער בינע. יעדער איינער, וואָס קאָן נאָר עפענען אַ מויל, איז אַן „אַקטיאָר", ווייל שווארץ קען אפילו אַ בער מאַכן טאַנצן. דריי „אַזעלכע בערן", מאַקס דער סופליאָר, מאָטל דער נאַכט-היטער, און דזשעק, אַ בינע-אַרבעטער, זיינען געווען געשוואָרענע פריינט. זיי האָט פאַרבונדן אַ ספּיריטואַליסטישער גייסט, זייענדיג פאַנאַטישע ספּיריטואַליסטן, סאַי מיט געוויסע פּליסיקייטן און סאַי מיט מיסטישע סעאַנסן. די דריי האָבן צווישן זיך געהאַט אָפּגעמאַכט, אַז דער ערשטער פון זיי, וואָס וועט שטאַרבן, זאָל צוריקקומען צו די לעבען-געבליבענע און ברענגען אַ פולשטענדיקן, נישט-צענזורירטן באַריכט פון יענער וועלט.

דער ערשטער, וואָס האָט אויסגעצויגן די לעפל און זיך אַריבער־געפּעקלט אויף יענער וועלט, איז געווען מאַקס דער סופליאָר. זיינע לונגען האָבן עקספּלאָדירט פון דעם שטויב פון די מעלאָדראַמעס, אָפּערעטקעס, ספּעקטאַקלען און אַנדערע מוזיקאַלישע אויפפירונגען מיט קאַלאַסאַלע מידלאַך, וואָס ער האָט איינגעאָטעמט אין זיין גאַנצן לעבן — נישט צעקייטערהייט; ווייל ער האָט זיי קיינמאָל נישט געקענט איינבייסן. גאָר אָפט האָט זיך אים געשטעלט אַן אַל־טער וויץ אין האַלז און ענדלעך האָט אים איינער דערשטיקט מיט געלעכטער.

א לאַנגע צייט — כמעט איניקע סעזאָנען — זיינען אַריבער און מאַקס דער סופליאָר איז געווען אַ סך טויטער ווי דער בריטישער יושר.

אין איין שיינעם בין-מנחה-למעריב, צווישן אַ מאַטינע-און אָוונט־פאָרשטעלונג פון אַ ספּעקטאַקל, ווען כמעט אַלע אַקטיאָרן זיינען שוין געווען אוועקגעגאַנגען זיך רעסטאָרירן אין אַן עסטאַראַציע און אויף דער בינע זיינען פאַרבליבן בלויז דער בינע-אַרבעטער און דער היטער, האָבן זיי דערהערט ווי „עמעץ" פון „ערגעץ" רופט זייערע נעמען.

„מאָטל! דזשעק!" האָט די מאָדנע, אָבער באַקאַנטע שטימע גערופן פון אַ ווינקל.

ווי אָנגעקראָכמאַליעטע מיט שרעק זיינען ביידע היפּנאָטיזירט צוגעגאַנגען צום ווינקל און דאָרטן האָבן זיי דערזען און דערהערט . . . דעם בעזים ריידן צו זיי:

„דאָס בין איך, מאַקס", האָט דער בעזים געזאָגט מיט ציטער און פּאַטאָס אין זיין קול, „איך, מאַקס, אייער געשוואָרענער פריינט".

מאַטל און דזשעק זיינען שנעל אַרויס פון זייער פּעטריפירטן צושטאַנד, זיך אַרומגעכאַפּט מיט'ן בעזים, געקושט אים און געהאַלזט און באַוואָרפן מיט פראַגן.

דער בעזים האָט אָנגענומען אַ פּאָזע פון אַ פּאַרקער־מיניסטער און אָנגעהויבן:

„ווי איר זעט, בין איך מגולגל געוואָרן אין אַ בעזים, ווייל מיר איז איבערגעגעבן געוואָרן די הייליקע מיסיע אויך אין מיין טויטן לעבן אָפּצורייניקן די בינע; אָבער גלויבט מיר", האָט ער צוגעגעבן מיט אַ בעזימדיקן שמייכל, „איך טראָג מיין גורל פון „ב אַ ־ ק ע ר ן" באהבה".

מאַטל און דזשעק האָבן אים געשטעלט פראַגן וועגן די „סטאַרס" פון יענער־וועלט־בינע, און צי זיי „שטערן" דאָרט אויכעט, און צי איז טאַקע אמת, אַז זיי פינקלען אַראָפּ אין די הימלישע טעאַטערס מיט גרויסע בוכשטאַבן פון די אַפישן? אָבער נאָך איידער דער בעזים האָט צייט געהאַט צו ענטפערן, האָט זיך פון די גאַרדעראָב־צימערן דערטראָגן די שטימע פון מאַרים שוואַרץ.

דער בעזים איז פּלוצים פּאַרציטערט געוואָרן און נערוועז זיך גענומען קערן אַהין און צוריק און טרייסלען ווי אַ לולב.

מאַטל און דזשעק האָבן נישט פאַרשטאַנען די פּלוצימדיקע ענדערונג און שרעק פון זייער ליבן גאַסט דעם בעזים און זיך אָנגעהויבן צו בעטן ביי אים: געוואַלד, בעזים, זיי זיך נישט מיאש. וואָס איז מיט דיר?"

דער בעזים האָט זיך ענדלעך באַרויקט, געעפנט זיינע לעפצן און מיט אַ פאַרצווייפלטן קול זיך געבעטן: „שנעל, באַהאַלט מיך ערגעץ, פאַרשטופּט מיך ערגעץ אין אַ פינסטערן ווינקל און רעדט נישט צו מיר, ווייל טאָמער וועט שוואַרץ אויסגעפינען, אַז איך קען ריידן, וועט ער מיר אָנטאָן אַ קאַפּאָטע מיט אַ פּאַריק און מיר חיוסן שפּילן אַ ראָלע . . . "

אויב איר ווייסט

אויב איר ווייסט ערגעץ פון עפעס אַ קרבן
וואָס לעבט, נאָר איז כמעט שוין געשטאָרבן,
אויב איר ווייסט
פון הערצער מיט פוסטע קעפּ וואָס טראַכטן,
פון סטראַטאָספערן און פון עולם התחתון,
וועגן הרי אתין, וועגן קינפּעטן, גט'ן,
פון געזונטע גופים אין קראַנקע בעטן,
פון מענטשעלעך קליינינקע, געשעעניש וויכטיקע,
פון געניאַליטעטן, קליניקייטן וויכטיקע
זאָל דאָס וויסן יעדער איינער.

אויב איר ווייסט פון עמאָציאָנעלע שרייבער,
פון שטיוול־לעקער, שקלאַפן־טרייבער,
אויב איר ווייסט
פון נישטיקייטן פון גאָרנישטיקע מאַכער,
פון עפּיס אַ ציניקער, אַ דבר אחר,
פון מאַלפּעלאך מיט גאָרילישע אַמביציעס,
פון אינהיביציעס, פון סעקס־יביציעס,
פון לופט־מענטשן און גענילעלע ראַדיאָטן,
נייעסן, רכילותי׳ן, אמתי׳ן, אַנעקדאָטן,
זאָל דאָס וויסן יעדער איינער.

אויב איר ווייסט פון בולבעס, אַ נייעס, אַ פסוק,
ווערטער־שפּילן, וואָס זענען גאָר דאָסיק,
אויב איר ווייסט
פון טאַלאַנטום־טומים און ענלעכע חורבות,
פון גייסטער וואָס זענען גייסטיק באָרוועס,
פון ראַבאַיס, חזנים, רבנים אין קאַפּאָטעס,
וואָס יצר הרע׳ווען אין פרעמדע בלאָטעס,
און פראַווען שטוקעס פוילע געהיימע
זאָל אייך נישט באַפאלן קיין אימה,
און זאָל דאָס וויסן יעדער איינער
ווייל ווער עס רעדט פון זיך אַליין
איז אַ נודניק נישט קיין קליינער.

אפשר׳יזמען

דער קאָפּ פון געפיל-מענטש ווערט פון הארצן דערוואַרעמט,
נאָר דאָס הארץ פון קאָפּ-מענטש, ווערט זעלטן דערבאַרעמט.

איך שטודיר מענטשן פאַרשיידענע און טראַכט זיך,
קיינער איז נישט אַזוי וויכטיק ווי מען מאַכט זיך.

ס׳האָט יעדער מענטש אַ רעכט צו סנאָבן,
מיט דער נאָז צו טאָן אַ דריי;
נאָר קיינער האָט קיין רעכט צו האָבן
אַ פולע נאָז מיט פליי.

ס׳איז נישט קיין דערציאונג, נאָר טאַיראַד-דריזן,
וואָס מאַכן פון מענטשן חולאים אָדער ריזן,
טייל ווערן אנעמיש און אנדערע פולבלוטיק,
טייל וואַקסן אויס פּחדנים און אנדערע מוטיק.

ניטאָ אין לעבן קיין גרויקייט און אומעט,
יעדער עמיץ האָט ערגעץ אַ ציל,
דראַמאַטיש און טראַגי־קאָמיש איז תמיד
דער טעגלעכער לעבענס־שפּיל.

כ׳וועל פון מיין פּנים נישט פאַרשמינקען די קאָרבן
און מיינע גרויע האָר אויף טונקל נישט פאַרבן;
כ׳וועל בלויז מיין האַרץ און מח פאַרצאַמען,
אַז אַלטקייט און גרויקייט זאָלן זיי נישט פאַרסמיען.

פון זשורנאַליסטן ווערט דער אמת צעשמירט;
ביי נאָוועליסטן ווערט קעגן אמת אינטריגירט;
דיכטער ווערן פון אמת אינספּירירט,
און ביי דראַמאַטורגן ווערט דער אמת פאַרגרימירט.

איר קענט אים?

יוסף פאָול׳ן

איר קענט אים?
ער איז זעלטן וועןֹ א גרויסער חכם-עתיק,
ער איז נישט פעדאנטיש אין גראמאטיק,
ער איז נישט ווולגאר און נישט באָמבאסטיש,
ער גלויבט נישט אלץ, נאָר ער איז נישט סארקאסטיש,
ער איז א מענטש א ליבער א טשיקאווער,
עס רייסט א יעדער זיך צו זיין זיין חבר.
איר קענט אים?
ער פאָרשט נישט אין דער פסיכאָ-אנאליטיק,
ער איז נישט טיף באהאוונט אין פאָליטיק,
ער קלערט נישט וואָס איז רעכט און וואָס לינק איז,
אין קונסט פארשטייט ער בלויז וואָס לייכט און גרינג איז,
און כאָטש ער טראָגט קיין וועלט-שמערץ אויף די פלייצעס,
קומען מענטשן צו אים פרעגן עצות.
איר קענט אים?
פאר אים איז נאָך קיין זאך נישט אויסגעדראָשן,
ס׳איז קיינער נישט געשטאָרבן פאר זיין גראָשן,
ער מאכט פון קיינעם קיינמאָל נישט קיין חוזק,
מעג דער איינער גייסטיג זיין גאָר לויזיק,
ער האָט נישט קיין קאָמפליצירטן שכל,
נאָר חכמה ליגט אין זיין יעדן שמייכל.
איר קענט אים?
ער שפאסט פון כללים אין דער עטיקעטע,
ער האלט פון דראמע און אויך פון אָפערעטע,
ער איז קיינמאָל נישט בורלעסק און נישט דראמאטיש,
ער איז צו קיינעם קיינמאָל נישט פלעגמאטיש,
ער האָט א נאָז, א שארפן חוש צו שמעקן,
אין קיינעמ׳ס עסק וועט ער זי נישט שטעקן.
איר קענט אים?
איך האָב די מעלות, אלע אינאיינעם,
קיינמאָל נישט געפונען ביי קיין איינעם,
נאָר אויב איר ווייסט און קענט אזא מין מלאך,
צו באקענען זיך מיט אים מעג מען לויפן א מהלך.

וואנדערער און וואנדאלן

דאָס איז פאָרגעקומען מיט אַ סך יאָרן צוריק, ווען דער קאָמפּאָזיטאָר שלום סעקונדע האָט אָנגעהויבן צו פּאַקן און מוזע-לען אין יידישן טעאַטער. אין יענער צייט איז ער בלויז טאַלערירט געוואָרן פון דעם דעמאָלטדיקן „קלעזמער־קלוב", אונטער דער פירערשאַפט פון אַ. אַ. וואַטמאַן, וואָס האָט געטרומייטערט און געבאַראַבאַנעוועט אויף אַלע נאָטן און באַנק־נאָטן פון יעדן יידישן מוזיקאַנט.

דער יונגער סעקונדע איז איינגעלאַדן געוואָרן פון דעם מעלאָדראַמאַטורגישן מעלאָדראַמאַטאָטער מאַקס געבל צו קאָמפּאָנירן פאַר אַ האַרצרייסנדיק לעבענסבילד — געזעגנגע, טענצע און מערשע, וועלכע זיינען, לויט סעקונדע'ס מיינונג, געוועזן אַזוי נויטיק פאַר דעם מעלאָדולנעם ווערק ווי אַן עלעקטריש אייוועלע אין גיהנום, אָדער אַן אייזקאַסטן אין אַן איגלו.

אָבער סעקונדע איז אינספּירירט געוואָרן פון דעם צוטרוי און אינטערעס, וואָס געבל האָט צו אים אַרויסגעוויזן און האָט נאָך אַ קורצן און בינדיקן שאַפן, פון זיין מוזיקאַלישן אַרבל אַרויסגעשאָקלט אַלע ניגונים. געבל האָט סעקונדע'ן געהאַט געבעטן צו שענקען ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט צו אַן „אויסערסט־העכסט־מעלאָדראַמאַטישער חופּה־סצענע", מיט אַ „היסטעריש־פאַרפירטן כלה-מערבען", מיט פּרובכט פון זינד אונטער'ן בוזעם; און פאַר דער סצענע האָט סעקונדע אין איין סעקונדע מיט ספּעציעלער אויפמערקזאַמקייט „אַנעקסירט" אַ פיקס־און־פאַרטיקע קאָמפּאָזיציע פון פאָן וועבער'ס אָפּערע „אָריאַנטע", וועלכע האָט אַן ענלעכע סיטואַציע ווי די מעלאָדראַמע מיט דער באַפרוכטלטער מעלאָדראַמע.

געבל איז געוואָרן באַגייסטערט פאַר „סעקונדע'ס" מוזיק, אָבער — ביז וואַטמאַן וועט נישט אַרויפלייגן זיין פּעטשאַט און געבן די דערלויבעניש, האָט סעקונדע געמעגט זיין באַך, בראַמס אָדער בעטהאָווען, אָדער גאָר אַ ווירטואָז, איז ער אַ ווירטואָז־זעראָ און קיין טאָן האָט נישט געטויגט.

מען האָט געקראָגן די דערלויבעניש, — איין איין פּראָבע בלויז. סעקונדע האָט צעטיילט די אָרקעסטראַציע צו די מוזיצירער, און אַלע זיינע אָריגינעלע מעלאָדיעס זיינען אַריבער „מאַיעסטאָזאָ". ער האָט פריי אָפּגעאָטעמט, ווייל עס איז אים געלונגען מיט קלאַנג און געזאַנג אַריבערצושפּאַנען די כינעזישע וואַנט פון יידישן טעאַטער, האָט ער

בשעת דעם איבערריים געטראכט. די איינציקע קאמפאזיציע, וואס איז נאך פארבליבן צו פרובירן איז געווען פאן וועבער'ס שאפונג. אט באלד — און די טויערן פון יידישן טעאטער צו רייכטום און בארימטקייט זענען אפן. ער האט אנגעקלאפט מיט דעם באטאן און אנגעהויבן דירינירן. פלוצים, אין סאמע מעלאדישסטן טייל פון דער קאמפאזיציע, האט וואטמאן, מיט א קאצעניאמערלעכן רעווע איבערגעשלאגן דאס שפילן. סטאפ! סטאפ! אויף די העכסטע נאטן, מיט שווידערלעכע מוזיקאלישע טענער האט ער געשריגן: וואס איז דאס פאר א מין מוזיקאנאליע? וואס איז דאס פאר א פאסקודסטווא?! ער האט געכאפט די נאטן פון די שטענדערס און זיי צעריסן אויף פיץ פיצלעך און שטיק שטיקלעך.

ווען ער איז פארטיק געווארן, האט ער געווארנט סעקונדע'ן: אויב דו וועסט זיך ווען עס איז נאך אמאל וואגן צו געבן איין איינציקן מוזיקאלישן פיפס אין יידישן טעאטער, וועל איך דיך קרוינען מיט א קעסל־פויק איבערן קאפ.

מאראל:

אז מ'וויל בלאזן שופר, דארף מען האבן א יוניאן־ביכל.

אין יידישן טעאטער איז טראדיציע איינע פון די הייליקסטע געבאטן. מיט דער אויסנאם פון א קליינער צאל איקאנאקלאסטן, דערוועגט זיך קיינער נישט אויפצופירן א קלאסיש־יידישע פיעסע אנדערש ווי אין דער אור־אויפפירונג.

מען דערציילט וועגן דער בארימטער קינסטלערין בערטא קאליש, וואס האט נאך צוואנציק יאר ווידער געוואלט אויפטרעטן אין יעקב גארדינ'ס „די ווארהייט", אז זי האט געפאדערט, אלץ זאל זיין פונקט ווי אמאל. נישט בלויז האט זי פארלאנגט די זעלביקע קליידער, נאר זי האט אפילו געוואלט, אז דאס קינד, וואס האט מיט איר מיטגע־שפילט, זאל אויך געבראכט ווערן. זי איז געווארן שטארק אנטוישט, ווען מען האט איר איבערגעגעבן, אז דאס קליינע קינד איז שוין א מאמע פון דריי קליינע קינדער.

ביי אן אויפפירונג פון א גאלדפאדען־פיעסע, האט א טראדיציא־נעלער רעזשיסער געפאדערט פון א יונגן קאמיקער, אז ביי א געוויסער סצענע זאל ער צוגיין צום סאמע פראנט פון דער בינע און, ווי אן אינדיאנער, מיט דער האנט איבער'ן שטערן, ארייננקוקן צו דעם עולם און עפעס דארט זוכן. דער יונגער אקטיאר האט פראטעסטירט קעגן דער סצענע, אבער ער האט זיך סוף כל סוף געמוזט אונטערווארפן

דער טראַדיציע, ווייל, האָט דער רעזשיסער גע׳טענה׳ט, אַזוי האָט געטאָן סעם קעסטין, דער אָריגינעלער אַקטיאָר אין דער ראָלע, און אַזוי האָבן געטאָן אַלע אַקטיאָרן איבער דער גאַנצער וועלט, און מען דאַרף נישט פרעגן קיין קשיות און קיין שאלות.

דער יונגער אַקטיאָר האָט דווקא יאָ געפרעגט קשיות און שאלות. אין אָוונט האָט ער זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט קעסטינען און אים געבעטן, זיך צו דערמאָנען די סיבה, פאַרוואָס ער איז, מיט אַכט און דרייסיק יאָר צוריק, צוגעגאַנגען צום פראָנט פון דער בינע און אַריינגעקוקט צו דעם עולם, כאָטש עס איז ניט געווען קיין שום לאָגיק, קיין זין און קיין שכל פלוצים צו ווערן אַן אינדיאַנער אין דער סצענע.

— וואָס מיינט איר, עס איז נישט געווען? — האָט קעסטין אַרגומענטירט, — איך געדענק גאַנץ גוט פאַרוואָס. עס איז געווען אי לאָגיק, אי זין, אי שכל. ביי דער פרעמיערע פון דער פיעסע איז צווישן עולם געזעסן מיין געליבטע, און לעבן איר האָט זיך צוגעשאַרט, ווי מען האָט מיר באַלד אָנגעזאָגט, דער דירעקטאָר פון טעאַטער. בין איך אומישנע צוגעגאַנגען צו דעם עק פון דער בינע זען, צי ער זעט מיך. אָבער איך האָב זיך נישט פאַרשטעלט דעם שטערן ווי אַן אינדיאַנער, נאָר זיך פאַרשטעלט מיינע אויגן מער נישט צו זען און אָנגעהויבן פון פאַרדרוס אַרומצוטאַנצן ווי אַן אינדיאַנער, וואָס מער איך האָב געטאַנצט, אַלץ מער האָט דער עולם געלאַכט, און דעריבער, מיין פריינט, איז אַ סצענע ברענגט געלעכטער, צי עס פּאַסט זיך אָדער נישט, ווערט זי טראַדיציע.

מיר האָבען קיין נייעס נישט געפונען.
מיר וועפן זיך אוים, מיר שעפּן זיך אוים,
מיר האלטן נאָך אַלץ ביים באַגינען.

כדי מען זאָל נישט מיינען, אַז איך מיין עמיצן ערגעץ וואו, דאָס פאָלגענדע וועט ערשט פּאַסירן, אָדער עס האָט שוין געטראָפן מיט הונדערטער יאָרן צוריק אויף יענער זייט סמבטיון.

אַ פּרעס־אַגענט פון אַ געוויסן טעאַטער האָט געוואָלט איבערגעבן אין קורצן דעם אינהאַלט פון דער פּיעסע, וועלכע ער רעקלאַמירט. אָבער נאָכ׳ן צעברעכן צוויי שרייב־מאַשינען, אַ שאָק מיט פאָונטענפּענס און צערייסען אַ וואַגאָן מיט ווייסן פּאַפּיר, האָט ער זיך געווענדט צום סטאַר פון דער „שאָו" ער זאָל אים אַרויסהעלפן.

„איך זאָל דיר העלפן?" — האָט דער סטאַר אַ פאַרגאַפטער געזאָגט. — „איך זאָל געפינען דעם אינהאַלט? שוין זעקס וואָכן, אַז

איך און דער מחבר און דער ליריקער און אַלע אַקטיאָרן זוכן מיט ספּאַט־לייטס דעם אינהאַלט און קאָנען אים נישט געפינען. ווילסטו, אַז איך זאָל דיר העלפן?״

אידעאַלן פאַרמאָגט ער אָן צאָל,
געדאַנקען פינקלען בריליאַנט,
זיין שכל איז רייכער קרישטאָל,
זיין שפּראַך — אַ זיידן־געוואַנט;
קיין חובות ער צאָלט נישט קיינמאָל,
אָט דאָס מיינט האָבן טאַלאַנט.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי איבערצוגעבן ווי אזוי מען פלעגט אין די אמאָליקע יאָרן צוזאמענשטעלן טעאטער־פאָרשטעלונגען. אין אַ קאָרטן־שטיבל האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן צוויי אויסגעשפּילטע מולטי־קבצנים און איינער האָט אַ זאָג געגעבן צום צווייטן: ווייסטו וואָס, לאָמיר מאַכן אַ פאָרשטעלונג, וועלן מיר קריגן געלט און האָבן אויף שבת, צו מאַכן אַ קערטל.

וואו, האָט געפרעגט דער צווייטער, וועלן מיר נעמען אַ טרופּע?

וואָס הייסט וואו? — האָט געענטפערט דער ערשטער, — איך און דו זיינען צוויי, דיין און מיין אידענע, האָבן מיר שוין פיר, מיין זון און דיין טאָכטער און כייקע די אלמנה׳קע און מאַשקע טראָמ־בעניק און נאָך עמיץ אַ משוגענער, האָבן מיר שוין אַ גאַנצע טרופּע.

מילא, האָט ווידער געצווייפלט דער צווייטער, דאָס וואָס זיי האָבן קיינמאָל נישט געשפּילט, ווייזט אויס, מיינט ביי דיר גאָרנישט, אָקעי. אָבער וואו וועלן מיר נעמען דעקאָראַציעס?

כאַ, כאַ, כאַ — האָט געלאַכט דער ערשטער, דעקאָראַציעס? ערשטנס ביסטו אַ געוועזענער פּייפערהענגער. איך קאָן אויך אביסל שמירן, וועלן מיר נעמען נאָך אַ פּאָר פּאַטשקונעס, פאַרקאַטשען די אַרבל און געבן אַ שמיר, וועלן מיר האָבן דעקאָר־עצות.

ביי דיר גייט אַלץ ווי געשמירט. אָ־קעי, איך אַפּריטשיאייט דיין געניאַליטעט, האָט זיך געוויצלט דער צווייטער. אָבער זאָג־זשע מיר: אויב דו קענסט אַלץ אַזוי לייכט אָפּמאַלן און אָנפּאַטשקען, וואו וועלן מיר נעמען אַ טעאַטער און וואו וועלן מיר קריגן לידער, און וואו, בעט איך דיך, וועלן מיר נעמען קאָסטיומען?

דאָס איז גאָרנישט מיט גאָרנישט, נאָטינג שב׳נאָטינג, ניטשעוואָ. מיר וועלן קריגן, — האָט דער ערשטער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און מיט אַן אייגל. איך קען דיר אונטערשרייבן, אַז מיר וועלן אַלץ האָבן.

נו, אויב דו קענסט זיך שוין אונטערשרייבן אויך, האָט דער פּעסימיסט געענטפערט, אויב דו האָסט זיך שוין אויסגעלערנט אונטערצלמ׳ען דיין נאָמען, זאָג זשע מיר, איך בעט דיך, דערקלער מיר, וואו וועלן מיר נעמען אַ פּיעסע?

אַ פּיעסע? אַ פּיעסע? — האָט דער ערשטער ווי אַ ווילדער געשריגן — אַ פּיעסע? וועגן אַזאַ מיר קלייניקייט ווילסטו, אַז מיר זאָלן אָפּשטעלן אַ פאָר׳שטעלונג? נישט אַנדערש נאָר דו ביזט משוגע, אָדער דו ביזט געוואָרן אַ אינטעליגענט.

עס ענדערן זיך פּראַקטישע טעאָריעס טאָג־טעגלעך,
מען באַוועגט זיך, מען אַנטוויקלט זיך און באַוואונדערט.
בלויז אין אונזער טעאַטער איז נייעס נישט מעגלעך,—
ס׳איז נאָך אַלץ ווי אין לעצטן יאָרהונדערט.

אַן אַמביציעזער טעאַטער־דירעקטאָר האָט זיך צעקריגט מיט אַ ליטעראַרישן דראַמאַטורג, וועמען עס איז שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן די פרייהייטן, וואָס דער סטאַר־רעזשיסער און אַלע אַקטיאָרן האָבן זיך גענומען מיט זיין פּיעסע. ער האָט פּראָטעסטירט, אָבער ווען עס האָט אים גאָרנישט נישט געהאָלפן, איז ער געוואָרן אין כעס און זיך צעשריגן: איך וועל צונעמען מיין פּיעסע און „איך האָב אייך אין דר׳ערד!” „אויב שוין אין דר׳ערד”, האָט דער דירעקטאָר רואיק אַ מאַך געטאָן, „מעגסטו דאָך מיר זאָגן דו, „איך האָב דיך אין דר׳ערד”. — „ניין!” האָט דער דראַמאַטורג געהעכערט זיין שטימע „ווען איך האָב אייך אין דר׳ערד, מיין איך „אייך”, „אייער” טעאַטער, „אייערע” פּיעסן, מיט „אייער” שפּילן, מיט אַלץ מיט אַן אַנדער!”.

ווען דו וועסט שטייגן הויך אַריבער,
אַז דיך דערגרייכן וועט נישט קיינער,
אַ ציל אַ גוטער וועסטו, מיין ליבער,
זיין פּאָר בלאָטע און פּאָר שטיינער.

אין די יאָרן 1923, אָדער 1924, ווען די ערשטע יידישע קאָנ־צערטיאַנער האָבן אָנגעהויבן ארומצואוואַנדערן איבער'ן לאַנד, האָט דער יידיש-נאַציאָנאַלער ארבעטער־פארבאַנד ארויסגעשיקט דעם פאָלקס־לידער זינגער חיים קאַטילאַנסקי און דעם פאָרלייענער אַל הערים דורכצופירן קולטורעלע פארוויילונגען אין א סך שטעט פאר פארבאַנד־צווײַגן און פועלי־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. אין יענער צייט זיינען יידישע קאָנצערטן געווען אזוי פּאָפּולער ווי די ביבל אין האָטעל־צימערן; אָבער, אז אפּישן מיט די בילדער פון פּרץ'ן, שלום עליכם'ען און מענדעלע'ן זיינען צעקלעפּט געוואָרן, האָבן יידן פון א גאַנץ יאָר געמיינט, אז די באַבערדלטע און באַוואָנצעטע זיינען פארשטעלטע קאָמעדיאַנטשיקעס; איז מען געקומען צולויפן אין טעאַטער זען די קאָמעדיע.

אין א סך שטעט איז דער פּראָגראַם אריבער בשלום. אָבער וואָס ווייטער מען איז געווען פון ניו יאָרק, אלץ ווייטער איז מען געווען פון יידישער ציוויליזאַציע, און א שפּאָר ביסל (און וואָס ווייטער אלץ מערער) האָבן געגומען אונטערבונטעווען, למאי מען האָט זיי אָפּ־גענאַרט מיט אַלטפרענקישע לידער און באָבע־מעשיות . . . אין דע־מאָין, איאָווא, האָט איינער, וואָס האָט קיינמאָל נישט געהערט וועגן עוואָלוציע און דער אַנטוויקלונג פון מאַלפּע צו מענטש, אין סאַמע מיטן פון קאַטילאַנסקי'ס א פאָלקסליד געמאַכט א פאָלקס־אויפשטאַנד. „וואָס גיט איר אונז עפּעס פאר א באָבסקע סאָנגס!" — האָט ער גערעוועט אויף די העכסטע באַסאָווע טענער, — „איר ווילט אונז אָפּפּריצעווען, אָפּיאָלדעווען? מיר'ן זיך נישט לאָזן!".

„הערט אונז אויף צו נעמען אויף זיכער!" — האָט זיך צעיענ־טעוועט א יאַכנע.

„גיט אונז א לייטישן סאָנג", איז ארייגעפאַלן א דריטער. „איר האָט א גוטע כלי צום זינגען, גיט אונז „דאָס טלית'ל" אָדער „אידעלע דיין קרוין".

„פארוואָס נישט „די מיסעס מיט'ן באָרדער?" האָט געליאַרעמט א פערטער. און א פאָנפאָטש איז אויפגעשפּרונגען: „מיר ווילן „גאָט און זיין בישפּעט" אָדער „כל דידרע" . . .

קאַטילאַנסקי האָט אָנגעהויבן צו שאָקלען מיטן קאָפּ, און ווען דער עולם האָט זיך באַרואיקט, האָט ער אָנגעהויבן אויפצוקלערן די וויכטיקייט פון פאָלקסלידער, ווי נויטיק עס איז אויפצולעבן די גע־זאַנגען פון אונזערע זיידעס און באָבעס, ווי דרינגענד עס איז, אז

אונזערע קומענדיקע דורות זאָלן ווייטער זינגען די לידער פון פאָלק, און אויך אַז גרויסע מוזיקאַלישע ווערק זיינען געשאַפן געוואָרן, באַזירט אויף פאָלקסלידער. אַלע ווייטערע קאָנצערטן זיינען דורכגעפירט געוואָרן מיט דער לעקציע, און ביסלעכווייז האָט זיך קריסטאַליזירט איבער׳ן לאַנד אַ פיינער קאָנצערט־עולם. אָבער נישט גרויס געגוג. ווייל אַנדערע אינצידענטן האָבן דערפירט דערצו, אַז אַ דירעקטאָר פון אַ טרופּע, וואָס האָט דורכגעפירט „דער דיבוק״ אין סאַוט־בענד, אינדיאַנאַ, איז פון די אינדיאַנער יידישע וואַנדאַלן באַצאָלט געוואָרן מיט אונטערגעהאַקטע זייטן — פאַר אָפּגאַרן זיי מיט אַזאַ פּאַסקודנעם טעאַטער־שטיק . . .

אַקטיאָרסקע הענט זיינען גאָר וויכטיק
די כאַראַקטערן צו אילוסטרירן,
און די הענט פון עולם דאַרפן זיין טיכטיק
די אַקטיאָרן צו אַפּלאָדירן.

אַרום יענער צייט איז מאָרים שוואַרץ מיט זיין קונסט־טרופּע אַריינגעפאָרן קיין סיו־סיטי, איאָווא, מיט ערנסט טאָלער׳ס „דער בלו־טיקער געלעכטער״, — אַ פּיעסע פון כאַאָטישן צושטאַנד אין דייטשלאַנד נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה, אין וועלכער דער פון הונגער־און נויט־געפּייניקטער דייטש, הינקעמאַן, באַווייזט אַלערליי משונה׳דיקע טריקס פון אַ צירקוס־גבור! די פּיעסע האָט אומעטום אויסגענומען, אָבער אין סיו־סיטי איז דער עולם געזעסן אויף די הענט, ביז אין מיטן פון אַ פּאַטעטישער סצענע איז פּלוצים אויפגעשפּרונגען אַ וואַנדאַל און גענומען זידלען: „וואָס באַלאַגאַנעוועט איר? וואָס פאַר אַ טשעפּוכאַ דערלאַנגט איר אונז? גיט אונז אַ לידל, אַ טענצל, אַ שטיקל חזנות!״ אסך אַנדערע האָבן אים אַרויסגעהאָלפן: „הויבט אַ פיסל און עפּנט אויף די געמבעס!״ — האָט מען געפאָדערט פון אַלע זייטן — „אַז נישט וועט איר נישט אַרויס אַ לעבעדיקער פון דאַנען. מיר׳ן אייך געבן אַ בלאָטיקן געלעכטער, אַז דאָס לשון וועט אייך אָפּגענומען ווערן.״ אַ טייל פון עולם האָט פּראָטעסטירט קעגן די פּראָפאַנען, און די פאָרשטעלונג איז פאַראַנקערט געוואָרן און זיך נישט גערירט פון אָרט, ביז מאָרים שוואַרץ, צוזאַמען מיט איזידאָר קעשיר, האָבן געראַטעוועט די סיטואַציע. אָנפירנדיק ווייטער די סצענע, האָט שוואַרץ (הינקעמאַן) געזאָגט צו קעשיר׳ן, וועלכער האָט

געשפּילט די ראָל פון צירקוס-דירעקטאָר: „איך קען נאָך אַ סך אַנ־דערע טריקן, און קען אויך זינגען . . .״ קעשיר האָט אים אונטער־געשפּילט און האָט באַדויערט פאַרוואָס „הינקעמאַן״ איז אַ קריסט און קען נישט קיין יידישע לידער. „איך קען!״, האָט שוואַרץ־הינ־קעמאַן געענטפערט, „איך בין אַמאָל געווען אַ שבת־גוי אין אַ פּויליש־יידישן שטעטל און איך פלעג שבת איינהייצן אין דער סינאַגאָגע, האָב איך זיך אויסגעלערנט אַ חזנ׳ישע מאָליטווע . . .״ און אַזוי האָט דער „דייטש הינקעמאַן״ אָנגעהויבן צו זינגען אַלערליי חזנ׳ישע „מעצאָ-וואָטשעס״ און גאָרגלעריען, און פאַרהיט די טרופּע פון קלעפּ און אונטערגעהאַקטע זייטן. דער סיר־סיטי עולם האָט געפּאַטשט בראַוואָ און איינער האָט דעם אַנדערן געקלאַפּט אין די פּלייצעס און געזאָגט: „בלויז יידישע אַקטיאָרשטשיקעס פאַרמאָגן אַזעלכע יידישע גוים, וואָס קענען אַזוי מחיה׳דיק זיך גאָרגלען. אָבער שוואַרץ און די אַקטיאָרן האָבן געשוואוירן, אַז מער וועלן זיי פאַר אַזעלכע יידן נישט שפּילן.

וועז אַקטיאָרן פאַרענדיקן דעם סעזאָן,
בלייבט זיי גאָר ווינציק פון טעאַטער;
פרעסן זיי זיך, רחמנה לצלן,
נאָר קיינער ווערט נישט קיין זאַטער.

צו דער קאַסע פון אַ וואַרשעווער יידישן טעאַטער, בשעת עס איז געשפּילט געוואָרן אַ קאָמעדיע פון פראַנצויזישן קאָמעדיע־שרייבער מאָליער, איז צוגעקומען אַ פראַנט מיט אַ פאַרשפּיצטן קאַפּעליוש און וואָוילינגעריש אַ פרעג געטאָן: „וואָס שפּילט מען דאָ היינט, צום לאַכן אָדער צו וואַינען?״

„צום לאַכן״, האָט דער קאַסירער געענטפערט, „צ׳עט היינט צע־טראַסקעט ווערן פון געלעכטער, צ׳עט ענק האַלט באַ די זאַטן, צ׳עט צעפּענקעט ווערן, זאָ׳מיר אַזוי באַידע לעבן נ׳געזינט זאַן, ווי צ׳עט צעשאָסן ווערן פון געלעכטער״.

דער פראַנט האָט געקויפט אַ בילעט, אַריין אין טעאַטער און אָפּ־געשלאָפן די גאַנציע פּיעסע, — אַ טיפּיש מאָליע׳רשע קאָמעדיע מיט אַ סובטילן אינהאַלט. ביים אַרויסגיין איז דער יאַט צוגעקומען צו דער קאַסע, אָנגענומען דעם קאַסירער ביי די לאַצן און פון האַלב־געעפנטע ליפּן אַרויסגעבורטשעט: „דו זאַגראַניטשנער, קודלעוואַטער־

פראמפאל, א בראנד פייער אין דאנע אינטעליגענטישע לעפצן! האסט געמאינט, יאך בין א וויטישער יאלד און אהס-מעך אוועקגעזעצט אין א פינסטערע בודע פאר מאנע זלאטים, אז אויסגעריבן זאלן דיר ווערן די הויזן פון זיצן שבעה... האס־מיר צוגעזאגט, יאך וועל צעטראסקעט ווערן, יאך וועל שטארבן פון געלאכטער און יאך בין דרינען אפגע־שלאפן די גאנצע צאט און אפילו נישט גע־גען קא שמאיכל. יאך הא געקויפט א בילעט אף דאן פאווידזשאלנאסט, א רוח אין דאן גע־פאיגערטע שטיפמאמע, יאך הא׳דאך געגעניצט אף אלע קאילם. גע׳מיר קריק ס׳געלט, א׳ניש על׳עך דיך מאימעסן!״...

דער קאסירער האט ענדלעך געפונען זיין לשון און זיך גענומען פארענטפערן: „וואס פאלט ענק אן, דאס אי׳דאך איינע פון די בעסטע קאמעדיעס, דאס אי׳דאך געשריבן פון דעם גרויסן מאליער מיט א דריי הונדערט יאר צוריק...״

„אזוי, מיט דריי הונדערט יאר צוריק? — האט דער פראנט געווילדעוועט, „א מאליער דיך אין די יאסלעס! מיט דריי הונדערט יאר צוריק זענען געווען יאלדען, אבער נישט האנט...״

איצט, אז מען האט שוין דעם סוד פון אטאמען געטרויבט,
וועלן וויסנשאפטלער אונז ענדלעך לאזן וויסן,
צי האבן אקטיארן הנאה מער, ווען זיי ווערן געלויבט—
אדער ווען זייערע קאלעגן ווערן אראפגעריסן.

געווען אמאל א צייט, ווען יידישע אקטיארן אין צארישן רוסלאנד האבן געוואגלט און געוואנדערט אן שפילרעכט און אן וואוינרעכט. דער אמאל בארימטער אקטיאר אברהם פישזאן האט אמאל באקומען די דערלויבעניש צו שפילן אייניקע פארשטעלונגען אין ראסטאוו ביים דאן, אבער קיין וואוינרעכט פאר דער טרופע האט ער נישט באקומען. איז פישזאן אוועק צום פאליצמייסטער און אין דער דערלויבעניש צו שפילן ארייגעלייגט אייניקע הונדערט רובל, כדי צו קריגן וואוינ־רעכט פאר די אקטיארן. דער פאליצמייסטער האט קאלטבלוטיק געענטפערט, אז ער קאן גארנישט טאן, נאר ווען ער האט דערזען דאס געלט, האט ער צוגעגעבן: „זעסטו, ווען דיינע אקטיארן וואלטן נישט געווען קיין בודאזשניקעס, וואלט געווען אנדערש, וויל ארבייטער מעגן יא וואוינען אין שטאט״.

פישזאָן האָט פאַרשטאַנען די קאַפּוליער אַנצוהערעניש און גע־ענטפערט: „וואָס פעלט אייך איין, וואַשע וויסאָקאַ... . איך פאַרזי־כער אייך, אַז מיין טרופּע באַשטייט פון לויטער שוסטער, שניידער, בעקער און סטאָליער, און עס איז נישט פאַראַן קיין איין כוּדאָזשניק".

ער האָט באַקומען די פּראַוואָזשיטעלסטווא פאַר די אַקטיאָרן, בלויז ווייל אין יענער צייט האָט געגילט דער כלל, אַז מ'שמירט פאַרט מען.

ליבידאָ

כיהאָב אָפט צו פרוּיליכע אויגן געטרונקען
און צו די פייערן, וואָס אין זיי ליגן.
איך האָב אָפט געשרפּיעט פון זייערע פונקען,
און פון די שטראַלן פון ליגן און ליגן.

איך האָב זי געקושט צערטלעך און שטיל
און אויסגעלאָשן דאָס ליכט,
האָט זי געזאָגט מיר, אַז זי וויל
מער קיינמאָל נישט זען מיין געזיכט.

דריי מאָל אין מיין לעבן, כיהאָב געזאָגט הרי את,
יעדע איינע פון די דריי האָט מעלות אַנדערע געהאַט,
צו דער ערשטער כיהאָב מיטן גאַנצן האַרצן באַלאַנגט,
נאָר זי האָט אַ סך מער, ווי מיין ליבע פאַרלאַנגט;
די צווייטע פרוי איז געווען אַ סך רייכער ווי שיין,
און די דריטע, ווייל שווער איז אויף דער וועלט צו זיין אַליין.

געהאַט האָט שלמה המלך אַ קלוגן קאָפּ אויף זיין פּלייצע,
זיין חכמה פון דער וועלט ווערט געערט,
ביי יעדער פון די טויזנט ווייבער ריהאָט גענומען אַן עצה,
און תמיד געטאָן פונקט פאַרקערט.

ליבע, דאָס איז טרוימעריי,
הייראַט, דאָס איז שקלאַפעריי,
אַ גט, דאָס איז ווידער ווערן פריי.
סך הכל, עס איז גאָרנישט נישט כדאי.

ווען איך וועל מער נישט זיין . . .

(א. לוצקי׳ן)

ווען איך וועל מער נים זיין, וועט אלץ זיין ווי געוועז—
עס וועט זיך גאָרנישט ענדערן, קיין זאך וועט נים געשען,
נאָכ׳ן פרילינג וועלן קומען זומער, הארבסט און ווינטער,
און יעדער פרילינג וועט דער בוים ווערן א באגרינטער,
און וואָלקנס וועלן הענגען — ליקווידירן זיך און רעגענען,
און טייכן וועלן לויפן — זיך מיט דעם ים באגעגענען,
און ווינטן וועלן בלאָזן פון צפון און פון דרום,
די זון פון ווייטן מזרח וועט צעטרייבן יעדן שטורעם,
און פאָרלעך וועלן פאָרן זיך און ווידער ראָמאנסירן,
ס׳וועט שיינען די לבנה און די שטערן שימערירן,
מ׳וועט ליבן זיך און האסן זיך און קושן זיך און בייסן,
שוואכע וועלן ציטערן און שטארקע וועלן שמייסן,
און וואָס ס׳איז אומדערטרעגלעך, וועט ווערן אומדערטרעגלעכער,
די אָרימע וועלן ווערן אָרימער און רייכע נאָך פארמעגלעכער—
ב י ז . . .
חכמים וועלן קומען און נאָך זיי חכמים גרעסערע
און דערציען די מענטשן צו אן אָרדענונג א בעסערע,
און קינסטלער און דיכטער און גאונים פון וויסנשאפט:
וועלן שאפן א סדר, יושר׳דיק, געוויסנהאפט,
אָן באָמבעס אטאָמישע, אָן באצילן, אָן ראקעטן,
און מענטשן וועלן מענטשן זיין, נישט קיין מאריאָנעטן,
דאָס לעבן וועט דאן ווערן ליכטיקער און גרינגער —
מ׳וועט צוליינגן צו דעם א האנט, נישט בלויז אמאָל א פינגער.
נ אָ ר . . .
כדי די וועלט זאָל זיין אָן צרות, נויט און פיין,
דארף זי גאָרנישט וואַרטן ביז איכ׳ל מער נים זיין.

צוויי קריטיקער אין מיטן ים



איין צייטונג א פרומע און די צווייטע א ראדיקאלע,
האָבן געהאט סיבות לאָגישע, סענטימענטאלע,
צו ראטעווען זייער געלט און זייער רעפוטאציע,
און געגעבן זייערע קריטיקער א נייע אסיינגנאציע:
זיי זאָלן אָנווענדן זייערע קריגערישע טאלענטן
און ווערן בארימט אלס מלחמה-קאָרעספאנדענטן.
צו קייבלען פון אייראָפּע יעדע שפּאנענדע סצענע,
דעם רעאליסטישן אמת פון דער קריגס-ארענע —
פּונקט אזוי ברוזיק, ווי זיי האָבן קריטיקירט
דעם טעאטער, מיט חוזק סאטיריזירט,
גערינסן, געשאָלטן און באנאליזירט
און מיט יעדן טעאטראל א מלחמה געפירט,
זאָלן זיי אויפן שלאכט-פעלד אויך זיין ברוטאל,
אזוי דער פרומער און אזוי דער ראדיקאל.

זיי פלעגן לערנען אַקטיאָרן זיך גרימירן,
ווי אַזוי צו רעזשיסירן, ווי אַזוי צו דירעקטירן,
ווי אַזוי צו שפּילן טעאַטער אָדער אינסטרומענטן,
געלערנט אַלעמען אַלע סטראַ-טראַגישע עלעמענטן —
ווי צו זיין הערָאיש, עלעגאַנט-אינטריגאַנטיש,
און, אַז יעדער רעזשיסער מוז תמיד זיין פּעדאַנטיש.
מיט אַ וואָרט אַמאָל געלויבט און מיט אַ שאָק געגעבן קלעפּ,
אַמאָל געוואָרפן בלומען, — נאָר צוזאַמען מיט די טעפּ.
קריטיקירט איראָניש און ס׳צאינה וראינה׳ש,
סאַרקאַסטיש, באָמבאַסטיש און ניוראַסטעניש —
אַז די שפּילער זיינען דראַנגען, די פּיעסע — לויטער וואַסער,
און טרוקן די מוזיק, ווי דער מוח פון פאַרפאַסער,
איבערפירן אַן אויפפירונג איז געווען אַ ריטואַל,
אַזוי דער פרומער און אַזוי דער ראַדיקאַל.

דער קאַפּיטאַן פון שיף האָט ביידע פּאַסאַזשירן,
די פאַרטרעטער פון דער פרעסע, געמוזט טאָלערירן,
ווען זיי האָבן זיך צוגעוואַקלט פּערפּענדיקולאַר
און געשריגן, ער פירט די שיף אריין אין געפאַר.
ווייל די מינען אין ים זיינען אַלע מאַגנעטיש,
זיי קענען דאָס באַווייזן פּראַקטיש, טעאָרעטיש;
אויך האָבן זיי אַמאָל פּלאַטאָן-וויסנשאַפט שטודירט
אין אַ כשר׳ער מקוה און ז׳האָבן אויסקאַלקולירט,
אַז כדי דער סוף פון שיף זאָל נישט ווערן טראַגיש,
מוז ער פירן די שיף, נישט זיגיש, נאָר זאַגיש.
און ס׳איז פינצטער די תיבה, ז׳דאַרף האָבן פאַקלען,
ווער זי זען ווי צו שווימען און זיך אויפהערן וואַקלען.
ס׳איז די קענטעניש פון ביידע געווען קאָלאָסאַל,
אַזוי פונ׳ם פרומען, אַזוי פון ראַדיקאַל.

נאָר פּלוצים איז א פיינטלעכע סובמארין אָנגעלאָפן,
און דער שיף מיט א טאָרפּידאָ אין בויך געטראָפן.
דער שאָס איז געווען פאטאל און געלונגען,
די ראדיאָ האָט באלד אָן „עס־אָ־עס" געקלונגען.
נאָר איידער די שיף איז נאָך געוואָרן פארשלונגען,
זיינען ביידע קריטיקער אין ים אריינגעשפּרונגען —
זיך אָנגעכאפּט אָן א דראָנג, א שווערן, א גרויסן,
און געוואָרן פון די כוואליעס געטראָגן, געשטויסן
טויזנטער מיילן, צווישן לויטער ים און הימל,
לאנגע טעג און נעכט, אָן שפּייז און אָן דרימל;
און וואסער א ים, נאָר קיין טראָפּן נישט צום טרינקען —
קיין ספק, זיי וועלן אין תהום באלד פארזינקען.
זיי האָבן געזען זייער סוף אזוי קלאָר און רעאל,
אזוי דער פּרימער און אזוי דער ראדיקאל.

גע'טובל'ט פון זאלץ־וואסער, געפייניקט פון גריזאָטע,
האָט אָנגעכאפּט דעם ראדיקאל א הייליקע חרטה:
איך האָב ערלעכע מי, צעברעקלט ווי א מצה,
צעריבן מיט מיין פען אידעאליזם און פּראָצע,
ווייל א קריטיקער ז'א שטומער, וואָס לערנט זינגער זינגען,
א קריטיקער ז'א קרומער, וואָס ווייזט גלייכע ווי צו שפּרינגען.
ס'האָט מיין שרייבן געהאט רעזולטאטן פאטאלע,
איך בין ווערט עס זאָל מיך איצט וואַרפן כף הקלע!
איך הענג אויף א קלאָץ אין א תהום, וואָס אומענדלעך,
איצט ווערט מיר דער דראָנג און דאָס וואסער פארשטענדלעך —
„אז נישט העכער ווי טעאטער איז די בעסטע פּרעסע,
און קיינמאָל נישט נידעריקער איז א באנאלע פּיעסע",
איך שווער ביי גאָט! אז נישט זאָל דאָס זיין מיין פינאל,
אז . . . נאָר פּלוצים האָט אים אָפּגעשטעלט דער קלעריקאל:

שווער נישט . . . איך זע עס קומט א שיף פון דער ווייטן —
שווער נישט . . . דו ווערסט דיין כאראקטער נישט בייטן;
פונקט ווי א טיגער קען נישט בייטן זיינע פלעקן,
אזוי קענען מיר אונזערע זינד נישט אָפמעקן.
ביזט אפילו צו דיין אייגענעם איזם נישט ערנסט,
ביזט א „סטאר" און איבער טעאטער דו שטערנסט,
ווייל דו האָסט שטודירט דראמאטישע פערספעקטיווע
אין א גאָראָדסקאָיע שקאָלע אָדער קאָצקער ישיבה.
שווער נישט . . . מיר טאָרן דעם קריטישן סם נישט אויפהערן:
אז דער קינסטלער האָט בלויז רעכט — די בינע אויסצוקערן.
אז דאָס רעכט צו שרייבן פיעסן דארף מען באשרענקען.
אונזער קריטיק דארף נישט בויען, נאָר שעדיקן, לענקען
און, אז בלויז אונזער שרייבן וועגן פיעסן איז געניאַל—
אזוי שרייב איך — דער פרומער, און דו — דער ראַדיקאַל.

בינע סם און האָניק

סיאיז מעגלעך דעם געשמאַק פון טעאַטער־עולם
צו ענדערן אינגאַנצן,
ווייל מען קען אפילו אַ מאַריאָנעטן-גולם
אויך מאַכן זינגען און טאַנצן.

שוישפילער, קינסטלער, עסטעטן
זיי ווילן אונז מאַכן גלויבן:
מיט זייערע טיפן און פאָרטרעטן
אונז קענען זיי דערהויבן
צו די שטערן און פלאַנעטן
און די הימלען אויבן;
נאָר, ווי ערדישע מאַריאָנעטן,
זיי ווילן אַפּלאָדיסמענטן און לויבן.

א מעשה וואָס דאַרף ערשט פּאַסירן

ס׳האָט נאָך קיינער נישט געזאָגט אַזאַ מין ליגן,
וואָס זאָל פאַר אַלעמען זיין אומגלויבלעך;
בלויז דער ריינסטער אמת ווערט אָפטמאָל פאַרשוויגן,
ווייל צופיל מענטשן מאַכן זיך טויבלעך.

פאַראַן שטעטלעך אין אַמעריקע, וואָס זענען „טאַבו" פאַר יעדער קינסטלעריש־ישער אָדער ליטעראַרישער אונטערנעמונג. אַזעלכע שטעטלעך געפינען זיך אויף די שוואַרצע ליסטן פון יעדן יידישן אימפּרעסאַריאָ און אונטערנעמער, ווייל זייערע בעסטע פאָרשטעלונגען, די גרעסטע קינסטלער און פּראָמינענטסטע שריפטשטעלער ציען אין יענע שטעטלעך נישט מער ווי א מנין יידן, און יעדע אונטערנעמונג איז דאָרט קינסטלעריש א דורכפאַל און מאַטעריעל א פיאַסקאָ.

אין איינעם פון אַזאַ מין שטעטל, לאָמיר עס אָנרופן „שניפּשאָק אָן די סוואַני", האָט געטראָפן דאָס פאָלגענדע:

אַן אימפּרעסאַריאָ, וואָס האָט אַרומגעפירט איבער׳ן לאַנד א פּראָמינענטן שוישפּילער־זינגער און עמוד־קינסטלער, אין א פּראָגראַם פון קלאַסישע אַריעס, יידישע פאָלקס־לידער און חזנ׳ישע ניגונים, האָט אין יענעם שטעטל אַנאָנסירט, אַז דער קינסטלער וועט אין זיין פּראָגראַם אויך מאַכן אַן „אל מלא רחמים" איבער אַן ערשט־פאַרשטאָרבענעם דאָרטיקן חשוב׳ן איינוואוינער.

אַזוי ווי די יידן אין שטעטל האָבן זיך גוט געקענט, איז יעדער איינער געוואָרן נייגעריק אויסצוגעפינען, ווער עס איז דער פאַרשטאָרבענער, פון וועלכן מען ווייסט אפילו נישט, אַז ער איז קראַנק געווען. די קאַסע האָט נישט בלויז אויספאַרקויפט אַלע זיץ־פּלעצער, נאָר ווי אונזער בולבעניק וואָלט געזאָגט, אַפּילו פאַרקויפט אַלע שטייענדיקע זיץ־פּלעצער. ביים אַריינגאַנג צום אָרקעסטער איז געשטאַנען אַן איבערגעדעקטער אָרון, און ביים קאָפּ פון אָרון — צוויי לאַנגע, ווייסע, ברענענדיקע ליכט.

א מיסטעריעזע שושקעניש האָט אָנגעפילט די לופט אין טעאַטער. מיט א שטילשווייגן האָט דער עולם זיך צוגעהערט צום קינסטלער, וועלכער האָט בלויז געזונגען ליטורגישע מאָטיוון. ענדלעך האָט ער אַנאָנסירט, אַז ער גייט מאַכן א „מלא" און זיך איינוועגס אַנטשולדיקט פאַר דעם מאָנאָטאָנעם פּראָגראַם, אין וועלכן דער עולם אין טעאַטער

איז אליין שולדיק, ווייל די דארטיקע יידן האבן פארלוירן יעדע באַ־ציאונג צום לעבעדיקן, קולטורעלן און יידיש־קינסטלערישן ווארט. צום סוף האט ער געבעטן, אז נאך דער „מלא” זאל יעדער איינציקוויז פארבייגיין דעם ארון און זען דעם בר־מינן.

דער ארון איז אפגעדעקט געווארן, און יעדער פארבייגייער האט אריינגעקוקט און דערזען — זיך אליין. אין ארון איז געלעגן א גרויסער שפיגל.

אמתיע קונסט איז נישט קיין גאנגבארע סחורה,
ווייל קונסט איז אמת, און פאר אמת האט מען מורא.

פילאזאפיע

די צייט, אין וועלכער מיר לעבן, איז גאר וויכטיק,—
דאס קען זען אפילו דער מח דער בלינדסטער:
ס'איז נאך קיינמאל פריער נישט געווען אזוי ליכטיק,
און ס'איז נאך קיינמאל נישט געווען אזוי פינסטער.

דער, וואס ווייסט נישט, און ווייסט אז ער ווייסט נישט—
איז א שוטה און א כאם.
לאז אים דיין צייט דיר נישט שטערן.
דער, וואס ווייסט נישט, און ווייסט נישט ער ווייסט נישט-
איז א בלאנדזשענדער תם.
ווייז אים א וועג און אים לערן.
דער וואס ווייסט, און ווייסט נישט אז ער ווייסט—
טרוימט און שפאנט אויף פאלשע דרכים.
וועק אים אויף, פון אפגרונט אים פארהיט.
דער, וואס ווייסט און ווייסט אז ער ווייסט—
כאטש נישט באשיידן, איז א חכם.
פאלג אים נאך און גיי אין זיינע טריט.

אַך . . . אַמאָל האָט מען געשפּילט
אוריאל אַקאָסטאַ

אַלע נעמען און אינצידענטן פון דער מעשה זיינען נישט קיין ארויסגעשאָקלטע פון אַרבל. יעדע ענלעכקייט צו די אַמאָליקע באַרימטקייטן, וואָס מיר רופן אומישנע מיט פאַרשטעלטע נעמען, איז נישט קיין צופעליקע, נאָר דער ריינער אמת—אומישנע אָפּגעקאָלירט, צוגעפאַרבט, כדי עס זאָל אויסזען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן.

שוין אין קאָנטראַקט, וואָס דער באַרימטער ליבהאבער און זינגער יאָזעף קראָנענבערג האָט געשריבן מיט מעקס ר. נעמנאַר, אייגנטימער פון אוירווינג-פּיפּלס-נעשאָנאַל טעאַטער, איז געווען אַ פּאַראַגראַף, אַז צו זיין „עהרנ-אָוונט" זאָל ער האָבן דאָס רעכט זיך צו באַווייזן אין זיין קרוין־און־גלאַנץ ראָלע אוריאל אַקאָסטאַ.

יאָזעף קראָנענבערג איז געווען אַ פּיזיש און גייסטיש דערוואַקסענער סטאַר. שוין מער ווי צוואַנציק יאָר אַז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און ווייטער נישט געוואָלט וואַקסן,—חוץ אין דער מיטן.

כדי אָנצוהאַלטן זיין פּאָפּולאַריטעט מיט דעם מיטל-יאָריקן שעַנערן געשלעכט, פלעגט ער צופאַרבן זיינע גראָע האָר פון זיין תמיד געשוואָלענעם קאָפּ און פלעגט אַלעמען זאָגן, אַז ער איז 38 יאָר אַלט—און מען האָט אים געקאָנט גלויבן, ווייל ער האָט נישט אויסגעזען קיין איין טאָג יינגער ווי 54.

זיינע קרוין-ראָלן זיינען געווען „דער לאָקשנפּרעסער", „די האָכציט פער שפּאָס", „דער באַנק־קוועטשער", „דער יידישער פּרינץ פון דענעמאַרק", „גבריאל־יקל" אין „כינקע־פּינקע", „דניאל'יקל" אין „מישקע מאָשקע" און ענלעכע ווערק. אַנדערע שוישפּילער האָבן אין יענער צייט עפּעס אָנגעהויבן צו שפּילן אין שטיק, אין וועלכע מען האָט נישט געדאַרפט זינגען נאָר בלויז ריידן, דעריבער האָט יאָזעף געוואָלט באַווייזן יענע פּראָזאַאיקער, אַז ער קען אויך פּראָזאַ־איקען...

אונזער סטאַר האָט אין יענעם סעזאָן געקיניגט אין וויליאַם זיל-בערעסקו'ס פּיעסע „די פלאַמען פון יוגנט־זינד" אָדער „די צוויי שווינגערמוטערס", אַן אַלעגאָרישע מעלאָדראַמע מיט געזאַנגע, טענצע און מערשע, אַ דאָבל־באַר מיט קאָלאָסאַלע מיידלעך און אַ דאָבל סימפאָני־אָרקעסטער, אויסגעשטאַטעט מיט עלעקטרישע „עפעקטע" און „בענגאַלישעם פייער".

האָבנדיק אַזאַ סוקסעס, האָט יאָזעף קראַנענבערג נישט געהאַלטן פאַר נויטיק צו שטודירן די ראָלע פון אַקאָסטאַ. צווישן איין פעשל קאָרטן און דעם צווייטן, פלעגט ער אַ קוק טאָן אין דער פיעסע אַריין. און ווען ער האָט זיך איינמאָל אוועקגעשטעלט מיט'ן ביכל אין דער האַנט קעגנאיבער דעם שפיגל און אָנגעהויבן מאַכן גרימאַסן און זשעסטן צו דעם גרויסן מאָנאָלאָג, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט דער פראַזע: „איך בין איין יודע", איז עס ביי אים געווען ליבע פון דעם ערשטן אויגנבליק, און פון גרויס באַגייסטערונג האָט ער צו זיך אין שפיגל אַריין אויסגעשריגן: „יאָזעף, דו ביזט איין געטלישער, גאָטסגעזאָלבטער, דזשעניאַלישער שאַושפּילער!" . . .

יידישע טעאַטערס האָבן אין יענע צייטן נישט געדאַרפט קיין פרעס-אַגענטן. די צייטונגס-רעפּאָרטאַטשעס פלעגן אין קאַפּיי־הויז אויפכאַפּן יעדעס ברעקל נייעס און עס צעשמירן און צעליייגן אויף טעלערלעך. ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז יאָזעף קראַנענבערג גייט דערלאַנגען אַקאָסטאַ, האָבן זיינע פּאַטריאָטן אָנגעהויבן אַ דועלאָג מיט די פּאַט־ריאָטן פון די אַנדערע טראַגיקער און די הרג'ומענטן האָבן זיך אָפּט פאַרענדיקט כמעט טראַגיש ־ קאָמיש.

אַ טראַגיקער איז אין יענער עפּאָכע געוואָרן דער, וואָס האָט גע־קענט רייסן און בייסן קוליסן, שלינגען „מאָנאָלאָגע", טראָגן אויף דער גאַס אַ גראָען פרינץ אַלבערט און צילינדער, און אויף דער בינע ראַזעווע טריקאָ, און דעקלאַמירן „דאָקטאָר גראַן" העכער ווי אַנדערע.

דער טאַלאַנט פון דעם טראַגיקער איז געוואַקסן מיט דער צאָל פון זיינע פּאַטריאָטן.

צען טעג פאַר דעם „עהרענאַבענד" זיינען אַלע „טיקעטס" שוין געווען אויספאַרקויפט. אַזוי ווי מען האָט שוין אָנגעהויבן מאַכן פּראָבן אויף אַ צווייטן שטיק פאַר'ן סעזאָן, און ס'איז געבליבן ווייניק צייט אויף פּראָבן פאַר „אַקאָסטאַ", האָט קראַנענבערג צוזאַמענגעבעטן איניקע פּראָבן זיבן טעג פאַר דער פאַרשטעלונג.

ביי דער ערשטער פּראָבע האָט קראַנענבערג בלויז פאַרטיילט די ראָלן. ווייל איבערלייענען די פיעסע האָבן אַלע געהאַלטן פאַר אומ־נויטיק. זיי האָבן שוין אַסך געהערט וועגן דעם שטיק און איניקע האָבן שוין געהאַט געזען דעם ייד זאָנענטאַל אין דייטשן טעאַטער און דעם „דייטש" מאָריסאָן אין יידישן.

אַלס סטאַר, איז קראַנענבערג אויך געווען דער רעזשיסער פון דער טרופּע. אָבער אַזוי גיך ווי ער האָט אָנגעהויבן אונטערצורעזשיסירן, האָט מען אים באַלד אונטערגעהאַקט די פליגל. מען האָט אים גאַנץ

פשוט געגעבן צו פארשטיין, אז עס איז נישט נויטיק ער זאָל אַקטיאָרן וויזן ווי מען דאַרף שטיין און גיין און וואו מען דאַרף מאַכן „איבער-גענגע". יעדער וועט טאָן „זיין בעסטעס" און מען דאַרף נישט קיין טרעפיק - פּאָליסמאַן.

קראָנענבערג האָט אַלץ אַראָפּגעשלונגען (אַ ברירה האָט ער געהאַט) און בלויז געבעטן מען זאָל לערנען די „קאַרעקטערע".

ביי דער צווייטער פּראָבע האָט ער געעפנט דעם בוך-קאָמיקער׳ס ראָל (בן יאָכאַי) און פון צווישן דעם פערטן און פינפטן בלעטל אַרויס-גענומען דעם צען טאָלער באַנקנאָט, וואָס ער האָט געהאַט אַריינגע-לייגט, כדי אויסצוגעפינען, צי ער וועט לערנען די ראָלע . . . דער כאַראַקטער-קאָמיקער איז געווען אי ערלעך, אי פּראַקטיש. „איך דאַרף נישט לערנען די ראָל", האָט ער גע׳טענה׳ט, „איך וועל דאַרפן זיצן די גאַנצע צייט הינטער אַ טיש, אויף וועלכן עס ליגן ביכער, וועל איך מיין ראָלע קענען האַלטן אויפ׳ן טיש און לייענען". די גאַנצע טרופּע איז אים מקנא געווען מיט דער ראָל. דער סופלער האָט אָנ-געהויבן מורמלען און די קינסטלער נאָכבורטשען. ביי דעם פּסוק „עס איז אַ פּתיחות הכבוד", איז קראָנענבערג באַשטאַנען, אַז עס איז אַ גרייז און מען דאַרף זאָגן „אַ פּתיחת הכבוד", האָט מען אַזוי לאַנג אַרגומענטירט, ביז דער סופלער איז אַרויס פון די האָלאַבליעס און געשריגן: „גאַדעמיט, איר זענט אַ באַנדע עם-הארצים! איר ווייסט נישט וואָס איר בעבעט, איר שטייט און מעלה-גירה׳ט!" און פון אויפרעגונג האָט ער זיך פאַרבולבעט: „אייער מויל הערט נישט, וואָס אייער אויער פּלאַפּלט".

אָט אַזוי זיינען אַוועק די פּראָבן און ענדלעך איז געקומען דער עהרען-אָבענד. פון די קאָסטיומען, דעקאָראַציעס און אויסשטאַטונג האָט מען געקאָנט זיך משער זיין, אַז די האַנדלונג קומט פאָר אָדער אין ניינצנטן יאָרהונדערט, אָדער אין דריטן. מען איז געווען אויס-געפּוצט ווי קייזערלעכע פערד, אין רוימישע טאָגעס, אין מיטלאַלטער-לעכע פּעלערינעס און גאַליציאַנער זשופּעציעס. די אַקטיאָרן האָבן נישט גערעדט, נאָר דעקלאַמירט און געשריגן אויף פאַרשיידענע אי-דיש-דייטשע און קאַלוואַריער דיאַלעקטן. און העכער פון זיי אַלעמען האָט געשריגן דער סופלער, וועמען מען האָט געהערט אין אַלע ווינ-קעלעך פון טעאַטער. יאָזעף קראָנענבערג האָט גשפּילט אויף די העכסטע סטרונעס און יעדן מאָנאָלאָג פאַרענדיקט אויפ׳ן אויבערשטן צע. די פּרימאַדאָנע פון טעאַטער האָט געשפּילט יהודית. נישט בלויז איז זי געווען צו דיק,—זי איז אויך געווען מער גראָב ווי אינטעלי-

גענט אין דער צאַרטער ראָל, אָבער סיי זי און סיי דער סטאַר זיינען באַוואָרפן געוואָרן מיט בלומען נאָך יעדן אַקט. ווען די פאָרשטעלונג איז ענדלעך אַריבער, האָבן אַלע אַקטיאָרן אַפּלאָדירט דעם סטאַר, אים געגעבן מתנות און דאָס ליבע פּובליקום האָט מיט גרויס דרך־ארץ זיך אויפגעשטעלט און מיט אַלע כחות געיובלט, געפייפט און גע׳בו׳ט דעם אינטריגאַנט דע סאַנטאָס און בן־יאָכאַי.

דער טעאַטער־מענעדזשער האָט נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי דער פאַרפאַסער האָט אָנגעשריבן אַזאַ שמאַטע און זיך געשוואוירן, אַז אויב יענער וועט וואַגן קומען אין טעאַטער מאָנען ראָיאַלטיס, וועט ער אַליין אים אַרויסוואַרפן. דער סופלער האָט אים געזאָגט, אַז קאַרל גוצקאָוו איז שוין לאַנג טויט, האָט נעמנאָר געענטפערט: „עס איז גוט, וואָס ער איז טויט, אַז נישט וואָלט איך אַליין אים אָוועקגע׳הרג׳־עט". דער סופלער האָט גאַנץ שטיל באַמערקט: „דאָס וואָלט איר נישט באַדאַרפט טאָן, מיסטער מענעדזשער, וואָרים אונזערע אַקטיאָרן האָבן אים סיי ווי דער׳הרג׳עט. אָבער ווען גוצקאָוו וואָלט דאָ היינט געווען, וואָלט ער געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף אַלעמען און דערנאָך באַ־גאַנגען זעלבסטמאָרד..." אך... אַמאָל האָט מען געשפּילט אַקאָסטאַ!...

בינע סם און האָניק

דעם קינסטלער׳ס גרעסטע מעלה דאַרף זיין געוויסן זיין,
און זיין קלענסטער חסרון — מוז זיין „ווּיסן" זיין.

עס הייסט, אַז פון גאַנצן יידישן טעאַטער,
פון יעדן איינעם, וואָס איז אין אים פאַראַן,
שיסט עס מיט טאַלאַנט ווי פון אַ קראַטער,
ווייל יעדער פאַר זיך איז אַ גאַנצער וואולקאַן.

דעם אונטערשייד פון שפּילער און שפּילערין
קאָן מען לייכט דערקלערן:
דער אַקטיאָר וויל זיין אָנגעזען
און זי וויל אָנגעזען ווערן.

אמאָל און היינט

לאַנג צוריק, נאָך איידער די מאָדערנע דראַמע
האָט אָנגענומען אַ פּסיכאָלאָגישע פּאַנאָראַמע,
זיינען אַקטיאָרן געווען אָן פּרעטענזיע
צו דערגרייכן די פערטע דימענסיע.

דראַמאַטורגן פלעגן דעמאָלט נישט האַלטן,
אַז מיטאָר דעם עולם נישט אונטערהאַלטן,
און אַקטיאָרן פלעגן האָבן אַמביציע
צו שפּילן לויט זייער אינטואיציע.

פון אינהאַלט איז מען אַ טאָלק דערגאַנגען,
דעם מוסר השכל, באַגערן, פאַרלאַנגען
סיי דורכן שפּילן און סיי דורך דער פראָזע
און נישט דורך סינטעטישע חוצפּה און העזה.

דאָס גאַנצע טעאַטער איז איצט חסר־דעה־איש.
אַזוי סעקאָנד עוועניו, אַזוי אויך בראָדוועי־איש —
און דאָס בעסטע, וואָס ווערט היינט באַגעשטייערט,
איז אַן אַלטע יענטע אַלאַ־מאָדיש געשלייערט.

אַמאָל האָט נישט געקענט אַ „ני־בע־ני־מע־ניע"
זיך פּראָקלאַמירן פאַר אַ גאַנצן געניע;
און כאָטש ס׳איז געווען נישט אַזוי קלאָר די דיקציע,
דאָך פלעגט דאָס טעאַטער אָטעמען מיט פיקציע.

אויף אידישקייט אַמאָל געווען דער טראָפּ איז;
היינט זענען מיר בלויז בראָדוועיער קאָפּיעס
און מיר טרייבן אַוועק פון זיך דעם עולם —
און ווערן טויטער ווי דער ליימענער גולם.

דער כח פון ראַדיאָ

איר דאַרפט עס נישט גלויבן, ווייל זאָגן איך פינקטלעך: וואו, ווער און ווען, ווייס איך אַליין נישט. אין אַ טעאַטער, וואו מען האָט כמעט אַ גאַנצן סעזאָן געשפּילט אַ סעקס־אַציאָנעלע זינג־זאַציע: „בינקע, די לינקע בלאָנדינקע", וואָס איז דראַמאַטיזירט געוואָרן פון אַ פּאָפּולערער ראַדיאָ־סענסאַציע, איז צום מענעדזשער פון טעאַטער צוגעלאָפן אַ פּאַרסאָפּעטער בילעטער און אים דערציילט, אַז אין אַ לאָזשע זיצט אַ ייד מיט אַ בהמה.

דער מענעדזשער האָט הענדום־פּענדום צוגעשפּאַנט צו דער לאָזשע, און צו זיין דערשטוינען דערזען אַ יידן, און לעבן אים אַ צופרידענע בהמה, און, אַז ביידע קוקן אויף דער סצענע.

— ווי האָט איר געוואַגט? — האָט דער מענעדזשער שטילערהייט אריינגעבורטשעט דעם יידן אין אויער אריין, — ווי אַזוי האָט איר זיך דערלויבט צו ברענגען אַ בהמה אין טעאַטער אריין?

— שששש . . . — האָט דער ייד שטילערהייט געשושקעט, — קאָכט זיך נישט. ערשטנס זיינען מיר נישט אַליין; און צווייטנס, האָט זי זיך איינגעשפּאַרט ווי אַ בהמה, צו גיין אין טעאַטער אריין, ווייל זי האָט געהערט די פּיעסע אויף דער ראַדיאָ, האָט זי געוואָלט אַליין זיך איבערציייגן און זען ווי אַזוי די פּיעסע ווערט געשפּילט...

וואָס טויג חכמה, אַז נאַרישקייט פאַרקויפט מען;
אַז צו קונסט קריכט מען, און צו שונד לויפט מען.

בינע סם און האָניק

— מיט טעאַטער זיינען מענטשן פּונקט ווי מיט עסן
אַזוי איז זייער געשמאַק און נאַטור:
זיי האָבן ליב צו פאַרברענגען ביי גוטע פּיעסן,
און נישט ווייל די פּיעסע איז ריינע קולטור.
מענטשן ווילן זיך נישט ביים עסן קורירן,
מעדיצין אין עסנס זיי ווילן נישט קיין שפּור;
אין טעאַטער ווילן זיי זיך אויך אַמוזירן,
אפילו ווען די פּיעסע איז ליטעראַטור.

וואָדעווילדע קינצלער

די יידישע וואָדעווילדיאַנער טעאַטערס האָבן אין זייערע וועכנט־לעכע פּראָגראַמען אויך ענגלישע אַקטן, דירעקט פון בראָדוויי.

צו ישראל ראָזענבערג, דירעקטאָר פון „קלינטאָן וואָדעוויל טעאַטער״ איז געקומען אַ בראָדווייער אַגענט און אים אָנגעבאָטן אַ ווילדע מציאה. פאַר דריי הונדערט דאָלאַר אַ וואָך וועט ער אים צושטעלן אַן אַקט מיט צוויי הינט, וועלכע וועלן זיין די גרעסטע סענסאַציע אין דער גאַנצער היסטאָריע פון יידישן טעאַטער און וואָדעוויל.

דער אַגענט האָט הפּנים איינגעשלונגען אַ שטיק גלאָז, ווייל ער האָט גערעדט מיט אַ צעקאַליעטשעטן יידיש: אַזוינס האָט נאָך קיינער נישט געזען און נישט געהערט! „יאָ, די הינט רײדן, זיי רײדן אַזאַ יידיש, אַז אונזערע גרעסטע סטאַרס, אונזערע צדיק׳עס און אבות׳עס האָבן נישט געשפּרעכט אַזאַ יידיש. הײנט זייער יומאָר? זייערע אוּאיצען: דער גאַנצער יומאָר פון לעגיטימעט טעאַטער איז אַ הינט קעגן די צוויי הינטישע קינצלער. איין הונט, אַ גרויסער סעינט בער־נאַרד, מיט צוויי פרומע אויגענס, קומט אַרויף אויף דעם סטיידזש, גייט מיט מאַיעסטעטעקע שריט, מאַכט אַ הייליקן פּנים, אַזוי ווי אַן ענגל, שטעלט זיך אַוועק לעבען מייק, גיט אַ זיסן שמייכל און זאָגט: „אַ גוטן אָוונט אייך, מיינע ליבע פרענץ״. איר הערט אַ יידיש?

„פון דער אַנדערער זייט סטיידזש קומט פּלוצים אַרויף אַ קליין מעקסיקאַניש טשוטשוואַוואַלעווע הינטל, מיט זיינע קליינע פּיסעלעך גלייך צו צום סעינט בערנאַרד, לויפט אַרויף אויף זיין פּלייצע און בלייבט זיצן אויף זיין קאָפּ און הויבט אָן צו ריידן פאַר פייער און פאַר וואַסער. ער האַלט דעם פּובליק אין שטעך. אוּאיצן, אַנעקדאָטס און לימעריקן פאַלן פון זיין פּיסקעלע אַ מייל אַ מינוט און דער עולם מוז קייכן, מוז צוזעצט ווערן, מוז עקספּלאָדירן פון געלעכטער. אַזעלכע עקספּלאָזיציעס האָט איר נישט געהערט אייער גאַנץ לעבן. דאָס טשוטשוואַוואַלעווע אין דער גרעסטער קאָמיקער פון יוניווערז, ער איז דער קעניג, דער פּרעזידענט פון געלעכטער. עס וועט אייך בלויז קאָסטן דריי הונדערט דאָלאַר פאַר איין וואָך, אַ ווילדער באַרגען, אָט איז דער קאָנטראַקט, נאַט, שרייבט אונטער.״

—דריי הונדערט דאָלאַר איז אביסל צופיל פאַר אַזעלכע הינט, האָט ראָזענבערג געזאָגט, אָבער ווייסט איר וואָס: אַזוי ווי דאָס קליינע הינטל איז דער קאָמיקער, וועל איך אייך געבן אַ דריטל און נעמען בלויז דאָס הינטעלע.

„אָה, מאַי גאַד, מאַי גאַד, האָט דער אַגענט געווילדעוועט, דאָס טשוטשואַוואַלעווע איז דאָך שטום ווי אַ פיש און דער גרויסער הונט איז דער בויך־רײדנער.

מ׳קאָן לערנען קונצן כמעט יעדע חיה,
טריקס צו שפּרינגען און טענצלען נײַע.
אַ פערד, אַ לײב, אַ הונט, אַן עלעפאַנט,
יעדער פון זײ האָט פאַרשטענדניש־טאַלאַנט,
נאָר דער קלוגער פוקס און דער נאַרישער שווײַן
צו זײ אין קאָפּ גײט קײן זאַך נישט אַרײַן.
— — — — — — — — — — — —
דער משל מיט די חיות איז נישט אַזאַ פלאַכער—
מ׳קען זײַן אַ קלוגער פוקס, און דאָך אַ דבר אחר.

פאלקס־טומלעך

פאַראַן מענטשן וואָס רײדן און פּלוידערן
און פּלאַפּלען, זײ קאָנען און װײסן אַ סך.
נאָר אין זײער בלאָזן זיך און גוידערן
מען זעט, זײ קענען נישט קײן ריכטיקע זאַך.

כדי פּטור צו ווערן פון אַ מאָדנע משולחת,
וואָס רעדט בלויז וועגן זײַן „איך" —
דאַרף מען, אים אויף צו־להכעיס,
גאָר האַקן אַ טשאַײניק וועגן זיך . . .

ס׳האָט קײנער נישט קײנמאָל אַזוי פיל צו רעדן,
ווי אײנער מיט אַ פּוסטן קאָפּ און לויזן גומען.
ווײַל שטאַרקער און מערער באַשעפטיקט פון יעדן
איז דער, וואָס איז מיט גאָרנישט נישט פאַרנומען.

ברודער קריג

אויב זאָרגן מוטשען דיך און פּלאָגן
און צרות דריקן דיך און פּרעסן,
איז נויטיק, — כדי דאָס צו פאַרטראָגן,
נישט צו פאַרגעסן, — צו פאַרגעסן.

דאָס איז פאָרגעקומען מיט א סך יאָרן צוריק.

דעם אמת'ן אמת, די אמת'ע סיבה, וואָס האָט דערפירט צו דעם ברודער־קריג צווישן שלמה און אהרן שטיינגראף, האָט קיינער נישט געוואוסט. א פּראָפעסיאָנעלער קיבעצער האָט וועגן דעם אָנהויב פון דעם קריג דערציילט דאָס פאָלגענדע:

מיט א סך יאָרן צוריק, ביי א באנקעט, צו וועלכן ביידע ברידער זיינען געוועזן פאַרבעטן, האָט אהרן געזופט לאָקשן, וועלכע זיינען הפנים געוועזן צו הייס, ווייל ער האָט אזוי שטארק געבלאָזן, אז איין לאָקש איז ארויס פון לעפל און ארויפגעפלויגן אויף שלמה'ס פּנים. שלמה האָט זיך שטארק אָנגעבלאָזן און דערלאנגט אהרנ'ען א פּאטש. א פּאטש פאר א פּאטש, איז מען געגאנגען צו א דין־תורה. אהרן האָט גע'טענה'ט, אז די לאָקשן זיינען געוועזן הייס, האָט ער געבלאָזן זיי אָפּצוקילן. שלמה האָט אָבער קאטעגאָריש אָפּגעלייקנט די פאַרטיידיגונג, ווייל זי איז בלויז א טעאָריע, ווייל זופּ, ווי עס איז יעדן באקאנט, אויף באנקעטן, איז תמיד קאַלט. אָבער אהרן האָט אומישנע געבלאָזן, כדי ער זאָל אים אָפּבריען. נו, האָט ער זיך פאַרלוירן און אויסגעשטרעקט די האנט, איז דאָרט פּלוצים אויס־געוואקסן זיין ברודער'ס פּנים און געכאפּט א פּאטש, אָבער דערפאַר האָט ער צוריקגעקראָגן פּעטש מיט פּראָצענט. און אזוינס קען בלויז א „קין". דער סוף איז געווען, ביידע ברידער זיינען זיך צעגאנגען ווי פון אן אינטערנאציאָנאַלער שלום־קאָנפערענץ — און אן אמת'ע מלחמה האָט זיך צעפלאקערט צווישן זיי.

וויפיל אמת עס איז פאַראַן אין דעם, קען נישט גאראנטירט ווערן, אָבער זיכער איז, אז איין ברודער האָט ערגעץ־וואו געקווילעט זיין ברודער'ס קאָפּאָטע, ווייל עס האָט זיך אָנגעהויבן א קאַנאָנאַדע מיט ווערטער, ווי: שווינדלער, אָלרייטניק, לומפּ, עם־הארץ, און וואָס אין דער קאָרט, און מען האָט צוריקגעשאָסן מיט טיטולן ווי: המן, טאָרקוועמאַדע, כמעלניצקי א. א. וו.

טאַראַנטאַ׳ר יידן האָט די מלחמה געפּייניקט, ווייל ביידע ברידער זיינען געווען אַנגעזעענע ליבעראַלע און קולטורעלע מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַמאָל אַרויסגעהאָלפן אויף דעם וועג אַרויף־צו, און פּלוצים אַזאַ שנאה און אַזאַ מין קאַמף. גאַנץ טאַראַנטאָ האָט געשטוינט אָבער געהאָפט, אַז דער קריג וועט באַלד אַריבער. נאָר יעדער פאַרזוך, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פאַר שלום, איז באַלד צעריבן געוואָרן פון דער געגנזייטיקער שנאה. עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז ביידע האָבן אָנגעהויבן אָפּצולייקענען זייער ליבלעכע ברודערשאַפט.

סיי שלמה און סיי אהרן האָבן, חוץ גרויסע פאַרמעגנס, אויך פאַר־מאָגט צו זיבן טעכטער אַ שטיק, וועלכע זיינען געווען שיינהייטן און געוואָרן שענער פון טאָג צו טאָג, און יעדן טאָג אויסגעזען ווי איבערמאָרגן. אין דער מלחמה זיינען זיי נישט געבליבן נייטראַל. די בליקן, וואָס די מיידלעך האָבן זיך צוגעוואָרפן, ווען זיי האָבן זיך צופעליק באַגעגנט ביי אַ לעקציע, קאָנצערט אָדער אָפּערע, זיינען געווען איינגעטונקען אין סאַרקאַזם, איראָניע, עסיג און סם. איינ־ציגוויז האָבן די טעכטער פון ביידע ברידער חתונה געהאַט, אָבער ערשט נאָכדעם ווי עס איז אויסגעפאָרשט געוואָרן, צי האָבן די מחותנים חלילה נישט קיין קרובה־שאַפט מיט דעם שונא, זייער פעטער, זיי איז נישט אָנגעשטאַנען די משפחה.

די איידעמס און די מחותנים האָבן זיך תמיד געשטעלט אין זייערע געהעריקע פּאָזיציעס און די ברודער־שלאַכט האָט זיך אַלץ שטאַרקער און ברייטער צעפלאַקערט. טאַראַנטאָ׳ר יידן האָבן זיך אונטערגעשושקעט די לעצטע נייעס פון ברודער־קריג, און נישט איינמאָל איז צווישן די אַרגומענטירנדיקע צדדים שיער נישט גע־קומען צו אַן עפנטלעכן סקאַנדאַל.

ביידע משפחות האָבן זיך שטאַרק אויסגעמיטן, אָבער בלויז איין זאַך האָט זיי תמיד ווי אויף להכעיס צוזאַמענגעפירט. אַלע, די ברידער, זייערע פרויען, זייערע טעכטער, איידעמס און די מחותנים האָבן שטאַרק ליב געהאַט יידיש טעאַטער און קיינער האָט קיינמאָל נישט פאַרפעלט צו זען קיין איין יידישע פאָרשטעלונג. כדי זיך נישט צוזאַמענצוטרעפן, פלעגן ביידע אויסשפּיאָנירן ווען די אַנדערע וועלן גיין אין טעאַטער, און נעמען בילעטן פאַר אַן אַנדערער פאָרשטע־לונג. איז איין צד געגאַנגען שבת, איז דער צווייטער געגאַנגען פרייטיק אָדער זונטיק. האָט אַ טרופּע געשפּילט בלויז אַ שבת ביטאָג און אָוונט, איז איין צד געקומען צו דער מאַטינע און דער צווייטער אין אָוונט. אַ

פראבלעם איז בלויז געווען, ווען א טרופע האט געשפילט בלויז איין איינציקע פארשטעלונג.

אין יידישן טעאטער איז סטאטיסטיש באוויזן געווארן, אז פיר פון יעדע פינף טעאטער־גייער זיינען בלינד, און פינף פון יעדע זעקס זיינען טויב. אלע פארלאנגען בלויז זיצפלעצער אין סאמע מיטן פון סאמע פראנט. טאראנטא׳ר אידן זיינען נישט קיין אויסנאם, אבער צוליב די שטיינגראפס זיינען די איינציקע פארשטעלונגען ממש פארצוקערט געווארן, ווייל אלע בלינדע און טויבע פלעגן זיצן אין סאמע מיטען פון פראנט און די מלחמה־פירנדע אין ביידע זייטן.

ביידע ברידער זיינען געווען גוט־ברודער מיט יידישע אקטיארן. אז די שטיינגראפס וואלט טאראנטא געווען פאר יידישע אקטיארן אזוי טויט ווי א בית־עולם נאך חצות. ביידע ברידער פלעגן אין זייערע היימען אויפנעמען אלע יידישע געסט־שוישפילער בכבוד גדול און אקטיארן האבן זיך געפילט אין שטיינגראפישע היימען ווי פיש אין וואסער. אקטיארן האבן זיך אפטמאל געפרואווט איינשטעלן און ווען מאכן שלום, אבער קיין פארזוך האט נישט געהאלפן. נישט בלויז האבן די ברידער נישט געוואלט קיין פרידן, זיי האבן אפילו נישט געוואלט הערן פון קיין וואפנשטילשטאנד, ביז . . . ביז . . .

א טרופע אונטער דער דירעקציע פון לעאן שעכטער, מיט סעמיועל גאלדענבורג אלס סטאר, איז אריינגעפארן קיין טאראנטא צו שפילן פון דאנערשטיק ביז שבת אוונט. אזוי ווי אהרן האט זיך אנגעגרייט מיט בילעטן פאר דער ערשטער נאכט, האט שלמה גענומען זיינע פאר שבת־צו־נאכט. אהרן האט באלד דורך שעכטער׳ן אראנזשירט, אז די גאנצע טרופע זאל נאך דער ערשטער פארשטעלונג פארברענגען אין זיין היים, און ווען שלמה האט דאס אויסגעפונען, האט אים אהרנ׳ס פארגעניגן און דער כבוד פון האבן דעם ארטיסט ביי אים אין הויז שטארק געקרענקט, ווייל ער האט געוואלט דער ערשטער האבן גאלדענבורג און זיינע קינסטלער ביי זיך אין הויז. אבער דער אינטרי־גאנט און קאניבאל אהרן האט אים אונטערגעשטעלט א פיסל.

ביי דער שמחה, נאך דער פארשטעלונג, זיינען געווען קינד און קייט פון אהרנ׳ס משפחה. מען האט זיך משמח געווען מיט קולטור־רעלע געשפרעכן, באשפרענקלט מיט פיינע משקאות, ליטעראַרישע און פאליטישע ארגומענטן, געשמאקע מאכלים, און פארביסן מיט יידישע פאלקס־לידער, אין וועלכע די גאנצע משפחה איז געווען באהאוונט.

אַרום דריי אַזייגער פאַרטאָג האָט דער טעלעפאָן געקלונגען. עמיץ האָט געוואָלט רעדן מיט שעכטער'ן (גאָלדענבורג'ס דירעקטאָר). ווען שעכטער האָט פאַרנומען דאָס קול, איז ער דערשטוינט געוואָרן—אפילו דורכ'ן טעלעפאָן—צו הערן די שטים פון שלמה'ן אין אהרנ'ס הויז. שלמה האָט נישט געקענט רוען פונ'ם אונטערגעשטעלטן פיסל. ער האָט לאַנג געטראַכט און איז ענדלעך געוואָרן אַקטיוו. אין דעם פיינסטן יידישן רעסטאָראַן האָט ער באַשטעלט אַ באַנקעט פאַר די שווישפּילער פאַר שבת אָוונט און איינגעלאַדן זיין גאַנצע משפחה. איצט בעט ער שעכטער'ן אין זיין נאָמען, איינצולאַדן אַלע קינסטלער — און זאָל אהרן, דער דבר־אחר, צעפּלאַצט ווערן.

שעכטער האָט שטילערהייט איבערגעגעבן צו די אַקטיאָרן די בקשה פון שלמה'ן, און ווען אהרן האָט אויסגעפונען דעם סוד, האָט ער געקריצט מיט די ציין, פאַרביסן די ליפּן און באַהויפּטעט, אַז דאָס איז אַ געמיינער פּאַשיסטישער טריק צו קידנעפּן די אַקטיאָרן, און בלויז אַ שטורם־טרופּער קען האָבן אַזאַ חוצפּה — זיך אַריינ־צורייסן דורכ'ן טעלעפאָן אין אַ פרעמדער היים און איבערלאָזן אַזאַ ביטערן אויפרודער.

דער באַנקעט איז פאָרגעקומען שבת נאָך דער לעצטער פאָר־שטעלונג. די אַקטיאָרן זיינען געקומען אין דער באַשטימטער צייט, און איניקע מינוט שפּעטער איז אָנגעקומען שלמה מיט זיין פרוי און טעכטער, געאָרעמט מיט זייערע מענער, און נאָך זיי די מחותנים. נאָר איידער זיי האָבן באַוויזן זיך צו זעצן, האָט זיך געעפנט די טיר און עס האָבן אַריינגעמאַרשירט אהרן מיט זיין אַרמיי טעכטער, אונ־פאָרמירטע איידעמס און מחותנים, וועלכע זיינען באַלד אַוועק אין דער אַנדערער זייט פון רעסטאָראַן, צו די געדעקטע טישן, וועלכע אהרן האָט שטילערהייט באַשטעלט פאַר זיך און זיין כאַליאַסטרע.

דער רעסטאָראַן איז אָנגעלאָדן געוואָרן מיט אַ מאָדנער שטימונג, אָבער די אַקטיאָרן, ווי אַלטע וועטעראַנען אין אַ פאַרלעגנהייט אויף דער בינע, האָבן אויף אַלערליי אופנים געוואָלט ראַטעווען די סיטואַציע. מען האָט גענומען טרינקען פאַר דעם זיג איבער דייטשלאַנד און פאַר דער מפּלה פון יאַפּאַן. מען האָט געטרונקען פאַר יעדן אַמע־ריקאַנישן, ענגלישן און רוסישן גענעראַל. איניקע האָבן זיך גע־מאַכט בגילופינ'דיק און פאַרדרייט די נעמען און געטרונקען פאַר דעם גענעראַל גריגאָרי אייזענהאַוער און דאָוגלעס זשוקאָוו. אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. שלמה האָט זיך אויך נישט פאַרלוירן

און אָנגעהויבן דיריגירן מיט זיין משפחה א „לאָמיר אַלע אינאיינעם די אַקטיאָרן מקבל פּנים זיין". אָבער אזוי ווי די אַקטיאָרן האָבן זיך אַליין ניט געקאָנט מקבל פּנים זיין, איז דאָס זינגען געקומען פון איין זייט בלויז, און ס'איז געווען מער געפּאַנפּעט ווי געזונגען, ווייל פון דער אַנדערער זייט האָט מען ניט געהערט קיין איין פּיפּס.

שלמה האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז קיין שום שטערונג וועט ניט פאַרדאַרבן זיין באַנקעט און ער האָט זיך אַליין באַשטימט אַלס טאָוסט-מאַסטער און באַלד דעם ערשטן אויפגערופן גאָלדענבורג'ן צום ריידן.

גאָלדענבורג האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך ארומגעקוקט. זיין פּנים איז געווען פול מיט צער, אָבער פון זיינע אויגן האָט געשטראַלט א ליבשאַפט. זיין גאַנצן טאַלאַנט, פול מיט הארץ און נשמה, האָט ער אריינגעלייגט אין דער קורצער דרשה :

„מיין אמת'ער נאָמען, מיין יידישער נאָמען, איז שלום. הפּנים, אַז די השגחה האָט מיר געגעבן דעם נאָמען, ווייל ערגעץ וואו אין דער וועלט איז מיר באַשערט געוואָרן דורכצופירן א מיסיע, א שליחות פון שלום".

אין רעסטאָראַן איז געוואָרן אזוי שטיל, אַז מען האָט געקאָנט הערן דאָס קלאַפּן פון הערצער.

„יאָרנלאַנג, האָט גאָלדענבורג מיט הארץ אונטערגעשטראָכן, אַז צוויי לייבלעכע ברידער פירן דאָ א מלחמה, צוליב „איך ווייס ניט וואָס", און איך בין זיכער, אַז די ברידער און זייערע משפחות ווייסן שוין אויך נישט צוליב וואָס, ווער, ווען און וועמען. ביידע זיינען חשוב'ע, קולטורעלע מענטשן און טייערע יידן, אָבער זייער קאַמף איז ניט מענטשלעך און גאָרנישט יידיש. מיך און מיינע קאָלעגן שוישפּילער, וועלכע זיינען בטבע סענטימענטאַלע מענטשן, שאָקירט און באַליידיקט אָט דער ברודער-קאַמף. אין אַמעריקע און קאַנאַדע לעבן זיך יידן רואיק, אָבער מיט א טיפן ווייטיק אין האַרצן צוליב די מיליאָנען יידן, וועלכע זיינען אומגעקומען אין אַלע אַנדערע טיילן פון דער וועלט. ווען איינער פון די צוויי ברידער דאָ וואָלט הלילה געווען אויף יענער זייט, און לאָמיר אָננעמען, טויזנטער מאָל מער צעקריגט ווי זיי איצט, וואָלט איינער דאָך פאַר דעם אַנדערן גרייט געווען זיין לעבן אוועקצוגעבן, כדי אים צו ראַטעווען.

„שוין יאָרנלאַנג, אַז איך האָב געוואָלט מאַכן שלום צווישן ביידע ברידער און עס איז מיר ניט געלונגען. אָבער איצט, ליבע פריינט, ביידע ברידער און אייערע משפחות, מוז איך און די גאַנצע טרופּע דאָ,

וועלכע איר האָט ליב און איר ווילט אונז צוטיילן כבוד, זאָגן אייך, אַז מיר וועלן מער ניט נעמען קיין בימן, מיר וועלן מער נישט פאַרזוכן קיין טראָפּן, ביז איר וועט אונז ניט צוטיילן דעם אמת'ן כבוד און ביידע ברידער וועלן זיך געבן די הענט און מאַכן שלום".

יעדער איינער פון די משפּחות האָט אויף אַן אַנדערן אופן געזוכט צו באַהאַלטן זיין פּנים, כדי נישט אַרויסצואווייזן זיינע סענטימענטן. שלמה'ס פרוי האָט די ערשטע אויפגעהויבן איר קאָפּ, אַריבערגעקוקט צום שוואָגער'ס זייט. אַזוי ווי אונטער אַ היפּנאָז, האָט זיך אויפגעהויבן דער קאָפּ פון אהרנ'ס פרוי. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט. ביידע האָבן זיך אויפגעהויבן, גלייכצייטיק אַנגענומען זייערע מענער, וועלכע זיינען פאַוואָליע מיטגעגאַנגען ווי געפירט צו אַ שחיטה. אין מיטן זאַל האָבן זיך ביידע ברידער צוזאַמענגעטראָפן. פאַמעלעך האָבן זיי אויסגעשטרעקט זייערע הענט, אַרויפגעפאַלן איינער דעם אַנדערן אויף די אַקסלען און זיך צעוויינט. די פרויען האָבן זיך אַרומגענומען און צעכליפּעט, און אויף זיי קוקנדיק האָבן זיך די טעכטער, איידעמס און מחותנים אָנגעהויבן ענג צוזאַמענמישן, צוזאַמענגיסן, זיך צו קושן און צו וויינען. מער פון אַלע האָבן געוויינט די אַקטיאָרן, דרום וועלכע אַלע האָבן געקלעפּט.

גאָלדענבורג האָט אויפסניי אָנגעהויבן „לאָמיר אַלע, אַלע אינאיינעם" — די שווישפּילער האָבן אונטערגעכאַפּט „די שטיינגראָפּס מקבל פּנים זיין". די גאַנצע משפּחה, פּאַראייניקט, פאַרוואָרפן די הענט איבער דעם אַנדערענ'ס אַקסלען, האָט מיטגעזונגען: „שלום מקבל פּנים זיין".

פאָלקס־טומלעך

א קליינע צרה ווערט א גרוים פּראָבלעם,
זי קען מאַכן פאַר'צער'ט און קראַנק,
ווען דו לאָזט זי פריי און באַקוועם
זיך באַזעצן אין דיין געדאַנק.

עס דאַרף קיין מענטש זיין גורל נישט באַדויערן;
פאַרקערט, עס איז אים גוט און וואויל,
וואָס ער איז געבוירן מיט צוויי אויערן
און בלויז מיט איין־איינציקן מויל . . .

כעלעמער חכמים

פארשריבן זאָל עס זיין אין פנקס, האָט באשלאָסן אן אסיפה:
אז ס'האָבן כעלעמער געשאפן א חכמה גאָר א טיפע —
און אָפן זאָל דער פנקס זיין פאר אלערליי פארשווינען,
כדי זיי זאָלן אייביק פון דעם שארפן שכל שטוינען.

איך האָב טיילן פון דעם פנקס צישן שמות אויפגעקליבן,
און אָט וועל איך דערציילן אייך, וואָס ס'איז דאָרט פארשריבן,
וועגן כעלעמער צוויי שותפים, יעדער איינציקער א חכם,
וועגן שמעיה'ן און ישעיה'ן, נישט קיין מענטשן נאָר מלאכים.

אָט פונקט ווי דער וואָס האָט א מסחר מיט תכריכים דערוואָרבן,
און אין דער צייט איז קיינער, אויף צו להכעיס, נישט געשטאָרבן.
אזוי איז שמעיה'ן און ישעיה'ן נישט געגאנגען אזוי דאָסיק,
כאָטש זיי האָבן זיך געפירט ווי געשריבן שטייט אין פסוק...
ווען פארקויפט זיי האָבן שירעמס, איז נישט געפאלן קיין רעגן,
ווען פארזייט זיי האָבן פעלדער, איז דער טייך ארויס פון ברעגן,
זיך אָפגעבריט אין האנדל און אין וואנדל נאָר געהאלטן:
אז ס'איז באשערט זיך בריען מעג מען בלאָזן אויפ'ן קאלטן.

מיט פסחדיקן באָרשט צו האנדלען האָבן זיי באשלאָסן,
און רויטע בוראקעס פארזייערט, אין א פאס אריינגעגאָסן,
נאָר פינסטער איז די שותפים געוואָרן אין די אויגן;
ווען עמיץ האָט פון פאס האלב פון באָרשט ארויסגעצויגן,
אפשר האָט געשמייעט שמעיה, איז דער באָרשט ארויסגערונען?
נאָר ישעיה האָט אין דרינען גאָר קיין שכל נישט געפונען,
ווייל אונטן איז פאראנען באָרשט, דאריבער מוז איך גלויבן,
האָט רינען נישט געקאָנט, ווייל פעלן — פעלט פון אויבן.

א שקאפע מיט א בויד געקויפט, כמעט בחצי חנם,
צו פירן אידן וואו מען דאַרף מיט פעקלעך אלע מינים,
נאָר ווייל בעלנים אויף צו פאָרן געוועזן זענען אלץ קנאפּע,
האָט יעדן טאָג אלץ מער און מער געהונגערט זייער שקאפע,
ביז זי האָט נעבעך אויסגעהויכט איר שקאפישע נשמה,
דאָן האָבן ביידע שותפים זיך געקוויקט מיט דער נחמה:
בלויז נאָך איין טאָג, געזאָגט האָט שעיה, שלעפנדיק די לאסטן,
בלויז נאָך איין טאָג וואָלט זיך די שקאפע אויסגעלערנט פאסטן.

ס'איז שעיה נעבעך איינגעפאלן, געוואָרן שטארק מסוכן,
פון בענקעניש צום פערדל און פון אונטערשטעלן דעם רוקן.
פארשריבן האָט א פעלדשער אים א רעצעפט אויף א רפואה,
דריי מאָל א טאָג צו נעמען וועט ער האָבן די ישועה.
צעריסן דעם רעצעפט אויף דריי, פארוויקלט אין דריי קנוילן,
און זיי פארשלונגען האָט ישעיה, ווי דער פעלדשער האָט באפוילן,
נאָר זיי האָבן נישט פארשטאנען וואו די היילונג איז פארבאָרגן,
די פארוויקלטע פאפירלעך האָבן שעיה'ן שיעור דערוואָרגן.

געשטאָכן האָט אין פלייצע און אין הארץ ווי מיט א שפיז אים,
און שמעיה האָט אים געקאָרמעט מיט קעבעבע און לאגדיזים,
און געראָטן אים ער זאָל זיך פון דער שקאָפע שיידן,
סיידן ער וויל אויך זוכה זיין א פערדישן גן עדן.
ווייל בענקעניש פאר קראנקע מענטשן איז א משולחת,
און ווען מען קראצט זיך אין א בלאָטער דארף מען האָבן נחת,
פון כאָליען טאָר א קבצן קיינמאָל גאָרנישט דענקען,
נגידים בלויז און גבירים מעגן זיך פארגינען קרענקען.

סיי שמעיה און סיי שעיה איז געווען א חכם עתיק,
זיי האָבן אלץ געקענט פארטייטשן פשוט, פראָסט און גלאטיק,
אז מער נאָך ווי די זון איז די לבנה מערער וויכטיק, —
די לבנה שיינט אין פינסטערניש, די זון ווען עס איז ליכטיק,
מיט א קנייטש פון דער פלייצע, מיט א דריי פון גראָבן פינגער,
איז זיי דאָס שווערסטע פשט'ל באלד געוואָרן גרינגער,
אז זומערצייט איז היים, ווייל מען הייצט א גאנצן ווינטער,
און ווינטער איז עס קאלט ווייל מען הייצט נישט זומער אונטער.

פון זייער גאנצער חכמה האָט געטרוקנט זיי דער גומען,
איז האָבן זיי געגומען טראכטן וואו צו באָרגן זיך מזומן,
אוועק צום רייכסטן בעלעמער, רעב שלמה באָק דעם דיין,
אפשר וועט דער דיין זיי א דריי פיר רענדלעך לייען,
נאָר באָק האָט זיך צעגעבעכט: נישט א קבצן איז אומגליקלעך,
כ'זאָל האָבן אזוי אלעמס גוטס, אַן עושר איז נישט גליקלעך,
מיט מיינע הונדערט טויזנט לייד איך פונקט אזוי אומענדלעך,
ווי דער וואָס האָט אימגאנצן בלויז א ניינציק טויזנט רענדלעך.

יאָ, כעלעם איז א שטאָדט ווי אלע שטעט מיט בלויז איין חילוק,
אויף אלץ איז דאָרט א יקרות, בלויז חכמה איז דאָרט ביליק,
און קינד און קייט און יונג און אלט גאונ׳ישקייט באווייזן,
ס׳האָט יעדער א מיניסטער קאָפּ, א קאָפּ פון לויטער אייזן,
נאָר יעדער כעלמער קבצן ווייסט דעם שווערן טעם וואָס זאָרג איז,
און יעדער כעלמער נגיד פראוועט הארבע מאניפארגעס,
דעריבער קען דאָרט יעדער עושר לייכט אריבערטראָגן.
א יעדע צרה, יעדע נויט, וואָס אָרימע פארמאָגן.

א מוסר דארף א יעדער זיך פון אָט די מעשיות נעמען,
נישט אומזיסט האָט כעלעם אין דער וועלט געגומען שם׳ען,
אז יעדער איז א חכם דאָרט איז גאָרנישט איבערטריבן,
אזוי איז אין דעם פנקס שווארץ אויף ווייס פארשריבן.
כדי איר זאָלט פון זייער שכל א השגה קריגן,
ווען עס האָט די באָד געברענט, האָט איינער באלד געשריגן:
געוואלד, עס ברענט! די באָד ברענט! אן אומגליק האָט געטראָפן!
נאראָנים פון דעם באָד ארויס! איז קיינער נישט געלאָפן.

כעלעמער חשבונות

די כעלעמער שותפים, רעב ישעיה און רעב שמעיה,
האָבן אָנגעהויבן טראַכטן פון מסחרים שפּאָגל נייע,
גע'ישוב'ט און געקלערט פון א מסחר און אן אופן,
און זיך דערטראַכט: צו פאָרן אויף ירידים ווײַן פאַרקויפן.

אין א קלייטל זיסע ראָזשינקעס זיי האָבן אײַנגעהאַנדלט
און זיי אין א מחיה'דיקן זיסן ווײַן פאַרוואַנדלט.
מיט שמחה האָט ישעיה צוגעוואונקען צו רעב שמעיה'ן—
בלויז א קיניג, בלויז א קיסר מעג טרינקען אזא יין,
זיי האָבן פערד און וואָגן, פאַר די לעצטע פּאָר ממתקים,
געדונגען אויף צו פאָרן צום יריד אין די מרחקים,
און ישעיה, וועמענס טבע פלעג זיין דאגה'נען און זאָרגן,
האָט די איינציקע פינף גראָשן אין א קניפּל זיך פאַרבאָרגן.

ביי דעם ערשטן קריי פון העגער, ווען ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן,
האָבן שמעיה און ישעיה זיך אַריינגעזעצט אין וואָגן,
און ישעיה האָט אין די הענט אַריין גענומען בייטש און לייצעס.
נאָר שמעיה האָט אַלץ געטאַסקעט דאָס פעסל אויף די פּלייצעס,—
נישט חלילה, אז ישעיה זאָל נישט נעמען זיך קיין כוסה,
נאָר ווייל שווער איז פאַר דעם פערדל א משא אזא גרויסע;
פון רחמנות בלויז האָט שמעיה צוגעלייגט א פינגער,—
אז ער וועט העלפן טראָגן, וועט דער קליאַטשע ווערן גרינגער.

פונעם וויאָ'קען איז ישעיה'ן אינעם האלז געוואָרן טרוקן.
האָט ער מיט חשק אויפן פעסל אָנגעהויבן קוקן—
און ווייל די צונג האָט אים געברענט און געוואָרן אָנגעשוואָלן,
האָט ער באַשלאָסן ווײַן צו טרינקען און ער וועט באַצאָלן.
כאָטש ער איז א שותף, מוז ער צאָלן פונקט ווי יעדער
(ווייל איינער האָט דעם צווייטן געגעבן אזא נדר).
הכלל, ער האָט דאָס פּייער פון זיין גומען אָפּגעלאָשן
און באַצאָלט האָט ער צו שמעיה'ן גאַנצע פינעף גראָשן.



א מחשבה האָט אין שמעיה׳ס מח אָנגעהויבן זעצן:
שוין צייט, אז ער אליין זאָל אויך זיין צונג באַנעצן,
נישקשה, ער וועט צאָלן פארן וויין וואָס ער וועט זופן,
כדי עס זאָל דאָס האַרץ ביי אים נישט האַלטן אין איין צופן.
אמת, ר׳איז א שותף, נאָר ער וועט באַווייזן, אַ ער
איז אויכעט אזוי ערלעך און גאָרנישט נישט קיין חזיר,
פון טייסטער האָט ער ישעיה׳ס געלט גענומען אָן שום רעיון,
א גלעזל וויין געקויפט זיך און צוריקגעצאָלט ישעיה׳ן.

די זון האָט זיי באַגלייט מיט אירע שטאַרקע היצן,
און די כעלעמער אין וואָגן האָבן אָנגעהויבן שוויצן.
האָט ישעיה נאָך געטרונקען און באַלד באַצאָלט צו שמעיה׳ן,
און ווען שמעיה האָט לחיים׳ט, האָט ער באַלד באַצאָלט ישעיה׳ן.
ס׳האָט ישעיה זיך געוואונשן אסך טרינקער נאָך אזוינע,
און שמעיה האָט ישעיה׳ן אויך געלויבט אלס גוטן קונה,—
ווייל איינער האָט פון צווייטן נישט געבעטן קיין שום טובות
און קיינער האָט ביי קיינעם נישט געמאַכט קיין חובות.

די קליאַטשע האָט דעם וואָגן געצויגן גאַנץ פּאַמעלעך
און יעדער פון די כעלעמער האָט געפילט זיך ווי א מלך;
געקייעט ברויט מיט הערינג און מיט וויין דעם דורשט געלאָשן—
און הין און קריק געוואַנדערט האָבן גאַנצע פינעף גראָשן.
ענדלעך צום יריד זיי זענען אָנגעקומען פריידיק,
נאָר האַנדלען נישט געדאַרפט, ווייל דאָס פאַס געווען איז ליידיק.
זיי האָט עס נישט געערגערט און גאָרנישט נישט פאַרדראָסן,
ווייל קיינער האָט אומזיסט פון וויין קיין טראָפּן נישט גענאָסן.

צוריק פאַרשטאָפּט דאָס פעסל און זיך באַלד גענומען גרייטן
איינצוטיילן די פאַרדינסטן און געבן האַלב דעם צווייטן,
האָבן זיי געמאַכט א חשבון, ביי זיך אויף די ידים,
וויפיל מאָל א יעדער האָט געצאָלט פאַר א לחיים:
געזוכט אין אַלע קעשענעס, נאָר דאָס געלט איז ווי אַנטרונען,
און מער ווי פינעף גראָשן, צישן ביידע נישט געפונען.
געערעכנט און גע׳חשבונ׳ט און דער סוף געווען איז טאַקע,
אז א חשבון איז געווען, — נאָר געלט געווען א מכה.

כעלעמער יושר

אמאָל איז געווען א מעשה, נאָר צי די מעשה איז אמת
קאָן איך אייך ניט זאָגן — ס'איז אפשר בלויז א רמז,
נאָר די מעשה קאָן געמאָלט זיין, ז'איז ממשות'דיק און מעגלעך,
געטראָפן דאָרט אין כעלעם, האָט זי זיך טאָג-טעגלעך.

צוויי כעלמער חכמים, רעב ישעיה און רעב שמעיה,
צוויי גוטע חברים,ביידע ערלעכע, געטרייע,
געוואוינט אין איין חדר, געגעסן פון איין שיסל,
געהאט זיי האָבן ווייניג און אָפט ווייניגער אביסל,
געפאָרן אויף ירידים מיט פארשיידענע געשעפטן,
פאר יעדן בידנעם גראָשן אוועקגעלייגט די קרעפטן —
ביז גאָט מיט זיינע דרכים, פארבאָרגענע, געהיימע,
האָט זיי באשערט צו קויפן א יאלאָווע בהמה.

גענומען האָבן זיי זיך מוטיק צו א נייער פרנסה,
ביידע גלייכע שותפים צו א גילדערנער הכנסה:
זיי ווען זיך פארטיילן אויף א יושר'דיקן אופן —
ישעיה וועט מעלקן און שמעיה וועט פארקויפן.
ישעיה האָט פארקאטשעט די ארבל און קאפאָטע,
נאָר פון דער קו האָט ער געהאט צרות און גריזאָטע:
ער איז געזעסן ביי דער קו מיט א גרויסן שעפל,
נאָר קיין מילך איז ניט געווען — אפילו ניט קיין לעפל.

די קו האָט מעלה-גירה'ט, געקייעט און גע-מו-ו-ו-קעט
און ישעיה איז געזעסן, געוואָרטשעט און גע-נו-ו-ו-קעט,
די בהמה איז פאר'עקשנ'ט, ס'האָט אן אומגליק מיך געטראָפן,
עס האָט נאָך אזא קו ווי דו זיך קיינמאָל נישט פארלאָפן,
קרייטעכצער און שאָר ירקות, איך זאָג דיר צו צו ברענגען,
אויב דו וועסט מיר העלפן און אביסל זיך אָנשטרענגען,
בלויז א קליינע קלייניקייט בעט איך דיך אימגאנצן,
ווען איך וועל דיך מעלקן, זאָלסטו אונטערטאנצן.

מיט כעס האָט ער די צאַפּנס געצויגן און געריסן,
נאָר עס האָט אים די בהמה מיט איר עק געשמיסן.
דאָס האָט אים שטאַרק געערגערט, צעטומלט און צעפּוטיעט,
ביז פּלוצים האָט זיין באָרד זיך מיט׳ן עק פאַרקרוטיעט.
צום מזל איז זיין שותּף אין דער שטאַל אַריינגעקומען,
און ער האָט קוים ישעיה׳ן פון דער קו אַוועקגענומען.
נאָר ער וועט שוין מער ניט מעלקן, האָט ישעיה זיך געשוואוירן,
ווייל א האַלבן עק און זיין האַלבע באָרד האָט שמעיה אָפּגעשוירן.

ס׳איז אויף דעם סוחר שמעיה אָנגעפאַלן אַן אימה,
אויך ער האָט שטאַרק געציטערט פאַר אַן עקשנ׳טע א בהמה.
האָט מען ניט געמאָלקן — און ס׳איז ניט געווען קיין סחורה.
זיינען שמעיה און ישעיה אַוועק אויף א דין תורה.
אויסגעהערט דער בית־דין האָט די טענות די גערעכטע
און איינגעטיילט די קו אויף זייטן לינקע און א רעכטע
וועלן זיי צוזאַמען האַנדלען און מעלקן אויבעט פלינקער:
שמעיה פון דער רעכטער זייט און ישעיה פון דער לינקער.

מיט שעפּלעך צוויי באַזונדערע זיי האָבן זיך געטראָגן,
געגרייט זיך נעמען מעלקן און געגרייט זיך אויסצושלאָגן
פּוטער, קעז און סמעטענע, מאַסלינקע און צוואַראָך
און אַלץ וואָס א קו דאַרף געבן לויט׳ן שולחן ערוך.
נאָר די קו האָט גלייך דערשפּירט, אַז עפּעס דאָ ניט גלאַט איז,
און זי האָט ביידע שותּפים גלייך געהאַט אין אירע פּיאַטעס:
זאָל די מילך ביי איר אין אייטער פאַרזויערן און פאַרוועלקן,
פון צוויי אָקסן מיט איינמאָל וועט זי זיך ניט לאָזן מעלקן.

זיינען שמעיה און ישעיה צו דעם כעלמער רב געלאָפן,
דערציילט אים פון גרויסן בראָך, וואָס זיי האָט געטראָפן:
וואָס איר, רעב יוסף לאָקש, וועט הייסן, טוען ביידע וועלן מיר.
איר זענט דער גרעסטער חכם צווישן אַלע כעלעמער.
מיט׳ן שטייגער פון בהמות האָט רעב לאָקש זיך לאַנג גע׳עסק׳ט:
אַז ביידע דאַרפן קריגן האַלב, האָט ער גלייך גע׳פּסק׳עט,
ווייל יושר מוז פון כעלעמער געהיטן ווערן הייליק —
ישעיה קריגן זאָל דעם קאָפּ און שמעיה דעם הינטער־חלק.

ס׳האָבן שמעיה און ישעיה ניט געהאט שוין קיין מחלוקה.
שמעיה האָט געמאָלקן און געקלאפּט די קאָלאַטויקע,
נאָר ישעיה האָט פאַרטראַכט זיך און ענדלעך אויסגעדראָשן,
אז ער האָט קיינמאָל פון דער קו נאָך ניט געהאט קיין גראָשן.
אמת, ער האָט א האלבע קו, נאָר ער האָט ניט קיין פּרנסה,
ווייל א קאָפּ פון א בהמה ברענגט ניט קיין הכנסה;
געוואָלט וואָלט ער דעם הינטער־חלק האָבן א סך גערנער,
ווייל מען קאָן ניט קיין בהמה מעלקן ביי די הערנער.

ער האָט דאן פאַרשטאַנען, אז דער פּסק איז ניט קיין גלייכער,
ער ווערט אלץ מערער קבצן און זיין שותף ווערט אלץ רייכער.
געפירט האָט ער די קו צום טייך אויף א שטריק א גרויסן,
געבליבן שטיין, פאַרטראַכט זיך, ביז די קו האָט אים געשטויסן,
פאַרפאָרן איז זי מיט די הערנער גלייך אין זיינע ריפּן,
אז ישעיה האָט פאַר ווייטיק אזש פאַרביסן זיינע ליפּן.
געכאַפּט א שטיק דובינע און—כמאל דער קו אין די אויגן,
און די קו איז אין דעם הימל אָן א קרעכץ ארויפגעפלויגן.

אָט אין דער־אָ מעשה איז דער משל א געזונטער:
אז מען קען ניט און מען ווייסט ניט, נעמט מען זיך ניט אונטער;
און ווער אויף יענעמ׳ס שוויים וויל ווערן גיך אן עושר,
איז ווערט ער זאָל געניסן פון קלוגן כעלמער יושר.

כעלעמער באַלעבאַטישקייט

עס איז די שותּפים יעדער מסחר אויסגעפאַלן באָקאָם,
קדחת האָבן זיי געהאַט פון כל'ערליי עסקים,
נאָר זיי האָבן אויף קיין רגע נישט פאַרלוירן דעם בטחון,
כאָטש שלימזל, ווי דער שאָטן, איז זיי תּמיד נאָכגעקראָכן.
א שדכן האָט גערעדט זיי צו ווערן גלייך מיט לייטן,
אין זכות פון זיי'רע ווייבער וועט זיך זייער מזל בייטן,
און טאַקע באַלד פאַרשלייערט שמעיה'ן מיט זיין לאַנגער פּייע,
און פאַר'שדכנ'ט אויך ישעיה'ן מיט דער קורצער חיה.

עס האָט דער שדכן מיט זיין טאָכטער פּייע זיך געמאַטערט,
ביז דאַנקען גאָט ער האָט די לאַנגע מויד אַרויסגעפּטר'ט.
ער פלעגט זי רופן סם, ווייל ס'האָט זי קיינער נישט גענומען,
אָט ביז דער קורצער שמעיה איז מיט מזל אָנגעקומען.
געווען זי איז א הויכע, א דינע און א פלאַכע,
און באַוועגט זיך גאַנץ פּאַוואָליע, ווי א טשערעפּאַכע.
א קאָפּ געהאַט א שיינעם און גאַרנישט נישט קיין שלעכטן,
כאָטש נישט געוואוסט דעם חילוק צווישן לינקן פוס און רעכטן.

אויך חיה'ן האָט א גליק געטראָפן, ווייל פון שוועסטער זיבן,
האָט ישעיה זי אליין זיך פאַר זיין ווייבל אויסגעקליבן,
געווען איז זי א קליינע, אָנגעטאָפּטשעט ווי א פּעסל,
געשטראַלט האָט זי פון נחת מיט איר לאַנגן בעל הבית'ל.
דעריבער האָט זי זיך כּסדר נאָך אים נאָכגעשליאַבערט,
און אָן א סוף און אָן אן עק צו זיך אליין גע'דבר'ט.
געווען איז זי א טויבע, פלעג זי אַלץ וואָס זי פלעג קלערן,
זיך דערציילן אין דער הויך, כּדי זי זאָל דערהערן.

ס'האָבן אַלע פיר אינאיינעם באַלד זיך אָנגעהויבן קליגן,
פאַר זאַלבע־פערט צוזאַמען צוויי חדרים שיינע קריגן,
א חדר מיט א פּעקעליק צום קאָכן און צום באַקן,
אויף שבת זאָל מען שטעלן דאָרט א טשאָלנט א געשמאַקן.
איז האָבן זיי באַשלאָסן זייער דירה באַלד צעוואַרפן,
און מיט די אַלטע ציגל בויען אַלץ וואָס זיי בעדאַרפן,
נאָר ביז זיי וועלן אין דעם נייעם בנין זיך פאַרקלייבן,
וועלן זיי דערווײַלע אין דעם אַלטען איבערבלייבן.

אָנגעהויבן ברעכן אלץ און סטראַיעווען און מעסטן,
גענומען האָבען זיי א בנין בויען זיך א פעסטן,
נאָר ווען ס'איז שוין קיין זכר נישט געבליבן פונ'ם אלטן,
דאן האָבן זיי פון נייעם הויז נאָך זייער ווייט געהאלטן,
נאָר ווען מ'האָט שוין אריינגעבראַקט דעם נדן און פארמעגן,
דער דאך איז אויפן הויז באפעסטיקט שוין געלעגן,
האָט מען שבחים זיי געגעבן, אז דער בנין איז דער שענסטער,
כאָטש פארגעסן האָבן זיי צו מאכן טירן דאָרט און פענסטער.

א פולן זאק מיט ליכט, צו מאכן ליכטיק דאָרט אין גיכן,
האָט שמעיה זיך געלאָזט אין הויז דורכ'ן קוימען קריכן,
נאָר פישל קאָפּ, דער זנאכער, האָט געקוקט אויף דעם מיט בטול,
געקראצט זיך אין זיין היטל און געזאָגט: ער האָט א מיטל:
מען זאָל א גרוב הארט ביי דער וואנט, פלאסטערן מיט ציגל,
און מען זאָל אונטן לייגן פלאך א בלישטשענדיקן שפיגל,
דאן וועט די קלאָרע זון פון הימל אויפן שפיגל פאלן,
און צוריק ארויף אין הויז אריין וועלן זונען-שטראלן.

נאָר ווען דער שפיגעל איז אין גרוב ביי דער וואנט געלעגן,
דער הימל האָט געשפאלטן זיך געגאָסן האָט א רעגן,
פון גרוב און שפיגל נישט געבליבן מער איז שוין קיין סימן,
און קאטשקעס האָבן אָנגעהויבן דאָרט ארומצושווימען.
נאָר פישל קאָפּ האָט ווידער זיך דערטראכט צו א געמעכל,
אין איילעניש מ'האָט אויפגעבויט אויף דעם גרוב א דעכל,
פארהיט האָט דאָס פון רעגן, נאָר עס איז געבליבן פינסטער,
געקענט האָט דאָס אפילו זען דער כעלעמער דער בלינדסטער.

דורך וואָכן און חדשים האָט א יעדער ווי אין פיבער,
מאזאָליעוועט, געהאָרעוועט, געארבעט ווי א ביבער,
נאָר ווען זיי האָבן איינגעזען, אז ס'וועט זיי נישט געלינגען,
האָט מען מיט דעם שיקלדיקן סטאָליאר זיך באדינגען,
א נעם געטאָן האָט ער זיך צו דעם הייזל מיט אן אימפעט,
—די ווייבער האָבן לייגן זיך געדארפט אין קינפעט.
דער שיקלדיקער סטאָליאר האָט געארבעט אָן הפסקה,
סיי די טירן סיי די פענסטער האָט ער געמאכט קאסאָקע.

דער סטאָליאר האָט גענומען ברעטער פאַר א דיל צעזעגן,
נאָר די יונגע פאַרלעך זענען שטארק געווען דערגעגן,
פון געהובלעוועטע ברעטער קען מען האלז'נ'נאקן ברעכן,
פון נישט געהובלעוועטע קען מען זיך די פיס פארשטעכן.
ביז פישל קאָפּ געקומען איז אין הויז זיי מזל ביטן,
און וועגן דער פאַדלאָגע זיך ארייננעמישט אין מיטן,
אז געהובלעוועטע ברעטער זענען גלאטער און געזונטער,
נאָר מען דארף זיי לייגן מיט דער גלאטער זייט ארונטער.

אָט ווי מען קען נישט פון קיין זאמד קיין פורים-קוילעטש פלעכטן,
און ווי א שוחט מיט א שארפער צונג קען קיין קי נישט שעכטן,
האָבן ביידע פאַרלעך די קבצנות'דיקע מתים,
זיך נישט געקענט ארויסראטשקען פון זייערע דליתים.
נאָר מזל האָבן זיי געהאט, כאָטש קיינמאָל נישט געשווינדלט,
די ווייבער ווי די האָזן האָבן יעדן יאָר געקינדלט,
מיט חכמים קליינע, גרעסערע איז פול געווען דער בנין,
א יעדער פאָרל האָט געהאט ביי זיך א גאנצן מנין.

כעלעמער חריפות

בטבע זענען כעלעמער געוועזן באַלעבאטיש,
אז מ'כעלעם תצא חכמה, געגלויבט אין דעם פאנאטיש,
באטראכט א יעדן פרעמדן מיט א חשד און קרומע אויגן,
יעדע פרעמדע זאך איז ניט געשטויגן ניט געפלויגן,
ווען זעמל מעהל'ס בן יחיד האָט זיך אָנגעהויבן פוצן,
גענומען צו די ציינער א בערשטל צו באנוצן,
האָט זעמל זיך צעשריגן אויף די ציינער ווי א ידען,
דאָס בערשטל וועט דערפירן זיין בן יחיד זאָל זיך שמד'ן.

מען פלעגט אין כעלעם חושד זיין א יעדן מוכר ספרים,
אז די נייע ביכער זענען אָנגעפילט מיט שקרים,
און בלויז פאר אפיקורסים איז נויטיק אזא סחורה,
ווייל אלץ וואָס דארף פארשריבן זיין פאראן איז אין דער תורה.
און ווער עס איז דערגעגן פירט אראָפּ פון גלייכע וועגן,
בלויז איינציקע פיר קשיות מעגן אידן צוויי מאָל פרעגן,
דעריבער איז די גאָרע וועלט כעלעם שטארק מקנא,
ווייל יעדער איז א חכם דאָרט פון דער מה נשתנה.

א שניידער האָט ביי שלמה באָק געמאָנט א חוב פאר קליידער,
מאָרגן, מאָרגן נאָר נישט היינט, געענטפערט ר'האָט כסדר,
נאָר ענדלעך האָט דער שניידער אים געהאט אין זיינע פיאטעס,
ס'איז שלמה באָק אין מיטן גאס געבליבן אין די גאטעס.
גע'משפט האָט רעב יוסף לאָקש דעם שניידער צו פארטרייבן,
נאָר ווייל ר'איז איינער בלויז אין כעלעם, זאָל ער איבערבלייבן,
נאָר אום דער קלוגער משפט זאָל נישט בלייבן קיין אומזיסטער,
פארטרייבן מוז מען באלד פון כעלעם איינעם פון צוויי שיסטער.

ווי קלוג ס'איז יוסף לאָקש, זיין טאָכטער איז באמת,
געווען גאָר א גרעסטענע א זעלטענע חכמת,
און אירע מעשים זענען קיינמאָל נישט געווען קיין פוסטע,
אָט ווי די שאלות תשובות פון איר פאָטער גאָר באוואוסטע.
עס האָט גאנץ כעלעם מיט איר חכמה איינמאָל אָפגעקלונגען,
א מייזל איז אמאָל אין טאָפ מיט מילך אריינגעשפרונגען,
אויפעשיינט האָט באלד איר קאָפ ווי ביי איר קלוגן פאָטער,
אריינגעוואָרפן אין דעם טאָפ האָט זי דעם שווארצן קאָטער.

געמאָנט האָט למך אָקס ביי שמעיה'ן גאָר א חוב אן אלטן,
דערציילט דעם בית דין: שמעיה האָט זיך תמיד אויסבעהאלטן,
נאָר שמעיה האָט געשוואוירן, אז אין די לעצטע זיבן יאָרן,
ווען ר'האָט ביי זיך געלט געהאט איז אָקס געווען פארפאָרן.
דער בית דין האָט גע'פסק'נט, אז די מעשה איז א מיאוסע,
מען זאָל דעם חלפן למך אָקס ארייגזעצן אין דער תפיסה,
כדי אז ווען דער דלפון שמעיה וועט אביסל געלד פארדינען,
זאָל ער דעם חלפן למך אָקס קענען לייכט געפינען.

למך אָקס און זעמל מעהל צוויי כעלעמער יחסנים,
נישט געקענט ס'האָט איינער קוקן דעם צווייטן גלייך אין פנים,
געוואוינט בשותפות אין איין הויז, געפירט זיך מעשה פריץ,
גערופן איינער האָט דעם צווייטן חזיר און עם הארץ.
ביז למך האָט געשוואוירן זיך ביי אלץ וואָס איז אים הייליק,
ער וועט פארקויפן פון דעם הויז זיין גאנצן האלבן חלק,
און קויפן גלייך די צווייטע העלפט און זעמל מעהל פארטרייבן,
ער וועט אליין דער בעל הבית פון גאנצן הויז פארבלייבן.

פאַר גנב׳ענען צוויי פערד פון שטאַל האָט יוסף לאָקש געהייסן,
צו ברענגען ביידנ׳ס עדות זאָלן שווערן וואָס זיי ווייסן,
בלויז צוויי האָט דער בע׳גנב׳עטער פאַר עדות צוגעצויגן,
געשוואוירן די גנבה צוגעזען מיט זייערע אויגן,
ווי אַלטער ליץ האָט פון שטאַל גע׳גנב׳עט ביידע סוסים,—
נאָר אַלטער האָט גע׳לצ׳עוועט, די עדות רעדן שטותים,
ווייל פינסטער איז געווען און געזען מען האָט קיין האָר ניט,
ער וועט ברענגען זיבן עדות וואָס געזען האָבן גאָרניט.

עס האָבן טעג און יאָרן זיך געצויגן דאָרט אומענדלעך,
מיט פיל געשעעניש מאָדנע, נאָר אַלעמען פאַרשטענדלעך,
געליבט זיך און געאַמפּערט און געריסן פון זיך פּאַסן,
גע׳שחר׳ט און געמאַכערט אין די מערק און אין די גאַסן,
צי מ׳איז אָרעם אָדער רייך, אַבי מען האָט מזומן,
דער קלענסטער חכם האָט דאָרט אַליץ פון אַלעמען פאַרנומען,
עס איז געלונגען זיי כסדר אַלעמען צו שינדען,
געקענט האָט יעדער לייכט אַ טויטער קאָץ דעם עק פאַרבינדן.

געפירט עס האָבן כעלעמער מיט׳ן לעבן אַ געראַנגל,
נישט אויף חכמה — אין פּרנסה איז געווען אַ מאַנגל,
דעריבער זענען כעלמער אין דער וועלט אַוועקגעלאָפן,
און געגומען ס׳האָבן מערן זיך וואַזשנע פילאָזאָפן.
געבליצט עס האָט מיט כעלעמער פון אַ יעדן ווינקל,
און ווער ס׳האָט נישט געבליצט האָט אָפּט געטאָן אַ פינקל,
נאָר זי די שוטה׳וואַטע וועלט וואָס דרייט זיך אויף די אַקסן,
איז צו דער כעלעמער חכמה נאָך נישט ראוי און דערוואַקסן.

כעלעמער פערשוינע

ס'איז כעלעם אין א טיפער בלאָטע אין א טאָל געלעגן,
די הייזלעך איינגעהויקערטע פארדרייטע קרומע וועגן,
די קינדערלעך זיי האָבן פון דער בלאָטע שטארק געהאלטן,
און שפּילנדיק געקנאָטן פון איר אלערליי געשטאלטן,
פון מענטשעלעך פארשיידענע, געצאצקעטע, געניטע,
פון פּוילן, פון גאליציע, נאָר נישט פון דער ליטע,
קיין קינד האָט נישט געוואָלט אין דער טיפער בלאָטע טרעטן,
א צלם אין דעם קאָפּ פון ליטוואק אויסצוקנעטן.

אין כעלעם האָט מען שטארק אָפּגעהיט שלום בית,
זיך ניט געשאָלטן און געזידלט ווי נארישע הולטייעס,
די פּאָרלעך האָבן זיך געלעבט ווי פייגעלעך אין שטייגן,
די ווייבער פלעגן וואָרטשען און די מענער פלעגן שווייגן.
דערצויגן האָט מען קינדער דאָרט מיט חכמה און מיט וויסן,
די חכמה האָט מען אויף דער קני אין קאָפּ אריינגעשמיסן,
געפירט האָט יעדער שטעג און וועג אויף די גלייכע דרכים,
דעריבער איז א יעדער דאָרט אן אמת פאָלנער חכם.

ס'האָט איינעם זיך פארוואָלט א קאלטן טרונק פון ברונען,
אראָפּגעלאָזט אן עמער און די לבנה דאָרט געפונען,
געקלאפּט האָט ער טרעוואָגע, אז עס טרינקט זיך די לבנה,
בני רחמנים ראטעוועט! זי איז אין א סכנה!
דער חזן משה שטומער האָט מיט א קול דין און פלאטשיק,
געראָטן צו פארווארפן גיך א לאנגן שטריק און האטשעק,
און יעדער זאָל מיט אלע כחות זיך אָנשטרענגען,
דאן וועט מען די לבנה פונ'ם ברונען ארויפברענגען.

האָט יעדער כעלעמער צוגעלייגט דעם אקסל מיט דער פּלייצע,
דורכצופירן מיט התלהבות דעם קלוגן חזנ'ס עצה,
נאָר פארטשעפּעט האָט דער האטשעק זיך אָן א שטיין א גרויסן,
און ווייל געשלעפּט האָט יעדער ווער עס איז געווען אין דרויסן,
עקשנות'דיק געצויגן, מיט די ציינער אזש פארביסן,
האָט דער שטריק זיך אינ'ם ברונען פונ'ם האטשעק אָפּגעריסן,
און אלע זענען אומגעפאלן מיט א פרייד אין דעם געווימל,
דערזען האָט ווידער כעלעם די לבנה אויפן הימל.

ווען דער חזן משה שטומער איז געוואָרן אוים בעל תפילה,
געבליבן איז ער שמש פון דער בעלעמער קהלה,
געדארפט האָט ער די אידן פונ׳ם שלאָף פארטאָג צו וועקן,
צו קלאפן אין די לאָדנס פון די הייזער מיט זיין שטעקן,
האָט פישל קאָפּ גע׳עצה׳ט אים: ער דארף זיך נישט אָנשטרענגען,
ער זאָל צום שול-הויף אלע לאָדנס פון די הייזער ברענגען,
א צימעם פון די לאָדנס זאָל ער מאכן זיך א קנאָפּן,
וועט ער מיט איינמאָל מיט זיין שטעקן אלע לאָדנס קלאפּן.

דער שמש האָט די לאָדנס פון די הייזער צוגענומען,
צו שחרית זענען אידן אויף זיין קלאפּעניש געקומען,
ביז איינמאָל ווען א גרויסער ווייסער שניי איז אויסגעפאלן,
צעטרעטן אזא ווייסן שניי איז ער נישט געוועזן קיין בעלן,
פארשמירן אזא ריינעם שניי געוועזן וואָלט אומפארציילעך,
ווי טרעטן מיט די שטיוול אויף א ווייסן ריינעם ליילעך,
געגעבן האָט ער זיך אַן עצה און טאקע באלד געקראָגן,
פיר יונגע גויאים זאָלן אים צו דעם שול-הויף טראָגן.

כדי עס זאָלן הינער זייערע אייער נישט צעברעכן,
האָט פסח גאנדז געזוכט פון זיי א בייזע אויג אָפּשפרעכן,
ער האָט צו זיך אין הויף געבראכט פישל קאָפּ דעם זנאכער,
וואָס האָט געקענט פארביטן אלץ אויף א דבר אחר.
דער שארפער חכם פישל, וועמענס קאָפּ געווען איז ריזיק,
האָט גע׳עצה׳ט אז די בצים זאָלן מער נישט ווערן נוזק,
מיט הייסע וואסער פאיען זאָל מען הינער איינגעשפּארטע,
וועלן זיי בלויז לייגן בצים אָפּגעקאָכט און הארטע.

די ווייבער פלעגן קיינמאָל קיין רכילות נישט פארשפרייטן,
וואָס ס׳איז אריין אין איין אויער, איז ארוים דורכ׳ן צווייטן,
בלויז קלוגע מאנספארשוינען האָבן פליאָטקעס איינגעשלונגען,
וואָס איז אין די אויערן אריין איז ארוים דורך די צונגען,
עס זענען בעלמער זיך געוועזן קנעפל שב׳קנעפל,
געוואוסט האָט וואָס דער צווייטער קאָכט ביי זיך אין טעפל,
און טויבע פלעגן הערן וואָס דערציילן פלעגן שטומע,—
געזען האָבן בלינדע ווי געלאָפן זענען קרומע.

געקלאָגט האָט סאָשע דוואָשע, איר האַרץ האַלט אין קלעמען,
זי האָט קיין חשק נישט קיין מאכל אין איר מויל צו נעמען,
עס האָבן גוטע קלוגע שכנה׳טעס סאָשען באַלד געראָטן,
אַז זי זאָל נאַשן פאַרן עסן אַ הערינג אָפּגעבראָטן,
האָט סאָשע זיי געענטפערט: זי האָט זיך דאָס געצוואונגען,
נאָר קריגן אַפּעטיט צום אכל׳ען איז איר נישט געלונגען,
עס שמעקט איר נישט קיין מאכל זי קען נעבעך גאָרנישט עסן,
כאָטש גאַנצע זיבן הערינג האָט זי נאָר וואָס אויפגעגעסן.

אין ים פון כעלמער חכמה כ׳פלעג אַ לאַנגע צייט זיך טוקן,
איך בין אַרויס פון דאָרט, ווי איר זעט, אימגאַנצן טרוקן,
דערפאַר איז מיר איצט קלאָר, אַז וואו איך זאָל נישט וואוינען,
וועל איך טרעפן אומעטום אַזעלכע פערשוינען,
ווי זאַמד פונם ברעג ים און ווי אין הימל די שטערן,
מען קען זיי לייכט געפינען אין דער פינסטער, אָן לאַמטערן,
דעריבער האָט די וועלט אַזאַ משונה׳דיקן פּנים,
עס ווימלט מיט חכמים בלויז און גאָרנישט מיט נאַראָנים.

געוועזן אין דעם פּנקס זענען ערטער אָפּגעריבן,
איז האָב איך דאָ און דאָרטן מיינע ווערטער צוגעשריבן,
עס קען דערפאַר געמאָלט זיין, איך דערקלער דאָס איצטער אָפן,
אַז ס׳האָבן זיך די מעשיות ערגיץ אַנדערש וואו פאַרלאָפן,
אין לעמבעריק און בויבעריק, יעהופּעץ אָדער קראָקע,
זיי האָבן אויף די פּאַבלען נישט די איינציקע חזקה,
די חכמות וואָס דערקוויקן אייך אין אָט אָ דער געשיכטע,
איך גיב זיי דאָ אַ תיקון אין מיין כעלעמער מסכתא.



זומערדיקע פויל׳עזאָפיע

הערט אויף צו איילן זיך, יאָגן און שוועבן
און לויפן פארסאַפּעט אהין און צוריק.
אויב איר האָט נאָר נישט קיין אומגליק אין לעבן,
איז דאָס אליין שוין אייער גליק.

תמוז פויל־עזאָפיע—אזוי האָט געדיכטעט דער דיכטער ני־טשע־וואָ: „זאָרגן זיך וועגן געזונט, איז נישט געזונט פאַר׳ן געזונט”, ווייל וויפיל מען זאָל נישט זאָרגן וועגן לעבן, וועט קיינער פון דעם נישט ארויס קיין לעבעדיקער.

איך האָב געוואנדערט פון באַלטע ביז באַלטימאָר, פון ווארשע ביז ווארשע־נגטאָן און זיך געעלטערט זוכנדיק דערפאַרונג, און דער־פאַר איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דערפאַרונג ברענגט די עלטער. אויב איר ווילט זיך עלטערן און יונג זיין, דאַרפט איר׳ טאָן דאָס פאָלגענדע: טוט גאָרנישט. טוט נישט קיין פינגער אין קאַלט וואסער. טוט קיינעם נישט צו־להכעיס. טוט זיך נישט אין דער גאַל אריין. טוט זיך נישט אָן קיין מעשה און זאָגט קיינמאָל נישט „טוט מיר עפּעס”.

ווען איר כאַפּט זיך אויף פון שלאָף, בלייבט ליגן און טראכט, אַז יעדע זאַך האָט צוויי זייטן און דרייט זיך איבער אויף דער צווייטער זייט. טאָמער כאַפּט איר זיך אויף מיט אַ חשק צו ווערן באַוועגלעך, בלייבט ליגן אזוי לאַנג, ביז איר וועט זיך מער נישט באַוועגן.

צו דער אַרבעט זאָלט איר קיינמאָל נישט לויפן. ערשטנס, דאַרף מען צו דער אַרבעט אויפשטיין גאַנץ פרי, און וואָס קאָן מען שוין דערוואַרטן פון אַ טאָג, וואָס הויבט זיך אָן מיט אויפשטיין גאַנץ פרי? צווייטנס, דאָס ווערטל „אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס”, איז צונגע־טראַכט געוואָרן פון אַ פען פרעס־טיטוט פאַר אַ צוקער־טראָסט, אַ שקלאַפּן־טרייבער, וואָס האָט קיינמאָל נישט פאַרזוכט דעם טעם פון מי. צום פרישטיק זאָלט איר קיינמאָל נישט טרינקען קיין קאַווע, ווייל דאָס וועט אייך שטערן צו כאַפּן אַ דרעמל ביי דער אַרבעט. ביי דער אַרבעט זאָלט איר נישט אַרויסיאָגן ס׳ביסל געזונט און ס׳פּיצל חיות און זיך קיינמאָל נישט אָנהאָרעווען. מאַזאָליעס אויף די הענט זיינען נישט שיין פאַר מאַניקירטע נעגל. איר זאָלט קיינמאָל נישט אַרומטאַנצן אַרום דעם באָס מיט׳ן ציגאַר און נאָך דער אַרבעט זאָלט איר זיך נישט נאָכיאָגן נאָכ׳ן באָס מיט רעדער.

איר זאָלט אויך קיינמאָל נישט נאָכיאָגן נאָכ׳ן יצר הרע, ווייל איר קאָנט זיך נאָך חלילה איבער יצר־הרע־ווען. זאָל מען מיינען איר זענט אַ בטלן, אָבער — אָבער איר זאָלט קיינמאָל נישט ווערן קיין אַקראַ־בטלן. דער בולגארישער פּאָעט, וואַרגעלע בראַדיאַגאַנעף, האָט געשריבן:

זאשטשי בראָזים נעמטצים בעזימקע רעמבוידעם.
אופּשי דרוטשנע אופּקא הוידילקע ני שוידים;
דראניע בראָטשאגא אונישזיי קאהולטא־ניק,
מעניע דזשימדזשיק ניעטאק נישקאט שייניק.

אין לירישער איבערזעצונג פון יידישן פּאָעט צבי אַקעל מיינט עס:

מען טאָר נישט זיין קיין שלימזל און לא יוצלח
און בלייבן כסדר אינגאנצן אומניצלעך.
דאָס לעבן מוז האָבן אַן אידעאַלן צוועק,
מ׳דאַרף קאָנען פאַרבינדן אַ קאָץ דעם עק.

אַ מאַן טאָר קיינמאָל נישט נאָכלויפן אַ פרוי, ווייל ער וועט איר אַזוי לאַנג נאָכלויפן ביז זי וועט אים פאַרשטעלן דעם וועג.

פאַראַן מענער, וואָס האָבן פּרויען מלאכ׳טעס און פאַראַן מענער וועמענס פרויען לעבן נאָך. פרויען, וואָס שוועבן אַרום אין הויכע וועלטן און שפּילן אויף די סטרונעס פון זייערע מענערס נערוון זיינען נישט קיין מלאכ׳טעס. אין דער וועלט זיינען פאַראַן צוויי־ערליי מענער: אַלטע בחורים און נאַראָנים. אַ מאַן מעג זיך אָנשטרענגען צו קריגן וואָס ער דאַרף און אַ פרוי מעג זיך אָנשטרענגען צו קריגן אַ מאַן, וואָס זאָל פאַר איר קריגן אַלץ, וואָס זי דאַרף. אַזוי איז דאָס געזעץ פון אייביק אָן. צוערשט איז געקומען דער מאַן און נאָכדעם איז געקומען די פרוי און זינט יענער צייט איז יעדע פרוי נאָך יעדן מאַן.

ווי שנעל איר וועט נישט לויפן וועט איר קיינמאָל נישט אַריבער־יאָגן אַ פערד; און טאָמער וועט איר יאָ אַריבעריאָגן אַ פערד, וועט איר בלויז געווינען ביי אַ פערד. מען דערציילט וועגן אַ בעלעמער, וואָס פלעגט שפּילן שאַך מיט זיין פערד. ווען אַ פרעמדער האָט באַ־וואונדערט די גרויסע חכמה פון דעם פערדישן לאַסקער, האָט דער בעלעמער געזאָגט: דאָס פערד איז גאָרנישט אַזאַ גרויסער חכם. ער האָט שוין היינט ביי מיר דריי מאָל פאַרלוירן.

נעמט זיך א משל פון אן אָקס, א פערד, אן אייזל. זיי שטייען קיינמאָל נישט אויף אינדערפרי מאַכן גימנאַסטיק. קיין חיה שטייט נישט אויף גאַנץ פרי און לויפט אַוועק שפּילן גאָלף, טעניס, פוטבאָל אָדער אַן אַנדערן מערדערלעכן ספּאָרט. א חזיר קריכט אין דער בלאָטע בלויז דערפאַר, ווייל די בלאָטע וועט נים קריכן צום חזיר. א הונט, וואָס יאָגט זיך הענדום־פּענדום אַרום א טיש, וועט נאָך צוועלף יאָר קריגן א פאַרפרוירענע נאָז. א פליג, וואָס זשומעט אַרום אין דעם ליכט, ווערט סוף כל סוף דערטרונקען אין א שיסל זופּ אָדער באָרשט. גימנאַסטיק פאַרקירצט די יאָרן, איז מקצר דאָס לעבן און קאָן נאָך חלילה פאַרשאַטן צום געזונט. גימנאַסטיק דערפירט צו א פאַר־טעמפּטן קאָפּ און אַטלעטישן האַרץ. דייטשן זייַנען דערצויגן גע־וואָרן אויף שטרענגע גימנאַסטישע איבונגען און דעריבער האָבן זיי תמיד קראַפּירט. זייער מאַרשירן מיט אויסגעשטרעקטע הענט און פיס האָט שטענדיק דערפירט צו זייער קריכן אויף אַלע פיר. לעולם ועד.

נעמט זיך נישט קיין משל פון אַקטיאָרן, קאָנצערטיסטן אָדער לעקטשורער. זיי מאַכן גימנאַסטיק מיט אַן אינטריגאַנטישער כוונה. זיי האָבען ליב צו פאַרנויגן זיך פאַר׳ן עולם, כדי דער עולם זאָל מאַכן גימנאַסטיק און זיי פּאַטשען. זיי האָבן ליב פּעטש און זיי פאַר־דינען דאָס טאַקע. דאָס איז אַלץ וואָס זיי פאַרדינען. ביים סוף פון א פאָרשטעלונג, קאָנצערט אָדער לעקציע, בלייבן זיי זיצן ווי ליימענע גולמ׳ס, אַזוי ווי אין הינער־פּלעט.

אויב איך מאַך נישט קיין טעות, הער איך איצט די מוזיקאַלישע קלאַנגען פון כראַפּען, האַ? יאָ, דאָס איז מיין גרעסטער לוין. איך האָב אים איינגעשלעפערט. ש־ש־ש . . .

איצט וועל איך, לכבוד דעם כראַפּאַטש, פאַרענדיקן מיט א כינעזישן שלאָף ליד:

שלין גון שלאַן גון מא כא מוי טסע,
לין גון בער קאַי אונק לוי טסע,
ניש פּא גאָ טון ניש פּא לייטון,—
ניש טאָ קאָ סען טוים טסו ביי טון.

איבערגעקוליעט אויף יידיש מיינט עס:

דיין טאַטע, מיין קינד, איז א גרויסער הולטאַי,
ער האָט אונזביידן אין דער לינקער פּיאַטע,
ער איז צו מיר קיינמאָל נישט געווען געטריי,
דעריבער זעסטו נישט אויס ווי דיין טאַטע.

ליבידאָ

זאָל מען מיך אין גהינם קאַטעווען און טרייבערן,
איך בין עולם הזהיינדיק און בשר ודמייש;
איך וויל, ווי מיינע אבות, זיך אָפּטער באַווייבערן
און ווי דוד און ווי שלמה זיין פּאָליגאַמיש.

א מאָדערנע פרויענקלייד האלט זיך אויף א פּאָדים
און איז דערפאר ווירקלעך טשיקאַווע.
ווען א מאַן קוקט אויף א פרוי, מיינט ער, ער איז אָדם,
ווייל דאָס קלייד מאכט זי אויסזעהן ווי חוה.

קיין מאַן פאַרמאָגט נישט קיין קאָפּ מיט שכל אָן אַ שיעור,
ווייל פאַרדרייען קען איס יעדע פרוי, ווי אַ קלאמקע פון א טיר.

דעם אמתן טעם פון גליק,
דער מאַן ערשט דאַן דערזעט,
ווען ער האָט שוין חתונה,
נאָר דאַן איז שוין צו שפּעט.

כיוואָלט מער פרויען געליבט פיל מער —
זיי זענען ביי מיר אַלע נושא חן,
ס׳איז גרויס מיין ליבע און מיין באַגער,
נאָר מיין הארץ איז באַשרענקט און קליין.

פאר ליבע — פרילינג די צייט איז;
די לבנה — פאר יונגווארג זי שיינט;
נאָר ס׳אלטע הארץ מיינס פארשייט איז,
כ׳בין גרייט צו פרילינגען היינט.

מען דארף באַנוצן אסך פאנטאזיע
צו געניסן אביסל עולם הזה׳יע.

מיין מאן

כ'על זיך ניש' ליבן פאר אייך מיט מיין מאן.
ק'א בעסערס פון אים אי' גאָרנישט פאראן,
כאָטש סע מאכט זיך אמאָל, ער אי' ניש'-גערעכט,
נאָר איך בין אויך ניש ק'א כשר'ער העכט.

ער ברענגט מיר מתנות, ס'האָט אָפט שוין פאסירט,
ער געפינט אמאָל זאכן, איידער יענער פארלירט.
דעם אמת געזאָגט, כ'אָ קא נחת פון דעם,
נאָר מיט אים איז מיר ליכטיק און פריילעך די היים.

ארבעטן, זאָגט ער, איז גוט . . . נאָר פאר פערד.
שוויצן פאר יענעם? ער האָט זיי אין דר'ערד.
יעדערליי ארבעט ר'האָט פיינט ווי א שפין.
ארט מיך ניש', איך האָרעווע פאר אים און פארדין.

ער אי' נישט קא הויכער, ניט יונג און ניט שיין,—
פארוואָס ער געפעלט מיר? איך ווייס' ניש' אליין.
נאָר קומט ער אמאָל ניש' אהיים אין א נאכט,
ווער איך פארצווייפלט, פאראומערט, פארשמאכט.

ער האָט ליב צו טרינקען, ס'אי ניש' קא שבח,
ער זופט און זשליאָקעט . . . גאָרנישט . . . קא סך.
ביי קאָרטן און פערדלעך, פארלירט ער מיין געלט,
נאָר מיט אים אי מיר גוט און וואויל ווי די וועלט.

ווייבלעך און מיידלעך ער קריגט מיט א וואונק,
קריגט זיי גאנץ לייכט און פארלירט זיי גרינג.
ווי יעדער מאנצביל, ער נאשט מן הסתם,
נאָר פאר מיר ברענט זיין הארץ, פייער נ'פלאם.

ער ווערט אָפט אין כעס, פאר א רגע'לע בלויז,
צעברעכט אלע מעבל און כלים אין הויז.
נאָר איך בין אים מוחל, כ'שווייג און פארגיב,
דערפאר טאקע ווייס איך, אז ער האָט מיך ליב.

וואו ערגעץ נאָר א צרה, א שרעק, א געפאר,
דאָרט איז אויך מיין מאן, כאָטש ער אי׳ ניש׳ קא׳ נאר,
ער שטופט זיין נאָז אין יעדנס קאָמפּאָט,
נאָר ער אי מיין מאן, ווי געבאָטן האָט גאָט.

מיט א יעדן גאָרניש, ווערט ער נאש-בראט,
ער האָט הנאה, וואָס די מאמע ט׳אים געהאט.
און איך האָב הנאה וואָס ער אי מיין מאן,
ווייל קיין בעסערס פון אים אי פאר מיר ניש פאראן.

כ׳האָב שוין אויך אין מיין לעבן צו אנדערע געגארט,
נאָר זיי האָבן תמיד מיך אָפּגענארט.
און מיינט ניש מיין הארץ אי לויטער ווי גאָלד—
נאָר ער אי דער ערשטער, וואָס האָט מיך געוואָלט.
דער יאָלד.

ליבידאָ

טייל פאָרלעך האָבן חתונה פאר ליבע—
ס׳איז א מנהג ביי מאָדערנע יונגע לייט.
טייל פאָרלעך האָבן חתונה פאר ממתקים
און א טייל פאר א קורץ שטיקל צייט.

אידיאָטן האלטן: ס׳איז א שווערער עול
צו פּראקטיצירן געבורט קאָנטראָל,
דאריבער טוען זיי ווי גאָט האָט געבאָטן—
האָבן עולם הזה און פליאָדען אידיאָטן.

ביי א מאן עם מוז די פרוי זיין דאָס טייערסטע כסדר,
נאָר טייערער פון איר, זיינען תמיד אירע קליידער.

פאראן מענער וועמענס געדאנקען זיינען גאָרנישט געהיים,
אז זיי פילן זיך נישט אין דער היים—אין דער הײם.



פינגער־קולטור

דער באַרימטער פסיכאָלאָג, דר. מישא גאאס, שרייבט מיר: מיט אייער דיזערטאַציע וועגן גימנאַסטיק האָט איר באַוויזן, אַז איר ליידט פון אַ לויזקייט פון ווערטער און אַ קאָנסטיפּאַציע פון געדאַנקען, ווייל איר האָט אויסגעמידן צו אַנטוויקלען די פינגער מיט יידישער גימנאַסטיק. לויט דער טעאָריע פון פּראָפעסאָר מודיאַני ל׳פאָנעבאָ, האָט יעדער פינגער זיין נאָמען און פונקציע.

די וויסנשאַפטלעכע נעמען פון די פינגער זיינען:

דער ערשטער פינגער איז דער גראָבער פינגער; דער צווייטער — דער געשמאַק־פינגער; דער דריטער — דער געשעפטס־פינגער; דער פערטער — דער שאַץ־פינגער; און דער פינפטער — דער סאַניטאַרישער פינגער.

איצט, אַז מיר זיינען שוין באַקאַנט מיט די נעמען, לאָמיר צו־טרעטן צו די אייגנאַרטיקע פונקציעס פון יעדן פינגער באַזונדער און זייערע אינטימע באַציאונגען מיט די אַנדערע.

דער גראָבער פינגער הייסט דער גראָבער פינגער, ווייל ער איז וויכטיקער ווי אַלע אַנדערע. ער איז דער קעניג פון פינגערלאַנד. שוין ביים געבן עמיצן שלום־עליכם, וואָלט דאָך עמיץ געקענט פאַרפאָרן ערגעץ אין דער זיבעטער ריפּ, ווען דער גראָבער פינגער זאָל אים נישט אָפּשטעלן. אָבער נאָך וויכטיקער איז דער גראָבער פינגער אַלס פּשט׳ל־פינגער. אַנטוויקלען אים מיט יידישער גימ־נאַסטיק דאַרף מען אויף דעם פאָלגענדיקן אופן:

מען שטרעקט אויס דעם פינגער אין אַ האַלבן בויגן, מען פאַר־בויגט די אַנדערע פיר, מען לאָזט אַראָפּ די גאַנצע האַנט ביז צום היפט, מען דרייט אַ ביסל די האַנט מיט'ן שפּיץ פינגער צום קערפּער, און אויפהויבנדיק פּאַמעלעך די האַנט צו דער אַנדערער זייט, מאַכט מען אַ ראָד איבער'ן קאָפּ און צוריק צום אַקסל, פון וואַנען די האַנט וואַקסט. בשעת דער אַקציע איז עס זייער באַקוועם צו פּשט'לען מיט אַ גמרא־ניגון: „זאָל איך מיין ווייב קויפן אַ פוטער־מאַנטל, וועל איך זיך נישט קענען קויפן קיין פּאָר שיך; זאָל איך זיך קויפן אַ פּאָר שיך, וועל איך דאָך נישט קענען באַצאָלן מיינע יוניאָן־שטייער; זאָל איך באַצאָלן דעם יוניאָן־שטייער, וועל איך שולדיק בלייבן שוין דעם זעקסטן מאָנאַט דירה־געלט. אויב אַזוי, וועל איך בעסער אָפּ־רופן מיינע פריינט און שפּילן אַ פּינאַקל".

דער צווייטער פינגער, דער געשמאַק־פינגער, ווערט גענוצט אַריינצושטופּן אים אין פרעמדע געשעפטן אָדער, ווען קיינער קוקט נישט, אין אַ סלאָי מיט איינגעמאַכטס און טאָן אַ לעק. די באַוועגונג דאַרף מען איבער'חזר'ן אַזוי אָפט, ביז מען ליידיקט אויס דעם סלאָי און ביז דאָס גאַנצע פּנים ווערט איינגעניאַרעט פון איינגעמאַכטס. מיט דעם פינגער איז אויך נויטיק צו באַרירן אין אַ רעסטאָראַן דעם סטעיק, וואָס אייער פריינט עסט, און, אויב איר בלייבט לעבן, באַשליסן, אַז כאָטש דער סטעיק איז כשר, האָט ער אַ חזיר'שן טעם און אַ בעסערן וואַרפט מען פאַר הינט אָדער — פאַר דייטשן. מיט דעם פינגער, צוזאַמען מיט דעם גראָבן פינגער, איז כדאי צו קנייפּן אַ פריינט אין דער באַק און אים מאַכן אַ קאָמפּלימענט: „דו זעסט אויס אַזוי, אַז אַ שענערן לייגט מען אין דר'ערד אַריין... "

דעם געשעפט־פינגער, אָדער דעם דריטן פינגער, דאַרף מען אַזוי דערציען: מען רוקט אַריין דעם פינגער הינטער דער פּאַכווע פון וועסטל, אָדער הינטער דעם רימען פון די הויזן, און מען זאָגט צו זיך אַליין: „דער קונה האָט מיר איבערגעצאָלט צוואַנציק דאָלאַר, איז די קשיא: זאָל איך מיין שותף געבן האַלב, אָדער זאָל איך מאַכן אַ שווייג? ... " אָדער מען קאָן גאָר זאָגן צום אייגענעם ווייב: „מיך וועסטו נישט אָוועקשיקן יונגערהייט פון דער וועלט, ווי דיינע ערשטע צוויי מענער; ביי מיר וועסטו אָדער ווערן אַ גרושה, אָדער דו וועסט מיך מאַכן פאַר אַן אַלמן... " דער פינגער איז אויך פּאָפּולער אַלס צייג־פינגער. מיט דעם פינגער און דעם גראָבן פינגער איז גוט אָנצונעמען די צייג פון אַ נייעם אַנצוג ביי אַ פריינט און

פרעגן: „וויפיל האָסטו באַצאָלט פאַר די תכריכים ?״ . . . מיט די ביידע פינגער דאַרף מען רייבן די צייג און זאָגן: „די צייג איז אַ שטיק שמאַטע, זי טויג אויף תשעה ניינציק כפּרות . . .״ דאָס רייבן מיט די פינגער איז בלויז כדאי אויף די לאַצן פון אַ ליכטיקן מלבוש— און ווען די פינגער זיינען פאַרשמאָלצן . . .

דער שאַץ־פינגער, אָדער דער פערטער פינגער, ווערט אַזוי קול־טיווירט: מען פירט צוזאַמען דעם שאַץ־פינגער מיט'ן גראָבן פינגער, און ביידע צוזאַמען צו די ליפּן; מיט באַגייסטערונג טוט מען אַ סמאַטשקע מיט די ליפּן, מען טוט אַ וואונק מיט אַן אויגל און מען זאָגט שטילערהייט: „האָב איך דאָס געקראָגן אַ נייע סעקרעטאַרשע, איז זי גאַרנישט אַזוי צעלאָזן ווי צוגעלאָזן, זי איז שוין איינמאָל אַ שאַץ . . .״ פאַר פרויען איז דער פינגער דער וויכטיקסטער, ווייל מיט אָט דעם פינגער שאַצט זי דעם ווערט פון תנאים־רינג און פון איר מאַן. ווי עס איז באַוואוסט, ווערן אַלע מענטשן געבוירן פריי, אָבער אַ גאַר גרויסע צאָל האָבן חתונה. ווען דער מאַן טוט איר אָן אַ רינג אויף דעם פינגער, טוט ער זיך אָן אַ רינג אויף דער נאָז. ווען די פרוי גיט דעם מאַן דעם פינגער, וויל ער די גאַנצע האַנט, און כאָטש ער פילט זיך גליקלעך ווען ער פאַלט אַריין אין אירע אָרעמס, איז ער נעבעך זייער אומגליקלעך, ווען ער פאַלט אַריין אין אירע הענט.

דער סאַניטאַרישער פינגער איז אויך פּאָפּולער אַלס אַריסטאָ־קראַטישער פינגער, אָדער פּאַראַזיטל. ביים טרינקען האַלט זיך גע־וואוינלעך דאָס פינגערל אָן אַ זייט, אַזוי ווי נישט אים מיינט מען. דאָס פּאַראַזיטל בלייבט אויסגעשטרעקט אין דער לופט און מאַכט זיך וויכטיק און נישט־וויסנדיק און וויל זיך נישט אַ ריר טאָן אין קאַלטן וואַסער. אַזעלכע פינגערלעך געפינט מען מערסטנס ביי פּראָפעסיאָנעלע לײדיקגייער, דזשיגאָלאָס, כּלל־טוער אָדער אַדוואָקאַטן. זיי האָבן ליב צו וואַרעמען זייערע פינגער אין קעשענעס פון אַנ־דערע מענטשן.

די פונקציע פון סאַניטאַרישן פינגער איז די פאָלגנדע: מען פאַרבויגט די מיטלסטע פינגער און מען דעקט זיי צו מיט'ן גראָבן. מען שטרעקט אויס דאָס פינגערל גאַנץ שטייף, מען הויבט אויף די גאַנצע האַנט ביז צום קאָפּ און מיט אַלע כחות שטויסט מען אַריין אין אויער און דרייט דאָרט אַזוי לאַנג, ביז מען הויבט אָן צו הערן אַלערליי קלאַנגען, אָדער ביז מען ווערט אינגאַנצן טויב ווי די וואַנט.

לויט דער טעאָריע פון דעם כינעזישן פינגעראָלאָג, דר. שי גועז, קען אויך געמאַכט ווערן גימנאַסטיק מיט אַלע פינגער מיט איינמאָל, ווי מאַכן אַ פייג אונטער אַ דעבעלע, אַרויסשטעלן אַ נאָז, אָדער קנאַקן מיט די פינגער, ווען מען וויל זיך עפּעס דערמאָנען, וואָס מען האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן. מיט אַלע פינגער איז אויך גוט צו פּאַכען צום ווייב, ווען זי פּאָרט ענדלעך אוועק אויף אַ גאַנצן זומער, אָדער מען קען גאָר נוצן די גאַנצע האַנט אויף צו וואַרפן לופט־קושן, ווי דאָס טוען אַקטריסעס פון דער בינע. לופט־קושן זיינען פּונקט אַזוי געשמאַק ווי קושן זיך איבער'ן טעלעפאָן. האָט איר שוין אַמאָל געפּרואווט קושן אייער געליבטע פון נויאָרק ביז סאַן פראַנציסקאָ און צוריק? אויף אַ רייזע איז דאָס זייער געשמאַק, ווייל צוויי קעפּ זיינען תמיד בעסער ווי איינער, אָבער איבער'ן טעלעפאָן, לאַנג דיסטענץ, איז דאָס נישט אַזוי געשמאַק ווי טייער.

פאַר מער איינצעלהייטן וועגן פּראָגרעס פון דער פינגער־קולטור, לייענט „די יידישע אכסניה און די קלעפּטאָמאַניע פון בריטאַניע".

קלעפּטאָמאַניע איז אַזאַ מין חולאת, אין וועלכער מען העלפט זיך אַליין. נאָר אויב איר קענט זיך נישט העלפן, דאַרפט איר אַריינשיקן אין מיין לאַבאָראַטאָריע אַ פינגער, אָדער בלויז אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ פינגער, און מיר וועלן אייך לאָזן וויסן צי איר מעגט זיך פריי אַרומפינגערן מיט נאָרמאַלע משוגעים, אָדער צי מען דאַרף אייך אַריינשפּאַרן אין אַזאַ אינסטיטוציע, וואו מענטשן זענען פשוט משוגע צו פאַרבלייבן.

פּוילעזאָפיע

אַמאָל פלעגן מענטשן מיט ציטער און צאַפּל,
זיך דראַפּען אַרויף פון שטאַפּל צו שטאַפּל.
נאָר היינט איז דער שטייגער ביי שטייגער געשיידטער
מען שטייט און מען הויבט זיך אויף אַן עסקאַלייטער.

דו זאָלסט בלויז האַלב, וואָס מען בעט דיך, באָרגן
און באַלד נאָכדעם שטעלן זיך טאַנצן—
ווייל דו וועסט זיך דאַרפן בלויז האַלב צו זאָרגן
און נישט האָבן פאַרלוירן אין גאַנצן.

פע־מיניסטיש

בײ יעדער פרוי דאַרף זײַן איר מאַן
װי דאָס ערשטע קינד,
זי דאַרף אים נאָכגײן יעדן שפּאַן,
פאַרהיטן אים פון זינד,
באַשיצן אים פון יעדן װינטל
און פירן לויט אַ פּלאַן,
װעט לויפן נאָך איר װי אַ הינטל
דאַן דער קליגסטער מאַן.

װען זי, מיט פליגל אויסגעשפּרײט,
װעט װאַרעמען זײַן הײם,
װעט ער זיך לאָזן קנעטן, גרײט
װי אַ װײכער לײם,
און װעט פאָלגן אירע עצות,
הערן איר פאַרטײטש,—
ציען װעט זי דאַן די לײצעס
אפילו אָן אַ בײטש.

ס'איז—װי עס בענקט דער מאַן נאָך פּלאָג,
פון זײַן פרוי פאַרטראַכט,
ער װײסט: ס'האָט יעדער הונט זײַן טאָג
און יעדע קאַץ איר נאַכט,—
אויך אַ פערד, אַ לײב אַ װילדער,
װערן קאָן געשפּאַנט.
װי אַ טויב, װעט ער אַ מילדער
עסן פון איר האַנט.

ענדערן אַ מאַן אינגאַנצן
איז גאָרנישט אַזױ שװער,—
אויף צעגליטע קוילן טאַנצן
לערנט מען אַ בער.

פונקט אזוי־אַ, גאנץ געַנוי,
יעדער מאן זיך טראַכט,
אזוי־אַ טראכט א יעדע פרוי,
טראכט ער מיט פארדאכט,
ער האָט אויכעט א קאפריז—
נישט צו ווערן דאָמינירט,
ער וויל בלייבן וואָס ער איז,
נישט ווערן רעפאָרמירט.

ליבידאָ

אין פארהייראט לעבן, פאַר שלום בית,
צווישןביידע העלפטן,—העלפט,
ווען ביידע באַגרייפן זייער אחריות,
צו באַהאַלטן די ערגערע העלפט.

ער האָט גענומען מיינע קאָמפּלימענטן,
ער האָט גענומען מיינע סענטימענטן,
ער האָט גענומען מיינע ביכער און מתנות,
ער האָט גענומען אַלץ אָן רחמנות—
נאָר ענדליך האָט ער, אויף לאנג, ווייל איך האָפן,
גענומען מיין ווייב און איז מיט איר אַנטלאָפן.

דוד און שלמה המלך, נישט קיין גרויסע איבערקלייבער
אין הלכות נשים, פלגשים און ווייבער,
כדי ביי זיי מעגלעך צו געפינען דעם סוד,
דעם זין און דעם שכל, פון דער וועלט דעם יסוד.
האָבן דוד המלך און שלמה המלך,
אויף זייער עלטער, געמיטלעך, פאַמעלעך,
ווי הערשער דערפאַרענע, נישט קיין נזירים,
געשריבן משלי, תהילים און שיר השירים.

באָרשט

איך איז גוט ווי די וועלט, איר האָט בלויז אַ גוליע אין האַלדז. אָבער איך, ווי איז מיר, בלוט איז נישט קיין באָרשט. אָבער אַז וועל איך אייך דערציילן פון אָנהויב־אָן, וועט איר באַלד דערפילן דעם טעם פון באָרשט . . . וואָס ווילט איר מער: אַז איך וועל אייך ווייזן מיינע אָפּעראַציעס, וועט איר מיינען, אַז איר קוקט אויף נאַגאַ־סאַקי נאָך דער אַטאָמישער באָמבע.

אַ סך יאָרן בין איך אַרומגעגאַנגען מיט מיינע קרענק. עס פּלעגט מיר שטאַרק ווײ־טאָן צווישן ברעקפעסט און סאַפּער, און מיין ברעקפעסט און סאַפּער איז שטענדיק געווען באָרשט. מיינט נישט, אַז איך בין משוגע. איך האָב ליידנשאַפטלעך ליב באָרשט. פון קינדוווייז־אָן האָב איך אַ „פעשן" צו באָרשט . . . איך קאָן זיך פאַרגינען, לויט מיין פּאַרמעגן, צו טרינקען שאַמפּעין און עסן קאַוויאַר צען מאָל אַ טאָג, אָבער איר מעגט זיך עסן קאַוויאַר און זופּן שאַמפּאַניער — מיר גיט באָרשט. אי'ם נאַטס אַבאַוט באָרשט . . . וועל, ווען איך האָב אָבער איינגעזען, אַז איך וועל גיין אַ גאַנג, האָב איך זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן אויף די טייערסטע דאָקטוירים, און צום סוף בין איך אַוועק צו אַ ספּעשעליסט. מיינט איר דאָך, אַז ס'איז מיר אַזוי לייכט אָנגעקומען זיך צו דערשלאָגן צו אים . . . איר הערט, איך וויל נישט איבערטרייבן, אָבער ווען איך בין אַריין צו אים אין ווייטיק־רום, בין איך געווען אַ סינגלמאַן און אַ גלאַט־געראַזירטער, און ווען איך בין ענדלעך צוגעקומען צום דאָקטאָר, האָב איך שוין געהאַט אַ ווייב מיט דריי טעכטער און אַ לאַנגע באָרד . . . ס'איז בלויז אַ משל, אָבער ס'איז אמת. ערשטנס, האָט מיך די נוירס גענומען אויף אַ „טוירד דעגרי" . . . זי האָט נישט נאָר געוואָלט וויסן מיין אייגענע היסטאָריע, נאָר די אַלגעמיינע סאָציאַלע און פּאָליטיש־עקאָנאָמישע געשיכטע פון מיינע ברידער, שוועסטער, מומעס, פעטערס, טאַטעס, מאַמעס, זיידעס און באָבעס . . . כדי מען זאָל מיך קאָנען גוט צעשניידן און צעאַקערן, האָב איך איר געמוזט דערציילן, אַז איך בין אַמאָל געווען אַן אַנאַר־כיסט, וויפיל מאָל איך האָב באַנקראָטירט, אַז איך פאָר דאַווענען יום־כפּור און אַז איך האָב ליב בעיזבאָל. מיין נשמה איז ביי מיר געהאַנגען אויף דער שפּיץ נאָז, און זי האָט ביי מיר געצויגן סטענגעס און געוואָלט וויסן צי איך רויכער קוואַדערדיקע סיגאַרן, צי איך טראָג וואָלענע אונטערוועש אום תשעה באב, צי מיין ווייב שפּילט „ברידזש" און צי איך שפּיל גאָלף.

אָבער ענדלעך בין איך אַריין צום דאָקטאָר, וואָס נעמט פאַר איין וויזיט מער וויפיל אַ פּאָליטישן גנב'עט . . . אָדער וויפיל זיבן פון מיינע אַרבעטער נעמען פאַר איין וואָך מיט אָווערטאַים. דער דאָקטאָר האָט מיך גענומען קנעטן און טאַפּן און קאָרטשען און דרייען און זוכן פון דעם פּלייך אויפן קאָפּ ביז צו מיינע היגער־אויגן. ער האָט מיר געהייסן אויקען און מעקען און הוסטן און קרעכצן און דעכען און סאָפּען. ער האָט אויף מיר געשפּילט מיט פאַרשיידענע אינסטרו־מענטן: סטעראָסקאָפּן, סטעטאָסקאָפּן, מיקראָסקאָפּן, טעלעסקאָפּן, באַראָמעטערס, סטעריליזערס, טערמאָמעטערס, דיזינפעקטאָרס, הידראָ־מעטערס, מאָטאָרמעטערס, שפּיגעלעך, גימענע קישקעס, צווענגלעך, הילצערנע לעפעלעך, טוטפּיקס, וואַטע, און ענדלעך האָט ער מיט אַן עקס־רעי־מאַשין אָפּפאָטאָגראַפירט מיין גאַנצן אינעווייניק. ווען איך וועל אַרויס פון שפּיטאָל, וועל איך אייך צושיקן אין אַ גאָלדענער פריימקע אַ פּיקטשע פון מיין לונג און לעבער פאַר אַן אָנדענק . . . ווײַל, ווען מיר זיינען פאַרטיק געוואָרן, בין איך געווען אַ פאַרטיקער, איך בין געוואָרן אַ פולשטענדיקער קאַנדידאַט פאַר אַ סעמעטערי און מען האָט מיך אַ קוים, קוים זשיפּענדיקן אָפּגעפירט אין אַ האָספּיטאַל . . .

האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסנבאַוועגונג פון מיינע קרובים, קינד און קייט זיינען געקומען מיך מבקר חולה זיין און באַוויינען. איינער, אַ פּלימעניק מיינער, איז געקומען מיט אַ קאַמערא און גענומען פּיק־טשורס פון מיר. ער האָט מיך געבעטן איך זאָל מאַכן אַן אָנשטעל ווי איך גויסעם, האָב איך אים געבעטן וואַרטן ביז איך וועל געזונגט ווערן . . . האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער האָט מורא איינצושטעלן, ווייל ער האָט נאָך קיינמאָל נישט פאָטאָגראַפירט קיין מת.

פון די דאָקטוירים האָט מיך די ערשטע וואָך קיינער נישט גע־טשעפּעט, חוץ מיין אייגענער „ספּעשעליסט" און צוואַנציק, דרייסיק „אינטוירנס" וואָס האָבן אין מיר אַריינגעשאָסן כמעט אַ גאַנצן גראָם מיט נאָדלען . . .

נאָר ענדלעך איז געקומען מיין סוף. מען האָט מיך איינגעוויקלט אין ליילעכער ווי אַ מת און מיך אַריינגעפירט אין אָפּעראַציע־רום, אָבער איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און האַרץ, געשמייכלט, נאָר שטילערהייט האָב איך געזאָגט וידוי און גוד־באַי. דאָרט האָט מען מיך אָוועקגעלייגט מיט די ציין אַראָפּ און איין דאָקטאָר האָט מיר אַריינגעשטאָכן אַן אַנעסטעטיק-נאָדל אין מיין קריזש אַריין, אַז איך האָב דערזען די וועלט און יענע וועלט, דעם יוניאָן־דעלעגאַט און דעם

ניו דיעל . . . פון מיין האלז אַן האָט עס ביי מיר אָפּגענומען הענט און פיס . . . איך האָב געפילט פונקט אזוי ווי היטלער פילט אין גהינם העגנענדיק מיט אַן אויער אויף אַ מזוזה . . . הכלל, דער „סוירדזשען" האָט מיך געפּאַלמעסט און איבער מיר געשוויצט ארום דריי שטונדן און אַ גאַנצע אַרמיי מיט נוירסעס און דאָקטוירעמלעך האָבן אים געהאָלפן שוויצן . . . ווען ער האָט ענדלעך אָראָפּגענומען די „ראָבערנע גלאָווס", האָבען אים אַלע אָנגעהויבן צו אַפּלאָדירן און מיין האַרץ האָט מיר אָנגעהויבן קלאַפּן פאַר שרעק. וואָס טו איך ווען דער דאָקטאָר זאָל פּונקט ווי אַן עקטער ליב האָבן אַפּלאַדיסמענטן און וועלן מאַכן אַן ענקאָר און מיך ווידער נעמען שעכטן? אָבער מיין שרעק איז געווען אַן אומזיסטע און מיין האַרץ האָט זיך מיר אינגאַנצען אָפּגעשטעלט.

ווען איך בין צוריקגעקומען פון יענער וועלט, האָבן מיינע קרובים גענומען קומען און ברענגען און טראָגן . . . די ערשטע איז געקומען מיינס אַ שוועסטער'ס אַ שווענעריין און מיר געבראַכט אַ טעפּעלע מיט „ראָשען" באָרשט, און באַלד האָבן מיר אַלע קרובים און פריינט און שכנים געבראַכט גאַנצע טעפּ, גאַנצע גאַלאָנען מיט באָרשט. פון ברוקלין און בראָנקס, פון סיגעיט און בראָנזוויל, פון גאַנץ אַמעריקע האָט מען מיר געבראַכט באָרשט און איך האָב געזופּט און געטרונקען און ביסלעכווייז אָנגעהויבן זינגען „אָטשי טשאָרנעיא", „נייטשור באָי" און „אלי אלי" . . . אַזאַ טבע האָב איך,—ווען איך זופּ באָרשט, האָב איך ליב צו זינגען רוסישע לידער . . . איר הערט, איינער אַן „אינטוירן", האָט זיך אזוי פאַרליבט אין באָרשט, אַז ער האָט אפילו אָנגעהויבן מאַכען באָרשט „קאָקטעילס" . . . וועל, ווען איך בין שוין געווען פולשטענדיק געזונט און שוין געווען אָנגעטאָן צום אהיים גיין, האָב איך צום לעצטן מאָל אַ זופּ געטאָן דאָס לעצטע ביסעלע באָרשט, וואָס איז געבליבן און איך האָב זיך אויסגעצויגן אזוי גרוים ווי איך בין. איז געוואָרן אַ טומל און די דאָקטוירים האָבן באַשלאָסן צו מאַכן נאָך איינינקע אָפּעראַציעס, כדי מיך צו ראַטעווען . . . מען האָט גענומען צאַפּן מיין בלוט, כדי מען זאָל אויסגעפינען וואָס פאַר אַ סאָרט בלוט איך האָב, ווייל מען האָט מיר נעדאַרפט מאַכן אַ בלוט-טראַנספיוזשאָן... און זיי האָבן מיר אָנגעזאָגט די פרייליכע בשורה, אַז איך האָב נישט קיין בלוט. ווייל, ווי אזוי האָב איך געקענט האָבן בלוט, אַז פון קינדווייז אָן בין איך אַ בלוט-אָרימער און חוץ דעם זינט איך בין געוואָרן אַ באָס, האָלטן מיינע אַרבעטער מיט דער יוניע איין צאַפּן מיין בלוט. וואָסזשע האָב איך יאָ געהאַט, אַז נישט קיין בלוט? באָרשט, באָרשט!

ענדלעך האָט מען געפונען אַ מענטשן און מען האָט מיר געמאַכט אַ באָרשט־טראַנספּיוזשאָן.

. . . איצט פאַרשטייט איר שוין?

אייך איז וואויל ווי די וועלט, איר האָט בלויז אַ גוליע — איר מעגט זיך דערלויבן צו קרענקען — אין האַלדז. אָבער איך — ווײ איז צו מיין באָרשט.

פאָלקס־טומלעך

די וועלט דרייט זיך אַרום דער זון ראַשיק, שנעל
און מענטשלעכע ברואים קאַטשען זיך און וויגן,
זיי יאָגן זיך פאַרסאָפּעטע אויף דעם קאַרוסעל,
צו געניסן כאָטש אַ ברעקל פאַרגעניגן.

פאַראַן מענטשן וואָס ווערן פאַרשלאָפט,
זיי מוטשען זיך נעבעך און פּלאָגן;
עס פעלט זיי פּשוט אוים די קראַפט,
דעם וועלטשמערץ אריבערצוטראָגן.

דו וועסט דיין ציל דערגרייכן שנעלער
אויף דיין וואָגלען, קלעטערן און וואַנדערן,
ווען דו וועסט זען דיינע אייגענע פעלערן
און נישט בלויז די פון יעדן אַנדערן.

א שכור וועט דאָס גאַנצע לעבן שמעקן;
א נאַר וועט בלייבן אַ נאַר אַלע צייטן;
א טויגער טוישט קיינמאָל נישט די פלעקן;
נאָר אַ חכם מוז אנטוישן זיך און בייטן.

כיוועל זיך קיינמאָל נישט בייטן מיט קיינעם
אפילו אין מיין ערגסטער צייט,
סיידן מיט אַ נאַר (אַ נישט קליינעם),
וואָס וועט וועלן מאַכן דעם בייט.

אן אָדע צו א ביוסט

איך האָב זיך גענומען גאנץ ערנסט פארקלערן,
געוואָלט כ'האָב דעם אמת דערגיין,
וועגן דעם גלאנציקן ערדישן שטערן,
וואָס שווער איז זיין גאנג צו פארשטיין
ביז ענדלעך בין איך צום שורש דערגאנגען,
דעריזען איך האָב פאר זיך אליין,
פון אָט דער שטאטוע שטאמען די קלאנגען
אַז שווארץ געבליבן איז שטיין.



אין זיינע דרכים געדארפט האָב איך שפאנען,
געגישטערט כ'האָב זיין יעדן טראָט,
ביז ענדלעך איך האָב זיינע מעשים פארשטאנען
און דאָס וואָס געשאפן ער האָט,
איך האָב אים שטודירט פון אלע זייטן,
זיין ארבעט פארמאָגט נישט קיין שפּאָט.
אין אונזערע שטאַרק אפּערעטישע צייטן,
ער גלויבט אין דראַמאַטישן גאָט.

ער איז צו קונסט מיט מי און בטחון
געקומען די ערשטע שוואלב,
געשאפן טראדיציע און צוויי עפּאָכן
איינגעטיילט האלב אויף האלב;
די ערשטע געווען שמן זית'דיק הארציק,
געליטערט מיט געטלעכער זאלב,
די צווייטע געוואָרן איז ריין מאָריס שוואַרציק—
דער קלימאקס איז געווען יאָשע קאלב.

דעם קאמף פאר דער קונסט געפירט ווי מלחמה,
די בינע געווען זיין געצעלט
עס האָבן די מוזן געגלעט זיין נשמה,
דער קריג האָט פארקלונגען די וועלט
נאָר אָן א פארוואָס באַרימט איז זיין שטייגער,—
אז ר'האָט זיך פּראָפיטן געשטעלט
און נאָך יעדן סעזאָן איז ער אַ דערלייגער
אין בענק גאַנצע הויפנס מיט געלט.

פון יידישער קונסט ר'איז געוואָרן פּראָפעסאָר,
זיין תורה האָט יעדער געגאַרט.
עס איז די התלהבות געוואקסן אלץ גרעסער,
ס'איז קיינער געוואָרן גענאַרט.
זיין שפּילן טעאַטער געווען איז דאָס בעסטע;
יידיש און איידל און צאַרט.
נאָר ער האָט אין זיינע ספּעקטאַקלען די גרעסטע
אָפּטמאָל זיין מוזע פאַרשפּאַרט

פיקאנט

אַ דאַנק יעקב קאַליך׳ס אינפלוענץ און דער אינפלוענץ אין באָסטאָן איז מאַלי פּיקאָן אין יאָר 1918 אַריין אין יידישן טעאַטער. זי האָט דעמאָלט געשפּילט אין אַ באָסטאָנער ענגלישן וואָדעוויל אין אַן אַקט וואָס האָט פאָרגעשטעלט, די פיר סעזאָנען פון יאָר אין וועלכן זי האָט סימבאָליזירט ווינטער. אירע עמאָציעס זענען געווען אַזוי היים, אַז קאַליך האָט אָנגעהויבן צו קאָכן און צו זידן.

די אינפלוענציע וואָס האָט אין יענער צייט געבושעוועט האָט אויף דער באָסטאָנער פּאָליציי געהאַט אַזאַ אינפלוענץ, ווי אַ מילד-עראָטישע פּיעסע האָט שטענדיק אויף דער דאָרטיקער צענזור. אַלע טעאַטערס זענען צוגעמאַכט געוואָרן, חוץ דער יידישער, וועלכן די דאָרטיקע פּאָליציי האָט הפנים נישט געהאַלטן פאַר קיין טעאַטער, ווייל אין יענער מורא׳דיקער צייט, האָט אפילו די מגפה אהין נישט געוואָלט אַריינשמעקן.

אזוי ווי מאלי פיקאָן און יעקב קאליך האָבן במילא נישט געהאַט וואָס צו טאָן, האָבן זיי ראָמאַנטיש באַשלאָסן זיך צו נעמען דאָס לעבן אין די הענט אריין און ארויסנעמען א הרי את׳עסטאַציע. זי איז געוואָרן פּרוי׳ליך כדת וכדין און זיך אָנגעהויבן צוצוהערן צום קול יעקב קאליך און אזוי האָבן זיי זיך געראַטעוועט צוזאַמען מיטן דאָרטיקן יידישן טעאַטער.

דער טעאַטראַל קאליך האָט פאַרשטאַנען, אז קיינער קען נישט ווערן קיין נביא אין די היימישע קרייזן, האָט ער זיך ארויסגעלאָזט מיט איר איבער דער וועלט, אָבער ער האָט נישט פאַרגעסן איינפּאַקן אין באַגאַזש א גאַנצן פּאַק מיט תורה פון בארנום, אָבער מאַלי אליין איז געווען די בעסטע רעקלאַמע.

„אויב דו וועסט ביי מיר שפּילן איניקע סעזאָנען", האָט אַמאָל געזאָגט א דירעקטאָר צו א שוישפּילער, „וועל איך פון דיר מאַכן א סענזאַציע איבער נאַכט".

יעקב קאליך האָט דאָס באַוויזן. פון שטאָדט צו שטאָדט און פון לאַנד צו לאַנד איז איר נאָמען געוואַקסן און דער אָפּקלאַנג האָט זיך געלאָזט הערן אַזש אין ניו יאָרק.

ביי איר ערשטן אויפטריט אין קאליך׳ס א מוזיקאָמעדיע, האָט מאַלי גערעדט יידיש מיט א יעיל אָדער הארווארד אקצענט, אָבער שוין נאָך איניקע אויפטריטן איז איר יידיש געוואָרן פעסט־געמויערט און געקאָליכ׳ט. אויף איר ערשטן אייראָפּעאישן טורניי האָט זי געלערנט דעם יידישן אידיאָם און שטייגער און די עלעמענטן פאַר־בלענדט מיט איר אייגענעם טאַלאַנט.

כאָטש זי האָט איר טעאַטראַלישע דערציאונג געקראָגן אין ענג־לישן וואָדעוויל, האָט זי אין לעגיטימען יידישן און שפּעטער אין ענגלישן טעאַטער קיינמאָל נישט געפּראוועט קיין וואָדע־ווילדע שטוקעס.

פעטיט און בע׳טעם׳ט האָט זיך מאַלי צעשפּילט מיט א צוויבער־ליכטיקער עלעפאַנטאַזיע.

קליין־געוויקסיק, אָבער קוים איז זי ארויף אויף דער בינע, איז די בינע אָנגעפּולט געוואָרן מיט איר גרויסקייט. זי האָט אירע לידער און סצענעס געטונקען אין חן און גע׳טובל׳ט אין טעם, דאַריבער האָט פרייד געטריפט פון איר יעדן וואָרט און קלאַנג, פון יעדן קער און ווענד.

קיין עולם איז ביי אירע פאָרשטעלונגען קיינמאָל נישט געזעסן אויף די הענט. בלויז נישט־פאַרגינער מיט הערצער פון רעטאַך, געפּרעגלט אין סמאַלע, האָבן זייערע הענט געהאַלטן אין קינפּעט.

מאלי האָט קיינמאָל נישט געטרונקען קיין קראָכמאל, זי איז דערפאר קיינמאָל נישט געווען שטייף, מעכאניש אָדער א ראָבאָט'צין.

זי האָט אויף דער יידישער בינע דערגרייכט דעם העכסטן שטאפל און זיך פון דאָרט קיינמאָל נישט אראָפּגעגליטשט. מאלי האָט קיינמאָל קיינעם נישט קאָפּירט, אָבער זי איז אימיטירט געוואָרן פון אסך, אויף וועלכע דער ערזאַץ אפילו האָט געהאנגען לעפיש און שליאבעדיק.

אַלס מזיק־אַלישסטע פּריי־מתנה איז זי פּראָקלאמירט און באַליבט געוואָרן אין לאָנדאָן פונקט ווי אין פאריז, אין יאָהאַנעסבורג פונקט ווי אין לעמבערג, אין בוענאָס איירעס פונקט ווי אין וואַרשע און אומעטום פונקט ווי אין ניו יאָרק.

פון „יאנקעלע" צו „מאַמעלע", אלס „ציפּקע" און אַלס „שמענדריק" ביז צו איר ביאָגראפישן רעווי־זיקאַלישן ספּעקטאַקל „אוי איז דאָס א לעבן", האלט אָן איר רעפּוטאַציע און פּאָפּולאַריטעט, זי האָט אינספּירירט די בעסטע מוזיקער צו זייערע בעסטע ניגונים, וואָס דאָס פאָלק האָט אויפגעכאַפּט און פאַר־פאָלקסטימלעכט און אפילו פארוואנדלט אין מאַמעלאָדיעס.

„אין מיינע אויגן ביזטו שיין", „אוי איז דאָס א מיידל", „דער גילגול פון א ניגון" און אנדערע רומשינסקיאדן זענען פון יעדן ידען און פון קינד און קייט און פון פייגל אויף די דעכער אויפגעכאַפּט און צעקלונגען געוואָרן.

גראַציעז ווי א כוואַליע פון ים און פונקט אזוי ברויזנד און תמיד איינגעהילט אין זון־שטראַלן האָט מאַלי געשפּילט מיט אַלע אברים פּיקאנ'ט. אירע עקזעקוציעס פון די ראָלן זענען קיינמאָל נישט געווען קיין עקזעקוציעס איבערן עולם.

מאלי איז א בינע שטערן. נישט פון יענע שטערן וועלכע עס נעמט דריי הונדערט מיט זיבן און זיבעציק מיליאָן ליכט־יאָרן צו דערגרייכן דעם עולם־התחתון. פון איר עולם הזה'לטענעם און עולם הזה'פּטיקן שפּילן ווערט דעם עולם באַלד ליכטיק אין הארצן.

זי האָט איבערשטיגן אַלע נישט־פּיקאנ'טקייטן אין אידישן טעאַטער און האָט אפילו אויף דער ענגלישער בינע שימערירט א לאַנגע צייט יעדן אָוונט אין „מאָרגן־שטערן".

היינט פונקט ווי נעכטן איז זי נאָך אַלץ די אאאקטועלע, אאאנטציקנדע, אאאמוזאנטע, אאארטיסטין. „אוי איז דאָס א מיידל".

געשמאק

איך האָב באַוויזן,
שטאָל און אייזן,
אז בן־עמי איז נישט קיין גאָט—
איבער זופּ א שיסל
מעדיטירט ער אביסל
וועגן פלייש און וועגן קאָמפּאָט.

און פּונקט ווי זיין עסן,
אזוי זיינע פּיעסן
ערלעך און פּשוט איז אלץ.
נישט קינצלעך דינאמיש,
נאָר מענטשלעך בן־עמי׳ש
בע׳טעם׳ט מיט פעפער און זאלץ.

ער האָט נישט אין דראמען,
זיין טאטן און מאמען
און זיידן און באָבען פארבראַכט,
המוציא, א שהכל,
ער מאכט אַן ספּעקטאקל,
נאָר יידיש און איידל געטאָקט.

סעקסטאַז

ווען די וואַרשעווער קליינ־קונסט לצים האָבן געזוכט אַ לילית, האָבן זיי אָנגעשפּיצט די אויערן, געטשאַטעוועט אין אַלע נאַכט־פּלעצער, וואו מ'לעבט אַ גוטן טאָג, — און אין פּוילישן קאַבאַרעט, „קווי־פּראָ־קוואָ" איז זי אַנטדעקט געוואָרן. אַלאַ לילית איז דאָרט געווען די גהינם'דיקסטע צווישן אַלע מזיק'אַלישע שדים און פּיפּערנאַטערס. זי האָט דאָרט אַלעמען דעמאָנירט.

זינט יענער צייט זייִנען אירע אויפטריטן אומעטום געוואָרן אַ זינגזאַציע. אַ קריטיקער האָט אַמאָל אָפּגעשאַצט אַ בינע פאָרשטעלונג מיט איין איינציקן וואָרט „אומגליך", נאָר דער באַרימטער שריפטשטעלער און ביאָגראַפער, עמיל לודוויג, האָט אַלאַ לילית אָפּגעשאַצט מיט צוויי ווערטער. ווען ער איז ביי אַן אינטימען באַנקעטל, נאָך דער פאָרשטעלונג פון „זונאויפגאַנג", געבעטן געוואָרן צו זאָגן אייניקע ווערטער, האָט ער געזאָגט: „זאָגן אייניקע ווערטער מיינט זאָגן צוויי ווערטער, און די איינציקע צוויי ווערטער וואָס פילן איצט אָן מיינע געפילן, זענען אַלאַ לילית.

אַלאַ האָט זעלטן ווען געזונגען מיט שטים, אָבער תמיד מיט שטימונג. פאָלקס און גנבים־לידער, ראָמאַנסן און באַלאַדן און קאָליר'ליי טעאַטער־לידער זייִנען פון איר געוואָרן סענטימענט־לאַנטירט. אַלע אירע אויסערלעכע ניואַנסן און אייגנטימליכקייטן האָבן געזונגען פון איר אינערלעכן פייער.

איידער זי האָט גענומען שטודירן אַ ליד, איז עס פון איר געוואָרן סעקסזאַמינירט, מען האָט שטענדיק געקענט ווערן פון איר דערהויבן

און פאַרטיפט, נאָר מען האָט זיך תמיד געוואונשן צו ווערן פון איר צוגעצויגן, זי האָט דעם עולם ליפנאָטיזירט.

זי האָט געזונגען יעדעס ליד געדעכטפערטיקט, ווייל עס איז פון איר געוואָרן געשלעכטפערטיקט, אָבער זי האָט קיינמאָל מיט איר זינגען נישט געקיצלט און נישט באַליידיקט, נאָר תמיד סטימולירט אַ הויכן בלוט-דרוק און שלאָפלאָזיקייט. אין תמוז איז זי געווען תמוז׳יקאַליש און אין נאָוועמבער אָדער דעצעמבער, האָט זי פאַרשפּרייט אַ נאָוועמבעראַטור און דעצעמבעראַטור וואָס האָט אינספּירירט. אין פּאָעטישע לידער האָט זי אַריינגעבלאָזן אַ שם המפורש און זיי בפליגלט, די באַנאַלסטע ליריק האָט זי פאַרוואַנדלט אין פּאָעזיע און די טעמפּסטע קלאַנגען האָבן ביי איר געקראָגן טעמפּאָ און טעמפּעראַמענט.

סוברעטינס האָבן זיך פון איר געלערנט ווי אַזוי צו זיין אייגדייטיק פּיקאַנט, אָנשטאָט צווייגדייטיק וואולגאַר, ווייל אירע איינטערפּרעטאַציעס זיינען געווען פול מיט סעקסטאַז, נישט מיט קליינליכע דעטאַלן, זי איז דאַריבער קיינמאָל נישט געווען קליינליך, פּעטיט, נאָר אַפּעטיטלעך.

זי האָט קיינמאָל נישט געקוקט אין עולם, נאָר אין זיך. זי האָט געקענט יעדן פאַלד פון איר קלייד, יעדן בויג פון איר קערפּער, יעדן קלאַפּ פון איר האַרץ און איז געווען גראַציעז, האַרציק, ליבלעך און די ליבליכטיקסטע שאַפערין פון אַ פאַלקסטימלעכן פּאַטאָס און שטייגער.

די פיינשמעקער אין דער יידישער ליטעראַטור און זשורנאַליזם, אַפילו די צאַרטסטע פּאָעטן האָבן זיך געריסן זי צו זען, זי צו הערן און מיט איר פאַרברענגען, ווייל פון אַלע ליליעס אין יידישן טעאַטער איז זי געווען די ליליסעקסטע.

דער יידישער טעאַטער אין ניו יאָרק האָט דורכגעמאַכט אַסך דערטעם־אָרפאָזן, אָבער ליליט האָט נישט געוואָלט אָפּ-וואָדעווילדעווען איר גרויס־קונסט, האָט זי זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַמעריקאַנישער אַרמיי. זי איז אַוועק און געוואָרן אַ „וועק", און זינט דאַן ווייט אַוועק פון טעאַטער. בשעת דער מלחמה איז זי פאַר־הרי את־ראַפּירט געוואָרן און אויפגעגעבן די בינע, וואו איר איינפלוס וועט לאַנג פאַרבלייבן ביים עולם און נאָך מער ביי די, וואָס האָבן מיט איר געשפּילט. זי איז ביז׳ן היינטיקן טאָג פאַרבליבן די אַר׳גאָנ׳יאַלסטע אויסטייטשערן פון פּאָעטישן ליד און צום באַדויערן, זענען אירע שיכלעך צו ענג פאַר אַלע וואָס פּרעטענדירן צו עמאַציעווען אויף איר שטייגער. זיי אַלע קוועטשן די שיכלעך און דער עולם קוועטשט מיט די אַקסל.

איזידאָר קעשיר

איזידאָר קעשיר איז אינספּירירט געוואָרן פון די בינע גדולים אין דער צייט ווען דער יידישער טעאַטער אין אַמעריקע איז נאָך געווען אינפאַנטיל. די שטראַלן פון דער סינטעטישער טעאַטער שכינה האָבן אים געצויגן צו איר. ער האָט זיך גע׳טובל׳ט אין התלהבות און מיט אַ גוט אויג באַהיט פון א גוט־אויג זיינע רביים. צוערשט האָט זיך קעשיר געוואַרעמט אונטער די פליגל פון נשר הגדול יעקב פּ. אַדלער און איינגעאָטעמט הינטער־קוליסן אַטמאָס-פערע, געגאַשט רוטין ביז ער האָט ענדלעך מיט פּאָרזיכטיקע טריט אָנגעהויבן אַליין צו שפּילן טעאַטער.

ווי יעדער אמת׳ער קינסטלער, האָט ער אין אָנהויב געצווייפלט אין זיינע טעספּיאַנישע פּייאַקייטן ביז רודאָלף שילדקרויט האָט אים געגעבן סמיכה, אים געבענטשט און מאָריס שוואַרץ האָט אים געשטאַרקט. פון יענער צייט אָן איז קעשיר געוואָרן איינער פון די שטאַרקסטע יידישע אַקטיאָרן. ער האָט דורך דער גאַנצער צייט פון זיין טעאַטער קאַריערע זיך געשטאַרקט צו שטאַרקן גייסטיק און קינסטלעריש און געוואָרן אַ שטאַרקער איינפלוס אין יידישן טעאַטער,

אין די לעצטע צוואַנציק יאָר פון זיין אימפּאָזאַנטער טעאַטער קאַריערע איז ער געווען דער שטאַרקסטער פּילאַר פון יידישן קונסט טעאַטער.

קעשיר האָט אין פּריוואַטן לעבן נישט אויסגעזען ווי אַן אַקטיאָר. ער האָט נישט געהאַט קיין אויסערלעכע סמנים לויט וועלכע מען האָט געקענט דערקענען, אַז ער איז אַ כהן־גדול ביי דער געטין פון טעאַטער. אַלע זיינע סמנים זיינען געווען אינערלעכע. טיף אין אים האָט געברענט אַ פייער וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט אויס־געלאָשן. ער האָט געקענט דעם פייער רעגולירן און אים קאָנטראָלירן, לויט דעם כאַראַקטער וואָס ער האָט געדאַרפט באַלעבן אויף דער בינע.

גייענדיק אין די פוסטריט פון זיינע רביים יעקב פּ. אדלער, דוד קעסלער און אַנדערע האָט אים נאָך מער ווי זיי, גערייצט יענער טעאַטער אין וועלכן אַן אַקטיאָר האָט געקענט דורכמאַכן מעטאַמאָר־פאָזן, וואָס זאָלן דערמעגלעכן זיינע קרעאַציעס צו ווערן אַזוי אַנדערש־דיק איינער פון דער צווייטער ווי עס זיינען גאָלדפאַדן און שעקס־פּיר, זינגער און אַנדרעיעוו, טאָלסטאָי און שלום עליכם.

שוין אין דער ערשטער ראָל אין וועלכן מען האָט געזען קעשיר׳ן איז מען פערגאַפּט און דערשטוינט געוואָרן פון זיין דינאַמישער פּערזענלעכקייט און פון זיין היסטריאָנישער קוואַליטעט און האָט מען אים געזען אין מערערע ראָלן פון זיין קאָלירפולער און רייכער גאַלעריע פון שאַפונגען אויף דער בינע אָדער אין אַ יידישען פילם איז מען געוואָרן זיינער אַ פּאַטריאָט-חסיד. אין יידישע ראָלן איז ער געווען אַזוי יידיש ווי געפילטע פיש, אַלס רוס איז ער געווען אַזוי רוסיש ווי אַ קאָזאַצקע, אַלס כינעזער אַזוי כינעזיש ווי פויגל־נעסט זופּ. בכלל איז ער אין ראָלן פון אוניווערסאַלן כאַראַקטער געווען אַזוי אַנדערשדיק, אַז ער אַליין וואָלט געקענט זיין אַ גאַנצע פעלקער־ליגע מיט ווייניקער ליגן.

נאַראָנים זיינען תמיד און אומעטום זיכער מיט זיך, חכמים זיינען שטענדיק צווייפלער. קעשיר איז אַלס אַקטיאָר געווען אַ חכם, ווייל צו דערגרייכן די מדרגה פון היסטריאָנישקייט צו וועלכער ער האָט דערגרייכט, האָט ער געדאַרפט אָנווענדן אסך צווייפל. ער האָט אין זיך נישט געהאַט די כעמישע עלעמענטן פון וועלכע דער קאָפּ ווערט געשוואָלן, ווען מען קלאַפּט איינעם אין דער פּלייצע. זיין קאָפּ איז קייקנמאָל נישט אָנגעבלאָזן געוואָרן צוליב די שבחים וואָס ער האָט געקראָגן פון דער קריטיק שבכתב און פון עולם שבעל פּה, פאַר די ראָלן וואָס ער האָט אויסגעפורעמט און קרישטאַליזירט.

א ריזיקע פיגור און ריזיקער אקטיאָר איז קעשיר קיינמאָל נישט געווען קיין ריזיקע ביי קיין אויפפירונגען פון א פיעסע.

קאָמפּאַראַטיוו מיט זיין ערשטן רבי'ן יעקב פּ. אדלער, האָט קעשיר געקענט פליען „אויב נישט נאָך העכער", און אויב דער נשר הגדול איז טאַקע געפלויגן אזוי הויך ווי קעשיר האָט מיך דער־הויבן ביי זיין שפּילן, איז אדלער געווען א גאָר גרויסער שוישפּילער, קעשיר אודאי.

אויסרעכענען אַלע ניואַנסן פון זיינע ראָלן, זיין אייגנטימלעך שאַפן וואָלט פארנומען א גאַנצע ביבליאָטעק. זיין ווערא אין „וועלף", דוד קארנאָווסקי אין „די משפחה קארנאָווסקי", דער וואסער־טרעגער אין „דריי מתנות, זיין פאלסטאפישער לאַנצעלאָט אין „שיילאָק און זיין טאָכטער", אָדער קנה קברן אין „יאָשע קאלב", וואָלטן געשאַפן נוצלעכע לערנ־ביכער פון א שושפּילער פאר שוישפּילער, ווייל דאָרטן וואָלטן געווען אַלע עלעמענטן און אידייען וואָס ער האָט געשאַפן.

אָט א שטייגער: קנה קברן. א קברן און א שמש, א קבצן אין זיבן פאַלעס, וואָס לעבט צווישן מתים און מתים-עניים, ער האָט א הויקער אויף די פּלייצעס, א טאָכטער א בהמה. אָבער א טאַטע איז א טאַטע זוכט ער פאר איר א שידוך און געפינט, יאָשע קאלב. ווי פון זיין ליבן נאָמען באַשערט.

א מגפה ברעכט אויס אין שטעטל זוכט מען א זינדיקע און מען געפינט זי, קנה'ס טאָכטער צביה בהמה, ווייל מען פון איר ארויס־שלאָגן דעם אמת פון אירע זינד, ווארפט זיך קנה קעגן דער מחנה שלעגער, זיין טאָכטער צו באַשיצן. ער האָט ערשט מקבר געווען ניינצן מתים, טייכן טרערן זיינען גערונען ביי די קברים און אים האָט דאָס אפילו קיין קיצל נישט געטאָן אין דער נאָז, אָבער, אַז מען האָט אָנגערירט זיין טאָכטער, איז זיין גאַנצע וועלט צושטערט געוואָרן, ער איז געשטאַנען און געכליפּעט, געלאַשטשעט זיין טאָכ-טער און לשם מצוה אויך צוגעלייגט א האנט, זי אויך געפּאַטשט, כדי זי זאָל אויפהערן וויינען און רעווען.

אָדער ביי דער סנהדרין סצענע. קנה האָט דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעלעבט צווישן מתים, ער האָט ביי די קברים פון קדושים אָנגעפירט שמועסן און מיטאיינמאָל אזויפיל לעבעדיקע צדיקים. רביים פון אַלע לענדער, שטריימלעך, ספּאָדיקעס, פּליושענע היט, בעק־קעשעס, ראַזשעוואָולקעס, זשיפּיצעס, און ער ווערט אויפגערופן עדות צו זאָגן פאר זיי און אויך שווערן ביים ארון קודש. ער איז געוואָרן א פארצאַפּלטער, נישט געוואוסט אויף וועלכער וועלט ער איז. אים

האָט זיך געדוכט, אַז ער שטייט פאַר פּריצים, פאַר נאַטשאַלסטוואָ, זיין האַנט האָט זיך געהויבן אַראָפּצוכאַפּן דאָס היטל, דאָס נישט געטאָן, זיך אָנגעהויבן צו קאָרטשען און דרייען און בויגן אין מה יפית זשעסטן. אַלס שמש האָט ער געוואוסט ווי אָפּצוהיטן אַ ספר תורה, אָבער שווערן ביים ארון קודש, אפילו זאָגן דעם ריינעם אמת'ן אמת, איז אים בעפאַלן אַן אימה, דער אייביקער גהינם איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן, זיינע ליפּן זיינען געוואָרן ווי צוגע־קלעפּטע, האָבן זיך נישט געוואָלט עפענען, מיט גרויס ציטער האָט ער ענדלעך אָנגעהויבן אַרויסצושטאַמלען: יאך קנה בן . . .

קיין רעזשי קען דאָס נישט איינשטעלן. דאָס איז געווען קינסט־לערישע פאַרטיפונג און געשטאַלטונג. דאָס איז געווען אַן אריינוואַקסן אין יענער געשטאַלט מיט אַלע ר"מח אברים.

ווי פון הימל ביז דער ערד איז געווען דער אונערשטייד פון זיין קנה קברן ביז זיין ווערא אין „וועלף", ביז זיין דוד קאַרנאָווסקי אין „די משפחה קאַרנאָווסקי" ביז אַלע זיינע אַנדערע ראָלן. קעשיר האָט פאַרנומען אין יידישן טעאַטער די מזרח וואַנט. בלויז שוישפּילער כהנים זיינען זוכה געווען דעם כבוד. אַ יידישער קונסט טעאַטער אויף דעם נאָמען איזידאָר קעשיר דאַרף זיין דער היכל, וואו זיין קונסט זאָל פאַראייביקט ווערן, וואו די געשטאַלטן וואָס ער האָט געשאַפן זאָל ווערן טראַדיציע.

געטומלט אין טעאַטער מיט די און מיט יענע,
געשיינט אין דעם אָפּשיין פון בינע־שטראַלן,
ער האָט מיט ליבשאַפט געשפּילט זיין לעצטע סצענע,
ביז ס'איז זיין לעצטער פאָרהאַנג געפאַלן.

שוואַרץ־אַפּל׳דיק

ווען חנה אַפּל האָט זיך באַזעצט אין יידישן טעאַטער אין רומעניע, האָט זיך איר מאַמע געוואָלט זעצן שבעה, אָבער ווען זי האָט דערהערט די שטים פון פאָלק האָט זי, איידער זי האָט זיך נאָך אַוועקגעזעצט אויפגעהויבן און זיך אַוועקגעזעצט אין טעאַטער, ביז איר צער האָט זיך אינגאַנצן געזעצט.

חנה אַפּל איז אַ וואָרט קינסטלערין אין פּולן זין פון וואָרט, מען גלויבט איר אויפן וואָרט, יעדעס וואָרט, אַפילו דאָס וואָס זי דערזאָגט נישט, עכאָ׳ט אָפּ ביים צושויער און מען גלויבט איר. קריטיקער זענען אָפט צוטיילט מיט זייערע מיינונגען וועגן פּיעסן אין וועלכע זי שפּילט. — טייל זאָגן אַז בלויז האַלב פון דער פּיעסע טויג און די אַנדערע זאָגן, אַז בלויז האַלב פון דער פּיעסע טויג נישט, אָבער וועגן חנה אַפּל האָבן זיי איין מיינונג, — די בעסטע· זיי האַלטן, אַז מאַדאַם אַפּל אַפּעל׳ירט און מאַדאַם׳ענירט אין אַלץ וואָס זי שפּילט זי פּאַרטיפּט זיך און איז קיינמאָל נישט סתם־אַפּל קיין ראָל.

זי שפּילט קיינמאָל נישט קיין ראָלן, זי לעבט זיי, בלויז אין דער פּראָפעסיע שפּילט זי איינע פון די וויכטיקסטע ראָלן. זי איז נישט קיין „סטאַר", נאָר אַ גאַנצע שטערן קאָנסטעלאַציע. חנה אַפּל רעדט

קיינמאָל נישט וועגן זיך, אַנדערע אַקטיאָרן טוען עס וועגן איר, ווען זיי ריידן נישט וועגן זיך.

אין „גאָט פון נקמה" מיט רודאָלף שילדקרויט, איר צו לאַנגע יאָר, האָבן אַקטיאָרן און דער עולם נישט געקענט אַנטשיידן ווער עס איז בעסער און גרעסער, שילדקרויט אַלס יאַנקל טשאַפּטשאָוויטש אָדער חנה אַפּל אַלס די „מומע" שרה.

איר „טיקערן" אין „יאַשע קאַלב" איז געווען אַ קרעאַציע וואָס איז באַזונגען און באַמאָלן געוואָרן מיט די קאָלירפולסטע לויב־געזאַנגען. זי שפּילט אויס דאָס וואָס דער רעזשיסער און דער מחבר האָבן נישט דערשריבן און נישט אויסרעזשיסירט.

זי איז אי אַ פּיאָנערין אי אַ זייל פון יידישן קונסט טעאַטער. בלויז ווען זי האָט געשפּילט אויף בראָדוועי אין ענגליש, אָדער אויף דער ראַדיאָ, אָדער אין פילמען אין האַליוואָוד, האָט זי אויסגעפעלט אין יידישן קונסט טעאַטער,—אָבער טאַקע גאָר שטאַרק אויסגעפעלט.

אויף די אייראָפּעאישע נסיעות פון קונסט טעאַטער האָט מאָריס שוואַרץ אין יעדן לאַנד באַזונדער און אומעטום אויפסנייַ זיך גע־ריסן די האָר פון זיין נאַטירלעכן פּאַרוקל, לּמאי חנה אַפּל האָט נישט געקענט אָדער נישט געוואָלט מיטפאָרן.

דער נאָמען אַפּל איז נישט קיין געקינצלטער בינע נאָמען כדי ער זאָל לויטן אַלף־בית שטיין דער ערשטער אויפן אַפיש, זי איז געבוירן געוואָרן צו זיין די ערשטע און זי איז עס טאַקע.

זי איז אַ מאַמע פון צוויי קינדער, אָבער אין דער טעאַטער משפחה איז זי די ערב-מאַמע פון אַלע אַקטיאָרן.

חנה אַפּל איז אַ גרויסע קינסטלערין אפילו אין דער קלענסטער ראָל. אין מאָרים שוואַרצ׳ס יידישן קונסט טעאַטער איז זי די שוואַרצ־אַפּל פון דער טרופּע און די שוואַרצאַפּלדיקסטע קינסטלערין.

עס האָט די בינע תמיד געבראָכן
יעדן צוזאָג, וואָס זי האָט מיר פאַרשפּראָכן,
נאָר זי איז אויך געבליבן געדולדיק,
ווען איך בין איר געבליבן שולדיג.

טעספיאנ׳יצע

בערטא גערסטינס שפילן איז ליריש, מוזיקאליש,
אירע טענער בע׳טעס׳ט פאטעטיש דוזע-קאליש,
גאָר אָפּט איז זי מעלאָ-סארא בערנהארד׳ציק,
אפילו ווען זי איז געטאָנט מאָרים שווארצ׳יק.

מיט ברען און התמדה און ענטוזיאזם,
זי איז טעאטראליש, דאָך גאָרנישט מגזם,
צו פאָלגן רעזשי איז זי תמיד פּארטיק,
נאָך יעדער השפּעה זי בלייבט אייגנארטיק.

זי שפּילט היסטריאָניש און איז שטארק עמפּאטיש,
אין דראמע, קאָמעדיע, מען גלויבט איר פאנאטיש,
אויף א פּולער בינע זי איז זיך מגלה,
זי ווערט און זי בלייבט די פיגור די צענטראלע.

דער פרימאדאָניס

שוין מער ווי פערטל יאָהרהונדערט, אַז מיכאל מיכאַלעסקאָ איז דער פּרימאדאָניס און פּרימ'אדון פון דעם אָפּערעטיש באוואוסטזיניקן און אומבאוואוסטזיניקן עולם. אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער איז ער געווען און איז פּונקט אזוי באַליבט און באַרימט. יאָרנלנאַגע וואַנדערונגען און וואָגלעינישן האָבן אים דערוואָרבן די מדרגה.

צו ניין יאָר איז מיכעלע ווייסבלאַט געבליבן אַ קיילעכדיקער יתום. אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ מחיה'דיק שטימעלע צום זינגען, האָט ער זיך פאַרדונגען צו אַ חזן און ביי אים האָט ער אַ פיר־פינף יאָר געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. ער האָט דורך דער צייט אָפּטמאָל געדאַרפט אסך מער אראָפּשלינגען, ווי מען האָט אים געגעבן צום עסן, פלעגט ער דערפאַר שלינגען שמר'ס ראָמאַנען, חלום'ען פון גראַפן, באַראָנען, פּרינצן און ענליכע אָ'רעמאַנטישע העלדן און ווארטן אויף ניסים און זיך האָדעווען מיט נאָטן.

אַן אונטערגעוואַקסענער האָט ער בגנבה געמאַכט זיין דעביו אין דער טיטל־ראָל פון גאָלדפאַדנ'ס „בר כוכבא" מיט אַ דראַמאַטישן קרייז, נושא חן געווען ביי אַ דירעקטאָרל פון אַ טרופּעלע און אריינ־

געשטעלט דעם ערשטן פוס אין טעאטער. דריי חדשים שפעטער האט ער באוויזן א נס און אריינגעשטעלט דעם צווייטן פוס און אויך געווארן דער רעזשיסאר פון דער טרופע.

אן אנטלאפענער, אן א פאספארט, וואנדערט ער פון שטאדט צו שטאדט און פון פאספארט צו פאספארט. א געוויסע צייט האט ער געשפילט „דער לעבעדיקער מת" סיי אויף דער בינע און סיי אויף דער בינע פון לעבן, מיט א פאספארט פון א טויטן.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האט מיכאלעסקא געוואלט טויזנטער מאל שטארבן מיט געזאנג און טאנץ אויף דער בינע איידער איינמאל פארן צאר באטיושקא, איז ער אנטלאפן קיין ווארשע און געשוויגן אזוי לאנג ביז די דייטשוקעס זענען אנגעקומען. דארט אין יענער צייט האט ער לעגאליזירט זיין נאמען מיכאלעסקא און גענומען באריטט ווערן אלס רעפארמאטאר פון יידישן אפערעטן טעאטער, איינפירנדיק און אויפפירנדיק אייראפייאישע אפערעטן אין וועלכע די אלט-פרענקישע פינטעלע־איד טרובאדוראקעס און סערע־נודניקעס האבן נישט געקענט זינגען קיין נאט אדער פארדינען א באנקנאט. ער האט דארט געשאפן אן עפאכע וואס האט אנגעהאלטן א לאנגע צייט אויך נאכדעם ווי ער איז אוועק קיין אמעריקע.

אין יאר 1921 איז ער מיט אייראפעאישער גראציע באשטיגן דעם טראן פון סעקאנד עוועניו און ווען ער האט אויך דארט געוואלט רעפארמירן, האט ער זיך אנגעשלאגן אן בלייענע קעפ פון ארכי־עם־הארצישע קולטור־טרעגער־יונגגען פון יידישן בראד־וויי־איז־אונז און ער איז פארמעלאדראמאטעוועט און פארמיוזיקעל־קאמעדי'ט געווארן.

פון צייט צו צייט שפילט ער אין דיזעלבע אפערעטן אין וועלכע ער איז געקרוינט געווארן אלס פרימאדאניס און פרים'אדון. מיכא־לעסקא האט נאך נישט אפגעשפילט און זיך נאך נישט אויסגעזונגען ווייל ער איז אויך אן ערשט-קלאסיקער שוישפילער. ער איז אפילו א שוישפילער אין אזעלכע פיעסן אין וועלכע עס איז ממש א פארברעכן צו שפילן, באגייט מיכאלעסקא דעם פארברעכן און שיינט און באשיינט און בא'חנ'ט און פאר'מיכאלעסקאוועט די טיפן און געשטאלטן פון אפהענטיקע און אנקעפיקע פארפאסער און זיי, (די כאראקטערן, נישט די פארפאסער) קריגן א תיקון. אין די פיעסן וואס ער שפילט איז נישט „דער שפיל איז די הויפט־זאך", נאר מיכאלעסקא איז די הויפטזאך און אלץ מיט־אנ־אנדער.

מיט ווען ער זאל נישט זיין אויף דער בינע איז ער תמיד די צענטראלע פיגור.

פוילעזאפיע

פאַרנעפּלט און פאַרשטעלט
ווערט דער האָריזאָנט דער שענסטער.
ווען מען קוקט אויף דער וועלט,
דורך פאַרשטויבטע פענסטער.

ווען מיזעט אייגעם לאַכן צופרידן אין פריידן,
טראַכט ווי שווער דאָס איז אָנגעקומען יענעם,
ווייל פאַר יעדן עולם־הזה׳דיקן גן־עדן
דאַרף מען דורכגיין אַלע שבעה מדורי גיהנום.

דערלאנג פון אלץ מיט בידע הענט
די וועלט דאַרף דיינע טובות,
צאָלן וועט זי דיר פּראָצענט,
מיט שטיינער פאר די חובות.

אָפט וויל מען זיך באַגראָבן,
כדי מער קיין פאַפיר נישט צו פאַרדאַרבן;
מען ווינשט זיך דער טויט,
נאָר מען ווינשט זיך נישט צו שטאַרבן.

אַ פאַקט פאַרגייט, אַ וואָרט באַשטייט,
אַזוי האָט דאָס פאָלק אָנגעשריבן,
נאָר פעטש, וואָס זיינען אין לשון פאַרקליידט,
ווערן קיינמאָל נישט אָפּגעריבן.

מען הערט געוויסע מענטשן קלאָגן;
די וועלט איז פינסטער, שלעכט און שווארץ.
ס׳איז מעגלעך, אז די מענטשן טראָגן
א שטארקן חושך—ביי זיך אין הארץ.

צוליב כל־ערליי סיבות טראָגן מענטשן מאַסקעס
און גייען ארום פאַרשטעלט,
נאָר ס׳יעט קומען אַ צייט, ווען פון פאַלשע לאַסקעס
וועט פריי זיין די גאנצע וועלט.

דער קאמיקער פאר שוישפילער

מיכאל ראָזנבערג׳ס ערשטע ראָלן זיינען געווען מימישע. זיין דעביו האָט ער געמאַכט מיט אסך טעמפּעראַטור און געטרייסלט אַ לולב. אין זיין צווייטער ראָל האָט ער געטראָגן אַ ביקס און קיינעם נישט געשאָסן. אין משך פון איניקע סעזאָנען איז ער אַן אומבאַמערקטער אין קונסט טעאַטער געשטיגן ביז דעם העכסטן גאָרן פון די גאַרדעראָב צימערן וואו עס פלעגן זיך פארשטעלן די פאָלקס־ראָליסטן און מאסנ־ראָליסטן. פאָלקס־ראָליסטן זיינען אַזעלכע וואָס שפּילן איינעם פון אַ פאָלק און מאסנ־ראָליסטן זיינען אַזעלכע וואָס שפּילן אַ מאַסע קליינע ראָלן אין איין פּיעסע. ווען מאָרים שווארץ האָט אים צו דער עלפוניינציקסטער פּיעסע אָנפארטרויט אַן אינדיווידועלע ראָל מיט איין אינדיווידועלן וואָרט „הללויה״, האָט ראָזנבערג נאָך לאַנגע פּראָבן, ביי דער פּרעמיערע געעפנט זיינע לעפצן און אוועקגעח׳לש׳ט.

אין אים איז שטענדיק געזעסן אַן אומרו. אַלס אינגל איז ער געווען אַן אָנפירער פון אַ חברה ווייסע חברה׳ניקעס. אין אַ געווויסן זומער האָט אים זיין פאָטער אַרויסגע׳פּטר׳ט צו אַ פעטער אויף אַ דאטשע. נאָך איניקע טעג איז מיכעלע צוריקגעשיקט געוואָרן מיט אַ בריוול נעמט אייך צוריק אייער בנ׳קל און שיקט מיר אריין

די גאנצע משפחה אפילו מיט אלע זיינע ווייסע חברה'ניקעס. אין טעאטער האט ער געפּראוווט פּענטן זיין וויבריערעוודיקייט נאר צום פירטן סעזאן האט ער עקספּלאדירט.

אויף „קידוש השם" און פּיעסנווייז האט ראזנבערג גענומען וואקסן אין ראלן, גאזשן און טאלאנט. ער איז א קרישטאל-ריינער שווארץ־פּראדוקט. ער האט אנגענומען אלע קאלירן פון זיין רבי'ן, נאר ער איז נישט געווארן קיין אימיטאטאר פון אים.

זיין שעדעווער איז געווען „משה חסיד" אין „יאשע קאלב". נישט בלויז האט דער עולם אין טעאטער געקייכט פון געלעכטער נאר אפילו הינטער די קוליסן האט ער אסך אקטיארן געגעבן א שטעכעניש אין די זייטן מיט זיין אייגנארטיקן קאמיזם. ער איז אנערקענט געווארן אלס קאמיקער פאר אקטיארן, צוליב זיינע הארי־קארי־קאטורן פון אקטיארן.

ראזנבערג האט דעם כח מחיה מתים צו זיין דעם טויטסטן עולם און ארויסרופן געלעכטער מיט בלויז א זשעסט, מיט בלויז איין ווארט, מיט בלויז איין בליק און נישט בלויז אויף דער בינע. אפילו אין פּריוואטן לעבן קען ער דעם אומבאוועגלעכסטן פּארצעלייע־נעם פּנים צושמייכלען אפילו אן איינגעשטודירטער, אייגנע'חזר'טער אדער אייגנע'חזיר'טער פּראזע אדער מימיק.

און פּונקט ווי ער האט זיך קונה שם געווען אלס קאמיקער, האט ער זיך אויך געשאפן א רענאמע מיט זיין כסדר'דיקן שפּעט קומען צו פּראבן, פּארשטעלונגען און אפילו קאנצערטן. דאס איז זיינע א כראנישע טראגעדיע וואס איז גארנישט אזוי קאמיש נאר פול מיט קאמיזם. אבער זיינע פּאנטאסטישע תרוצים האבן אים תמיד ארויס־געהאלפן.

אפילו א שטייעדניקער זייגער איז צוויי מאל אין מעת לעת אין צייט, נאר ראזנבערג קיינמאל נישט. צו די פּראבן אין קונסט טעאטער פּלעג ער ארייגפאלן א פּארסאפּעטער און פּארשפּעטיק־טער און געטראגן פינף גלעזער וואסער אדער אייניקע פלעשער מילך, וויסנדיק, אז שווארץ ווערט שיכור פון די פליסיקייטן, און דעם געלעכטער צוליב דעם פלעגט ער זיך ארויסדרייען פון א שטראף. ער האט איינמאל שוין געהאט באשטעלט א קו כדי זי מיטצונעמען צו א פּראבע פאר א תירוץ, אבער איך וויים, האט ער געזאגט, אז שווארץ טרינקט נישט קיין פּאסטעריזירטע מילך. ראזענבערג האט צוויי טעכטער און האט יארנלאנג געוואוינט אין איין דירה און האט נאך זיינע מאנדלען אין האלז און ציין אין מויל. אבער

לויט זיינע תירוצים איז זיין פרוי געלעגן געוואָרן יעדע צווייטע וואָך, ער פלעג זיך אַריבערציען אין אַ נייער דירה יעדן חודש און מען פלעג אים שניידן די מאנדלען און רייסן די ציין יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק. איינמאָל אין אַ ברענענדיקן הייסן זומערטאָג אין אַן אויגוסט, ווען ער איז געקומען בלויז צוויי שטונדן שפּעט, האָט ער אַלס תירוץ אָנגעגעבן, אַז ער איז געבליבן שטעקן אין טיפן שניי, ווייל אין זיין געגנט פון דער שטאָדט איז געווען אַ גרויסע שניי זאַווערוכע.

פונקט ווי ער איז אָריגינעל מיט זיינע תרוצים אַזוי איז ער אויך אין ראָלן און אויף קאָנצערטן. זיין היים האָט ער קיינמאָל נישט פאַרוואַנדלט אין קיין בינע, אָבער די בינע איז פאַר אים אַ היים און מיט אַקטיאָרן איז ער היימיש און איז ביי זיי באַליבט פונקט ווי ביי דעם עולם.

שוואַרץ האָט אויפגעבלאָזן אין ראָזנבערג'ן דעם פונק פון חיס־טריאָנישקייט און אים אויך אַנטוויקלט. איצט פינקלט ראָזנבערג פלינק מיט פונקען פול מיט האַרציקן, שטיינערישן יידישן קאָמיזם און אפילו ווען ער איז שפּעט איז ער תמיד אין צייט. איינער וואָס אַרבעט מיט די הענט איז אַן אַרבעטער, דער וואָס אַרבעט מיט די הענט און מיטן קאָפּ איז אַ טאַלאַנט און דער וואָס אַרבעט מיט די הענט און קאָפּ און מיט'ן האַרץ איז אַן אַרטיסט, ראָזנבערג אַרבעט מיט אַלע רמ"ח אברים. מיט גרויס ליבשאַפט האָט שוואַרץ ווענן אים געזאָגט: „איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, ווען מיכל ראָזנבערג קומען שפּעט צו זיין אייגענער לויה און דער טרויריקער עולם וועט אויסשיסן מיט אַ געלעכטער".

הער אויף צו קלאָונען, זיי נישט קיין שפּאַסער,
טו אַלץ ריכטיק, ווי עס דאַרף צו זיין.
ברענט דיין קאָפּ, לעש אים מיט וואַסער,
ברענט דיין האַרץ, פאַרלעש עס מיט וויין.

אפשר׳יזמען

דער גאַנג צום ריכטיקן וועג איז נישט גלאַטיק,
נאָר שטאַרקע הענט און פּיס און אַ מוח אַ געזונטער
וועלן מיט קונציקע שפּרונגען און מיט אקראָבאַטיק
יעדן שטער פאַרמיידן—און אריבער, נישט ארונטער.

פּאַראַן גוטע און אויך שלעכטע זייטן אין יעדן,
וואָס זענען פאַר מענטשן לייכט צו אונטערשיידן,
צי ווינטשט מען אונז דעם גן עדן אָדער׳ן גהינום,
הענגט אָפּ פון דער זייט וואָס מיר ווייזן צו יענעם.

די וועלט איז גלייכגילטיק צו דיינע צרות,—
דאַריבער דאַרפסטו קעמפן און שטרעבן,
נישט צו פאַרבלייבן אַ גייסטיקער סריס
אָן זין און אָן אַ צוועק אין דעם לעבן.

אַז מענטשן געוויסע האָבן דיך בלויז פּיינט,
דאָס שלאָג זיך אַרויס פון זינען,
זיי האָסן די וועלט, און דו, מיין פריינט,
ביזט דאָ אין סאַמע דערינען.

דורך בלייבן אַ נאַרישער סנאָב
ווערט קיינער קיינמאָל נישט בעסער:
מיט זיין אַ זשלאָב, עקשנותדיק גראָב
ווערט בלויז די נאַרישקייט גרעסער.

אַ יעדע געטלעכע יצירה איז פּערפעקט,
אַ גרויסער נס איז פאַרבאָרגן דערין,
ווייל יעדער פאַרקריפּלטער אינטעלעקט
איז טאַקע אַ קאַליקע אין פולסטן זין.

אַ הומאָריסט מוז נישט דוקא זיין אַ פּאַן
מיט אַ חיהישן הינטן און ציגענע פּאָדקאָוועס
נאָר ער מוז זיין אַ סאַטיר און ספּאָנטאַן
בליצן מיט גלענצנדע מחשבות.

טעכנאָ־קרעאַטיוו

משה שטראַסבערג איז אַ „סעלף מעיד מען”, ער וואַרפט אויף קירנעם נישט די שולד. זיין ערשטער שריט אויף דעם וועג צו אומשטערבלעכקייט איז געוועזן זיין געבוירן ווערן. צו אַכט יאָר האָט ער געמאַכט זיין קינסטלערישן דעביו אַלס „המן” אויף דער בינע פון די לעמבערגער גאַסן. ער איז געוועזן אַ דירעקטאָר פון אַ כאַפּטע ייִנגלישע פּורים-שפּילער, ער האָט די כאַפּטע דירעקטירט צו גיין דירעקט צו דעם גביר אָדער דירעקט צו אַן אַנדערן, וואו זיי האָבן געזונגען:

הײנט איז פּורים, מאָרגן איז אויס,
גיט אונז אַ גראַצער און וואַרפט אונז ארויס.

ווערן אַרויסגעוואָרפן און אויסגעריסן האָט יאָרנלאַנג דאָמינירט זיין עקזיסטענץ.

אין אַ קליין אַלקערל פון בנין פון לעמבערגער בית המדרש איז זיין וויגל געשטאַנען, דאָס אַלקערל איז געוועזן אַזוי קליין, אַז מ׳האָט דאָס וויגל נישט געקענט וויגן, האָט מען אים אַרויסגענומען און געשאָקלט. זייער יונג זענען זיינע עלטערן אוועקגעריסן געוואָרן פון אים. זיין שוועסטער און שוואָגער, אַ צימער־מאָלער, און די גאַס האָבן אים מגדל געוועזן פון דער נידריקסטער אָרימקייט ביז צום העכסטן דלות. ער האָט אָפטער געלעבט פון מויל צו האַנט, ווי פון האַנט צום מויל, מיט שטיפערישקייט האָט ער זיין הונגער פאַרטריבן.

בשעת אידן האָבן זיך אין בית המדרש צוגעהערט צו די מגידים, וואָס פלעגן דאָרט גאַסטראָלירן, האָט ער פאַרפלאַכטן גאַרטלען און צוגעבונדן יידן צו שטענדערס.

בשעת שלוש סעודות'ן האָט ער געוואָרפן צום מזרח וואַנט האַנטיכער געטונקען אין די פאַרבן פון זיין שוואָגער, אָדער אין סאַזשע פון קוימען. די נויט האָט אים אינספּירירט צו גיסן דריידלעך, מאָלן קוויטלעך, שניצן גראַגערס און ל"ג בעומר ביקסלעך.. געוואָרן אַ גאַנצער מעכאַניק. ער האָט געקענט פאַר־ריכטן אַלץ וואָס עס איז אים געקומען אונטער די הענט. פלעג מען זיך שטאַרק היטן פון אים. ווייל ער האָט זיך צו דעם אויסגעטווינט ווי אַ קאָוואַל צו זייגערלעך. ער פלעגט טאַקע וועלן פאַרריכטן זייגער־לעך, מעסערלעך, פיל־פעדערס, צוערשט האָט ער זיי צענומען און נאָכדעם פאַרריכט אַזוי ווי ניי, אָדער כמעט ווי ניי, — (ווען זיי וואָלטן געווען ניי, וואָלט מען דאָך נישט געדאַרפט פאַרריכטן) . . . צו זיין בר מצוה האָט מען אים געשיקט צו ווערן אַ שיק־אינגל ביי אַ דענ־טיסט, עס האָט נישט לאַנג גענומען איז ער אַליין געוואָרן אַ שיקער, ווייל ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט צו ווערן אַ גוטער ציין־טעכניקער.

די ערשטע פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער מיט וועלכע ער איז גע־קומען אין קאָנטאַקט, זיינען פאַר אים געבליבן זיצן מיט אָפענע מיילער. ער פלעגט אַריינקוקן טיף אין זייערע מיילער און דאָרט געפונען גאָלד, — וואָס ער האָט דאָרט באַגראָבן. ער האָט אָנגע־הויבן צו רייסן, שלעפּן און שלייפן און איבערגעבויט מיילער ביי אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט זייערע באַקציינער פון פאָרנט, אַסך פון זיי האָבן אָנגעהויבן צו רעדן אָן באַקציינער. אין גימפּלס אידישן טעאַטער האָט ער דערזען די ערשטע גרויס־זאַמע פאָרשטעלונגען און ער האָט מער נישט אָנגעהויבן אויפצוהערן צו וועלן ווערן אַ שאַו־שפּילער.

אין לעמבערגער יעקב גאָרדין פאַריין האָט ער זיין מויל געעפנט, געוואָרן אַ דראַמאַטאָר. צווישן איין צאָן און אַ צווייטן, וואָס ער האָט ביי אַנדערע געריסן, האָט ער זיך געריסן אויף די ציין און גע־לערנט ראָלן, ביז ער האָט זיך אַרויסגעריסן קיין אַמעריקע און אין יאָר 1919 געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנאַלער קוליסן־רייסער פון אידישן קונסט־רינג און זיך צוזאַמען מיט אַנדערע דול־עטאַנטן פון דעם דראַמאַ־פּלאַזש חדר זיך אַריינגעריסן אין יידישן קונסט טעאַטער.

ווערן אויסגעריסן איז ביי אים, פּונקט ווי ביי יעדן אַקטיאָר, געווען אַסך ליבער ווי צו ווערן אַראָפּגעריסן אָדער אָפּגעריסן פון דעם טע־

אטער. מיט אָפענע אויגן האָט ער זיך אויסגעלערנט צו לעבן פיר און צוואַנציק שעה אַ טאָג אין דעם קאַלירפולן לעבן, בלויז די קאַלירן פון קאָרטן האָט ער קיינמאָל נישט געלערנט און נישט געוואָלט לערנען. שוין אַלס אינגל פלעגט ער זיך צוקוקן צו אַלץ און אַלץ האָט זיך אָפּגעקריצט אין זיין מח. ער איז געוואָרן ווי אַ שפּיגל, וואָס ציינט וואָס מען ציינט אים, אָבער פאַמעלעך האָט ער אָנגעהויבן צוצוגעבן זיין אייגנס. אין דער טעאַטער פּראָפעסיע ווערט ער גע־רימט אַלס גרים-מייסטער. ער רייסט אויף די אויגן מיט זיינע אויס־טערלישע גרימען. די טיפּן וואָס ער האָט געזען אין בית המדרש און אין די גאַסן זענען פאַרבליבן אין זיין זכרון און ווען ער דאַרף כאַראַקטעריזירן אַ ראָל נעמט ער אַטאָמען פון אַ צענדלינג פון זיי און שאַפט איין קאָמפּאָזיציע, ער שפּיגלט נישט און אימיטירט נישט קיין איינציקע פיגור. ער קען אַפילו פאַרגרימירן אַ גייסטיקן הויקער אויסצוזען אַזוי גלייך ווי אַ טשוואָק, נאָר מיט אַ ווייכערן קאָפּ, און פון איינעם וואָס איז אַזוי דאַר ווי אַ יידישער הונט אין די ניין טעג, קען ער פאַרוואַנדלען אויסצוזען ווי קאַפּיטאַליסט פון דער מזרח וואַנט.

זיינע ראָלן וואָס זיינען אין אָנהויב געווען מיקראָסקאָפּישע, זענען געוואָרן וואַגיקער און אָנגעזעענער, אָבער צווישן איין סצענע און דער צווייטער האָט ער מיט זיינע פלינקע פינגער אָנגעהויבן צו מאָדעלירן פּנימער און מאַסקן און געשאַפן אָריגינעלע סקולפּטורן, באַקליידט זיי און באַשיינט זיי מיט גרימאַסן און האָר, דאַריבער האָט ער ביז'ן היינטיקן טאָג נישט קיין דרך ארץ פאַר קיין נרוי פאַריקל. אַלס ענגלי־שער שוישפּילער איז ער נישט געווען ווייניקער פּאָפּולער און גע־וואַנדערט פון דייוויד וואָרפילד'ס „שיילאָק" צו אַנדערע ענגלישע אויפפירונגען. אונטער אַנקל סעם'ס רעזשי, אין פעדעראַלן טעאַטער האָט ער זיך אויסגעצייכנט אין דער טיטל ראָל פון „פּראָפעסאָר מעמ־לאָק" און אין אַנדערע ענגלישע פּיעסן פּונקט ווי אין יידישן קונסט טעאַטער. ווען די וועלט איז אַראָפּ פון זינען און אָנגעהויבן שיסן איז ער געוואָרן אַ פּאַטריאָט־טוער, און געהאָלפן פאַבריצירן ביקסן, נישט קיין ל"ג בעומר ביקסלעך, נאָר טאַמי־גאָנס. ווען אַמעריקע האָט שוין געהאַט מער ביקסן, ווי עס זיינען געבליבן מענטשן צום שיסן, איז ער צוריק אריין אין קונסט טעאַטער און איבערגענומען די אויפזיכט פון דער בינע, געגעבן דעקאָר־עצות און געשפּילט ראָלן צוזאַ־מען מיט אַלערליי אינסטרומענטן, עלעקטרישע, מעכאַנישע, סקולפּ־טאָרישע, געשאַפן מאַסקן, געשניצט און געבויט מאָדעלן פאַר דעקאָ־ראַציעס, פאַרן טעאַטער און פאַר זיך געגאָסן און גראַווירט גאָלד און

זילבער פּאַר רינגען, אוירינגלעך און אַנדערע חפצים, פּונקט ווי אַמאָל דריידלאַך, אָדער אויסגעבלאָזענע אייער. די רינגען אויף די פינגער אין זיין ראָל „דער דוכוס" אין „שיילאָק און זיין טאָכטער", זענען פּונקט ווי דער גרים און דער גאַנצער געשטעל נישט קיין אויסגע־בלאָזן איי, נאָר פיינע האַנט־געשאַפענע חפצים, טיף פּאַרטראַכטע שאַפונגען.

איצט רייסט מען זיך איבער אים. נישט אַזאַ רייסעניש, וואָס איינער וויל ער זאָל זיין ביי אַ צווייטן, נאָר מען וויל אים, מען דאַרף אים, ווייל ער איז דער נוצלעכסטער טעכנאָ־קרעאַטיוועסטער אידישער אַקטיאָר און בינע מייסטער.

אינזיכאָלאָגיע

די טאָטן פון מיין לעבן — נישט געווען אַזוי טיכטיק,
מיינע מעשים און געדאַנקען — פאַרעוועט און פלאַך;
נאָר מיין אויטאָביאָגראַפיע וועט אַלץ מאַכן וויכטיק,
ווייל מיט פאַרבן גרימירט זיין וועט יעדע זאַך.

איך אַנטלויף פון פעסימיסטן, מרה שחורה אָראַטאָרן,
וואָס דרש'ענען, אַז אַלץ איז באַנאַל און אויסגעדראָשן.
לויט זיי איז די וועלט לאַנג שוין חרוב געוואָרן —
נאָר זיי טראָגן אין העלע טעג שירעמס מיט קאַלאָשן.

איך קאָן מיין פנים נישט באַוועגן צו קיין שמייכל,
מיט טאַנדעטנע, קאַבאַרעטנע וויצן אַלאַ קאַרטיל,
זיי קאָנען זיך מיר פשוט נישט לייגן אויפן שכל,
ווייל זיי ווערן געצילט בלויז נידעריקער פון גאַרטל.

די „יידישע דוזע״

משה טארלאָווסקי, אלעקסאנדער גראנאך און מענדל מייער אלס געפאנגענע עסטרייכישע סאלדאטן אין אן איטאליענישן לאגער

משה טארלאָווסקי האָט ליב צוצומאַכן זיינע אויגן און חלום'ען פון זיין גרויסקייט ווען ער איז געווען „די יידישע עלעאָנאָר דוזע״ אין איטאַליע.

אַ גראַדואירטער דראַמאַטאָר פון „יעקב גאָרדין דילעטאַנטן פעריין״ אין לעמבערג, האָט ער צוויי יאָר ציגיינערט אין גאַליציע און בוקאָווינע און ווען ער האָט זיך ענדלעך דערשלאָגן צום גימפּל־טעאַטער אין לעמבעריק האָט אויך אָנגעשלאָגן די ערשטע וועלט־מלחמה און ער

האָט געקראָגן אַ ראָל אין וועלכער ער האָט זיך בעדאַרפט שלאָגן פאַר דעם גאַליציאַנער קייזער.

טאַרלאָווסקי האָט זיך אָנגעטאָן זיין נייעם אוניפאָרם, זיך מושטירט, רעפּעטירט און זיך מיט שוויים גרימירט פאַר זיין אַרבעט. אָבער נאָך איידער ער האָט דערלאַנגט דעם ערשטן שאָס, באַלד ביים ערשטן אויפטריט אויף דער מלחמה בינע, האָבן אים די איטאַליענער גיבורים אין אַ סטראַטעגישן ריקצוג געפאַנגען און אים אַוועקגעשיקט קיין סיציליע.

דער איינציקער יידישער שוישפילער צווישן טויזנטער יידישע געפאַנגענע איז ער אין לאַגער צוגעשטאַנען צום דייטשן טעאַטער, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון דייטש־יידישן שאָוּשפּילער אַלעקסאַנדער גראַנאַך, אויך אַ געפאַנגענער העלד. טאַרלאָווסקי'ס יידישקייט האָט רעבעלירט געגן דער טעוטאָנישער קונסט און ענדלעך האָט ער ביים קאָמאַנדאַנט פון לאַגער גע'פּועל'ט אַז יידיש טעאַטער זאָל אויך געשפּילט ווערן פּונקט ווי אַלע אַנדערע לשונות.

גראַנאַך האָט צוליב געוויסע סיבות געאָטעמט מיט אייז צו דעם פּלאַן פון יידיש טעאַטער, אָבער טאַרלאָווסקי האָט אים באַזיגט און אויך די מחנות פון עסטרייכיש־אונגאַרישע מה יפת'ניקעס און מאַדיאַריש־בעלזער חסידים און מאָשקעס און ווען ער איז אויפגעטראָטן אַלס „חאַשע" אין יעקב גאָרדינ'ס „חאַשע די יתומה", האָט ער איינגענומען און געפאַנגען אַלע יידישע סאָלדאַטסקע הערצער פון די געפאַנגענע און די ליבעראַלע הערצער פון די איטאַליענישע אָפיצירן אין לאַגער.

נאָך דעם דעביו איז ער געקרוינט געוואָרן „די יידישע דוזע".

טאַרלאָווסקי האָט דאָרט געמיידלט און געוויבערט אין אַסך פּיעסן פון גאָלדפאַדן און גאָרדין רעפּערטואַר, אָבער אַזוי ווי ער האָט אַ שטים פון אַ פּאַווע און נישט געקענט זינגען האָט ער אויפגעהערט צו אימפּערזאָנירן פעמיניסטישע געשטאַלטן, און ווייל עס זיינען שוין אונטערגעקומען יונגערע און מיידלישערע גאַליציאַנער און בוקאָווינער בחורים, האָט ער פאַרביטן די ספּאָדניצעס און בלוזקעס אויף הויזן און קאַפּאָטעס וואָס יידישע סאָלדאַטן האָבן פאַבריצירט פון אַלטע עסטרייכישע קייזער און קעניגליכע אוניפאָרמען און איטאַליעניש קעניגליכע שטרויזעק. פון דעמזעלבן מאַטעריאַל זענען אויך געמאַכט געוואָרן די דעקאָראַציעס אַלץ אונטער דער השגחה פון רעזשיסער „דוזע".

נאָך דער מלחמה איז ער אַראָפּ צו גימפּלען אין לעמבערג, אָבער נאָך אַ קורצער צייט איז ער אַרויף צום ערשטן יידישן קונסט טעאַטער אין ווין, וואו ער איז פאַרבליבן אייניקע יאָר.

אין 1924 איז ער געקומען קיין אַמעריקע און גענומען קעמפּפן פאַר אַן אָרט אויף דעם שפּיל־פעלד פון יידישן טעאַטער, אָבער ער האָט אַ לאַנגע צייט נישט געטראָפן אין ציל אַריין. זיין נאָענטסטער חבר פון לעמבעריק, לודוויק זאַץ, האָט אים באַלד ביי זיין אָנקום קיין אַמעריקע אויפגענומען מיט אַזאַ וואַרעמקייט פון וועלכער ער האָט געקראָגן אַ פאַרקילונג. אין אַסך שטעדט איז ער געוועזן גע־פאַנגען שפּילנדיק, נאָר נאָך אַסך אָנגעשטרענגט.ע אָפּעזיוון איז ער אויפגענומען געוואָרן אין דער היברו עקטאָרס יוניאָן.

אויפן וועג האָט ער געקראָגן אייניקע מעדאַלן פאַר זיין מיליטע־רישער טאַקטישקייט אין קאַנאַדע און אין דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ. אַלס העלד אין „יאָזעפוס" אין קונסט טעאַטער איז ער געלויבט געוואָרן פון גענעראַל מאָרים שוואַרץ, פאַר זיין פאָכן מיטן שווערדל אין דער ראָל פון „פּאַשיסט סוואַן" אין סינקלעיר לואיס'עס „דאָ קען עס נישט געשען". אין פעדעראַלן יידישן טעאַטער האָט ער פון גאַלי־ציאַנער גענעראַליסימאָ מאַרשאַל יהודה בלייך געקראָגן אַ קניפּ אין בעקל.

זאָל דאָס בילדל זיין נאָך אַ מעדאַל אויף זיין ברוסט פאַר זיינע אויסצייכנונגען אויף דער קאַמפּפס־אַרענע פון יידישן טעאַטער.

אפשר׳יזמען

ווען דו קעמפּסט מיט דיין געווויסן,
ביסטו בלויז דעמאָלט צו באַדויערן,
ווען דו האָסט געוואונען
און נישט ווען דו האָסט פאַרלוירן.

ווער באַרימט — און געהאַסט ווערן וועסטו,
נישט בלויז פון דיינע פיינט,
עס וועלן שונאים ווערן דיינע בעסטע
און אינטימסטע פריינט.

מען דאַרף קעמפן פאַר אידייעס, אפילו ווען מ׳איז קליין.
און נישט לאָזן זיך פון אַ „דרייער" אַ גרויסן
פאַרדרייען, פאַרפירן און פאַררייַדן די ציין,
און פון ריכטיקן וועג זיך פאַרשטויסן.

ווען מיר וואָלטן זיך אָפט אַליין ניט געגלויבט,
וואָלטן מיר זיך פון בעסטן פאַרגעניגן באַרויבט.

געדאַנקען וואָגלען אין מיין קאָפּ,
פאַרשווינדן אָן סימנים,
נאָר זיי לאָזן צייכנס, רעטושירטע,
איבער אויף מיין פּנים.

מער און מער נישט צופרידן פון קיינעם
איז דער, וואָס איז צופרידן מיט זיך איינעם.

די וועלט איז גרייז און גראָ און אַלט,
ס׳איז קיין נייעס גאָר נישטאָ,
נאָר פאַר אויגן אין אַ יונג געשטאַלט,
איז יונג און ניי אַ יעדע שעה.

מען קען נישט געפינען קיין שכל ביי קיין נאַר,
מען זאָל אפילו זוכן ביי אים מיט ראַדאַר.

אויב געוויסע מענטשן האָבן דיך נישט גערן,
זאָלסטו זיך דיין שלאָף נישט לאָזן שטערן,
ווייל וואָלסטו נאָר אַביסל פּערפעקטער געווען
וואָלסטו נאָך פיל ווייניקער פריינטשאַפט געזען.

געניע איז אַ טראָפּן איינפאַל און אַ טראָפּן שווייס
און אַ גרויסער ים פון מי, ענערגי און פלייס.

מען דאַרף זיך פון שכל נישט לאָזן רעגירן,
און נישט רעאַגירן מיט בלויז לאָגיק און וויסן,
דאָס האַרץ מעג טרוימען און פאַנטאַזירן
און מיט צויבער־שפּיל זיך דאָס לעבן פאַרזיסן.

עס איז לייכטער אַ האָר אין צווייען צו שפּאַלטן,
ווי עס איז אַ נאַרישן פּיסקאַטש איינצוהאַלטן.



קרעשטשענדאָ

באַרימטקייט ווערט נישט סאַרווירט אויפ'ן טעלער פון הימל. מען דאַרף זיך גוט אָנמאַזאָליען די מוסקולן, ביים דראַפּען זיך אויף דעם שטריק־לייטער פון דערפאָלג. די קונץ ווערט נאָך שווערער, ווען מען האַלט אין דער האַנט אַ באַטאָן.

רומשינסקי איז נישט בלויז אַ פּראָדוקט פון יידישן טעאַטער, ער איז זיין אויסדרוק, ער אַליין האָט דעם אויסדרוק באַשאַפן. אים געגעבן טעמבער, פּראָפונדאָ'ס און קרעשטשענדאָס. ער האָט אין דער יידישער טעאַטער־מוזיק אַריינגעבראַכט טעמפּאָ, טעמפּעראַמענט אָן דעם אַקצענט אויף טעמפּ. זיינע טענער האָבן ווי זמירות אַריינגעטריפט אין הערצער, טראָפּ נאָך טראָפּ, מיטן יידישן טראָפּ און מיט טראָפּישער יידישקייט, אָבער קיינער האָט פון זיינער אַן אַריע נישט נעקראָגן קיין מאַלאַריע.

אַלס קאָמפּאָזיטאָר איז ער קיינמאָל נישט געווען קיין אָפּעראַ'זיסט, נאָר דער יידישסטער און תמוז'יקאַלישסטער טאָן-מכשף, וואָס האָט געגאָשט און געשעפּט פון זיינע גע'היימע'שע פֿאָלקסטימלעכע קוואַלן און זיי פֿאַרוואַנדלט אין רוישענדע, בארוישענדע און רושם'דיקע קלאַנג-כוואַליעס, וואָס האָבן פֿאַרפֿלייצט דעם טעאַטער-גייער.

ער און דזשאַרדזש גוירשווין און קאָל פּאָרטער האָבן אין איינער און דערזעלבער צייט געשאַפֿן אַ ניו יאָרק'עסטער וואָס האָט אָפּגע-קלונגען וואו די וועלט האָט אינסטרומענטן, קלעזמער און אויערן.

רומשינסקי האָט געשאַפֿן און איבערגעשאַפֿן זיינע אָריגינעלע פֿאָלקס-טומלעכע קאָמפּאָזיציעס און אַ צאָל פון זיי זיינען צוריק צום שורש, געוואָרן פֿאָלקס-טימלעך. צווי פון זיינע מאָטיוון זיינען אין סאָוועטן-פֿאַרבאַנד אָפּגעדרוקט געוואָרן, מיט נייע ווערטער, אין אַ פֿאָלקס-לידער זאַמלונג. דאָס איז נישט בלויז אַ געבענשטער מאָמענט, נאָר אַ מאָנומענט אין דעם ריטמישן שטרעבן פון אַ קאָמפּאָזיטאָר וואָס פּירט אים צו דער בחינה „מאַיעסטאָזאָ".

אין אָפּערעטן טעאַטער איז רומשינסקי אַ דיריזשאָר און אַ רע-זשיסער, מיט איין וואָרט, אַ די'רעזשיסער. ער האָט ליב געהאַט אפילו צו דיריגירן די פּראָזע.

זיינע קאָמפּאָזיציעס זענען אויסגעפילט געוואָרן מיט תפילות, ליריק און פּאָעזיע, אָבער ער האָט שטאַרק ליב געהאַט זיך צו פּראָזאַ'איקען.

אונטער זיינע מוזיקאַלישע קלאַנגען און הענט זיינען אסך זינגער אויפגעגאַנגען ווי שטערן אָדער אויסגעגאַנגען ווי ליכט. אַ צאָל זינגער האָבן זיך ביי אים געלערנט איינצואָטעמען און האָבן מיטן גרעסטן אָפּלויז'יקן דערפֿאָלג אויסגעאָטעמט זיינע לעצטע אַריעס. ער האָט געווייכט פון אומקולטיווירטע סערענודניקעס און טרובאַ-דוראַקעס, נאָר געזוכט טאַלאַנטן מיט טעאַטער אין זייערע אָדערן, אָבער זיי האָבן דאָרט אויך געדאַרפֿט האָבן בלוט.

אסך לערער דערקענט מען דורך זייערע תלמידים און יוסף רומ-שינסקי האָט געהאַט אַ גאָר גרויסע צאָל פון וועלכע ער האָט אַרויס-געזונגען. ער האָט תמיד אויסגעמידן אַזעלכע וואָס האָבן פּאַרמוטשעט אַ ליד — צוזאַמען מיטן עולם.

זיינע לידער האָבן פֿאַרפֿאָלגט אסך זינגער, — וואָס האָבן די מעלאָדיעס געקוילעט. „ס'איז בעסער צו האָבן ווייסע חלומות, איידער אַזעלכע זינגער", האָט רומשינסקי געזאָגט, „ווייל, אַז מען

האָט איינס, האָט מען ביידע". „אַ גאָרגל איז נישט קיין אָרגל, אַ זשיראַף האָט אַ לאַנגן גאָרגל און קען נישט זיין קיין זינגער".

צווישן די איבער הונדערט און פופציק פּיעסן, פאַר וועלכע ער האָט מוזיצירט, זיינען אויך געווען אָפּערעטן וואָס האָבן אַ טראַגישן סוף, — ערלעך פאַרדינט, אָבער נישט צוליב זיין מוזיק נאָר צוליב דעם אינהאַלט. פאַראַן פּיעסן וואָס לאָזן נישט איינזיצן, נאָר ביי רומשינסקי'ס האָט ער אַזוי אָנגעסטראָיעט און אַראַנזשירט די אינסטרומענטן, אַז מ'האָט נישט געקענט איינזיצן, ווייל מען האָט זיך געמוזט באַוועגן צו זיין ריטם און טאַקט. ער האָט אַפילו געקענט מיט מוזיקאַלישע וויבריראַציעס באַוועגן די מעכטיקסטע וואַסערקראַפט, מענטשלעכע טרערן.

וואָס די ליריק האָט נישט דערגראַמט,
האָט ער מיט קלאַנג-קאָלירט בע'טעם'ט,
אויך אין אַ העמידעמיסעמי ציטער
איז ער אַ דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר.

רומשינסקי איז דער מוזיקאַלישער רעפאָרמאַטאָר פון יידישן טעאַטער. ער האָט פאַרטריבן פון די כאָרן די שווער-לייביקע אַלטע גוואַרדיע, ער האָט זיי געמאַכט זינגען זייער שוואַנען-ליד. מיטל-יאָריקע שווישפּילערינס האָט ער מיט טאַקט געמאַכט זינגען מיט צען יאָר יינגער און יונגע האָט ער אינספּירירט זיך צו עלטערן. פון נייע יונגע זינגערינס האָט ער גענומען אַן אינוועטאַר פון זייער רייץ און פיגור, צוליב פאַריונגערונג עקספּערימענטן, איז ער שטענדיק אַרומגעגאַנגען מיט אַן אויפגעקנעפּלטן מח, אויף וועלכן ער האָט נישט געטראָגן קיין פייגנבלאַט. ער האָט מגדל געווען יונגע וווּנדערלאַך וואָס האָבן נישט געטאָרט זיין אָפּהענטיק און אָפטמאָל געדאַרפט אַרומטאַנצן באָרוועסע איבערן גאַנצן טעאַטער.

ער איז געווען דער ערשטער און איינציקער איינצופירן אין יידישן טעאַטער אַ פרויען אָרקעסטער, ביז צו יענער צייט, פלעגט רומשינסקי מיט איין האַנט דיריגירן דעם אָרקעסטער און מיט דער צווייטער באַגריסן דעם עולם אין טעאַטער, אָבער אונטער דעם מעלאָדישן איינפלוס פון די מעלאַ־דאַמען, האָט דער עולם בלויז געזען זיין פלייצע, נאָר זיין באַליבטסטע גימנאַסטיק איז שטענדיק פאַרבליבן זיין נויגן זיך פאַרן עולם.

רומשינסקי איז אויך אַ שרייבער, נאָר נישט פון קיין פּיעסן. אַזוי שלעכט שרייבן ווי זיינע ליברעטיסטן קען ער נישט, חוץ דעם וויל ער סתם נישט זינדיקן אויף אַלע אינסטרומענטן.

אים אַרט קיינמאָל נישט ווען מען פאַרפאָלגט אים שריפטלעך אַלס קאָמפּאָזיטאָר, אָבער ער ווערט אַזוי סענסיטיוו ווי אַ סטרונע, ווען די אָפּקלאַנגען וועגן זיינע שריפטלעכע קאָמפּאָזיציעס זענען נישט־כּאָטש עקסטאַטיש. עס פעלט אים און עס גפעלט אים נישט די האַרמאָניע. צופיל קאָנטראַ־פּונקט.

מוזיקאַלישע נעמען און טערמינען זענען קיינמאָל פריער נישט געוועזן אַזוי פּאָפּולער אין היימען און מיילער ווי אין אונזער צייט. אויערן זיינען דורך עלעקטראָנישע מעטאָדן געשאַרפט געוואָרן צו די דריי מוזיקאַלישע „בית'ן": באַך, בעטהאָווען און בוגי־וואוגי. יעדער קען זיך קלויבען לויט זיין קולטור און געשמאַק. ווען אידישע אויערן לעכצן נאָך יידישע קלאַנגען, איז ער דער פּראָמינענטסטער זעטיקער צווישן יידישע קאָמפּאָזיטאָרן. ער האָט אַליין זיך אויס־געפּויקט און אויסגעשפּילט זיין פּאָפּולאַריטעט.

רומשינסקי האָט געשריבן פאַר זיין פּעריאָד און לויט די פאַר־לאַנגען פון זיינע קרייזן. די קלאַסיקער האָבן עס געטאָן פאַר גע־קרוינטע קעפּ און מעצענאַטן, רומשינסקי פאַר יידישן טעאַטער־עולם.

צום טעאַטער־גייער איז רומשינסקי מער באַקאַנט ווי צום שול־גייער, אָבער ביי חזנים איז ער נאָך מער פּאָפּולער ווי ביי טעאַטראַלן.

אַסך פון זיינע ליטורגישע קאָמפּאָזיציעס ווערן אריינגעזונגען און אריינגעטרילט אין די הערצער פון מתפּללים אָן דעם נאָמען פון זייער באַשאַפער.

ער האָט נישט געמאַכט קיין אַרכעאָלאָגישע עקספּעדיציעס אויפ־צוגראָבן ביבליש־היסטאָרישע יידישע מוזיק, אָבער אויפן נוסח פון תפילות, פון טענער פון קריעת התורה, פון דוכענען און אַנדערע טראַדיציאָנעלע און רעליגיעזע קלאַנגען, האָט ער באַשאַפן זיינע נייע ליטורגיש־יידישע מאָטיוון אין וועלכע יעדער אבר זינגט, אין וועלכע עס שוועבט די יידישע נשמה, דער טרויער פון איוב, די ליידנשאַפט פון שיר השירים, דער געוויין פון איכה, די טראַגעדיע פון גלות און די פרייד פון שמחת תורה.

ער האָט קאָמפּאָנירט אַ בוך „קלאַנגען פון מיין לעבן", איז עס נישט צום זינגען, — נאָר צום זאָגן און ער האָט יעדן געזאָגט, „איר זאָלט נישט פאַרלירן קיין צייט אין לייענען מיין בוך". קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען צי ער הייסט יאָ לייענען צי נישט לייענען, דער־וויילע איז דער בוך פאַרכאַפּט געוואָרן.

ער גרייט זיך איצט אַרויסצוגעבן אַן ענגלישן בוך מיט עפּיגראַ־מען, ווי למשל:

„מענטשן זענען גרייט אסך גיכער צו וואַרפן שטיינער ווי בלומען".

„פאַראַן אַקטיאָרן וואָס עלטער'ן זיך גראַציעז און אַנדערע וואָס בלייבן אומגעלומפּערט יונג".

„היינטיקע מיידלאַך שטרענגען זיך אָן אויסצוזען אַזוי יונג ווי זייערע מאַמעס".

„אַן אַקטיאָר־סטאַר וואָס וויל אַליין רעזשיסירן, אַליין דירעקטירן, אַליין שפּילן, וועט אויך איינער אַליין מוזן זיין דער עולם".

„אסך מער טעאַטראַלן זענען שוין געפאַלן פון אַ ליבן קלאַפּ אין דער פּלייצע, ווי פון אַ זעץ אין דער נאָז".

רומשינסקי רעדט קיינמאָל נישט פון זיינע אָפּגעשפּילטע פּיעסן נאָר פון זיינע אָפּגעשפּילטע יאָרן, — אין טעאַטער. דאַריבער איז ער ברייטהאַרציק און ווינשט אַלע קאָמיקער צו דערלעבן די עלטער פון זייערע וויצן.

עס איז זיינע אַ טעאָריע, אַז בלויז דער עולם האָט אַ רעכט צו וואַקסן אין דער לענג און אין דער ברייט, אָבער אַקטיאָרן האָבן בלויז אַ רעכט צו וואַקסן אין דער הויך, גייסטיק.

ער האַלט שוין נאָענט צו זעכציק יאָר און ער איז ביז איבער די אויערן פאַרליבט — אין טעאַטער.

קאָדא.

בינע סם און האָניק

צו קריטיקירן אַ שרייבער אָדער אַקטיאָר לויט'ן ווערט
און דעם ריינעם אמת'ן אמת זיי זאָגן,
דאַרף מען כסדר אַ געשליפענע שווערד
און אַ געלאָדענע ביקס מיט זיך טראָגן.

שלעכטע, גאַליקע קריטיק וועגן פּיעסן
קומט נישט פון אַ געשמאַקלאָזן עסן.
אַ זויערער מאכל, אַ ביטערער צימעס
מאכט ניט אַ געשמאַקע פּיעסע — נמאס.

וואָלף מערקור

ניט תמיד בין איך אזוי שיין,
ניט תמיד האָב איך אזא חן,
שיטערע האָר און ענלעכע ציין,
אויגן גנב'ישע, ספּריטנע און קליין,

פון דזשעיק ספּענסער

ביים שפּיגל בלייב איך שטיין,
קוק און וואונדער זיך אליין,
גאַף אויף מיין קאריקאטור,
יאַ, דאָס איז וואָלף מערקור.

„איד"

ווען איך פארברענג מיט זיך אליין,
קלויב איך פון זיך נחת,
איך בין זיך תמיד נושא חן,
ווייל יעדער צווייטער פלאך איז.

איך רעד צו זיך און הער געשפאנט
און האלט מיט זיך אן עצה,
און ענטפער זיך: געניאל, ברילִיאנט!
און קלאפ זיך אין מיין פלייצע.

איך שלינג איין ממש יעדעס וואָרט,
ניטאָ צו מיר קיין גלייכן,
חכמה שטראָמט גאָר אומגעשפּאָרט
פון מיין מוח דעם רייכן.

אין דער ברייט און אין דער לענג,
וואקס איך ווי אויף הייוועז,
ווייל אויף מיין שטייגער, מיינע גענג,
בין איך דער בעסטער מבין.

ס'איז מיין שכל ווי א קוואל,
וואָס שפּרודלט גיך, ענערגיש:
איך בין פאר זיך מיין אידעאל
און קיינמאָל ניט אלערגיש.

איך בין קאָלירפול און איך שאַף,
ווייל גאָרנישט פאר מיר שווער איז,
כ'בין ווערסאטיל, איך שטוין, איך גאַף,
מיט קונסט כ'בין מעוברת.

א גאָרנישט אָפּט א געטשקע ווערט,
ער איז ביי מיר ניט וויכטיק.
ס'איז א גאָרנישט גאָרנישט ווערט,
איך בין נישט אייפערזיכטיק.

איך לאך פון יעדער געטשקע הויך,
און ווער שיער ניט צעטראסקעט,
איך וואַרף אַ בליק צו זיך אין מוח,
און זע, אז אלעס בליאסקעט.

כ'בין לויטער רוחניות און גייסט,
קיין דנאָ און ניט קיין דעקל,
אָפּטמאָל ווער איך מיט זיך דרייסט
און קנייפּ זיך אין מיין בעקל.

נאָר כ'וויל ניט רימען זיך צופיל,
ווייל לויב ניט מיין מאָטיוו איז,
כ'האָב צו שבחים קיין געפיל,
נאאיוו איז מיין עניוות.

און זאָל די וועלט פארלייקענען מיך
און מיך וואגן אונטערשאצן!
מיין שטאָלצן אמת גרויסן „איך"
קען קיינער ניט צעקראצן.

איר לייענט און מיינט דאָס מיין איך זיך,—
ס'א טעות ניט קיין קליינער:
פון אָט דעם קינסטלערישן שטריך
לייד איך און יעדער איינער.

אינזיכאָלאָגיע

איך קען קיין וכוחים און אַרגומענטן ניט געווינען,
מיין לאָגיק איז פאַר אַ בליצקריג נישט געשאַרפט,
ערשט מיט שעהין שפּעטער קומט מיר אויפין זינען
וואָס כ'האָב פריער גאָר נוטפערן געדאַרפט.

בלויז מענטשן ריינע ווי מלאכים
זיינען שטענדיק שטאַרק געדולדיק,
איך, מיט מיינע קרומע דרכים,
פיל זיך תמיד עפעס שולדיק.

בעז־דראַמאַטנע

ווייל די פּראָפּעטוטישע בעז־דראַמאַטניקעס האָבן איבערגעשאַצט זייערע פּראָפּיטוטישע אַנאַליזן און אונטערגעשאַצט די אַנאַליטישע פּייאיקייטן פון פּראָווינציעלן עולם, איז אונטערגעגאַנגען דער עולם פון דער פּראָווינץ פאַר דער יידישער טעאַטער פּראָפּעסיע.

אין די בלי יאָרן ביז אין די דרייסיקער, האָט דער נאָמען ראָזעטאַ ביאַלים אַראָפּגעלויכטן מיט מאַזדאַ־שריפט פון די מאַרקי׳ס איבער די טויערן פון יידישע טעאַטערס אין דער פּראָווינץ. דאָרט וואו מאַרכלאָזע זיינען נישט געווען די מאַכטלאָזע, האָט זי זיך גע׳סטאַר׳ט און געסטאַרעט און פינף טעג אין דער וואָך פאַרמענטשלעכט כאַראַקטערן אין טיפּוש׳ע מעלאָדולנע מעלאָדראַמעס, עפּוש׳ע אָפּערעטקעס און קאָמעדי־דראַמעס מיט געזאַנג און געטאַנץ.

די אַנדערע צוויי טעג פון דער וואָך, די מאָנטיקס און די דאָנערשטיקס, וועלכע די אימפּרעסאַריאָס פון די קליינשטעטלדיקע טעאַטריטאָריעס האָבן מיטן גרעבסטן פאַרגעניגן מקריב געווען פאַר „ליטעראַטאַציע", האָט ראָזעטאַ ביאַלים אָן שום געניגענדער צייט פאַר רעפּעטיציעס און אָן ר׳ש״י־סאָרישער הילף דורכגעפירט און אויפגעפירט און קיינמאָל נישט איבערגעפירט בעסערע פּיעסן און עס האָט תמיד איר היסטריאָנישער פונק פונקציאָנירט און אויפגעפלאַמט

דעם תמיד צאנקענדיקן נר תמיד וואס איז אין איר קיינמאל נישט אויסגעלאשן געווארן, פאר לייטישן טעאטער און לייטישן געלעכטער.

א דאנק איר זעגען אפטמאל די ערגסטע צוויי וואכנדיקע וואכנ־טעג געווארן די יום טוב'דיקסטע סיי אין איננאמען און סיי אין אויסנעמען. איר שפילן איז תמיד געווען אויפ'ן שפיץ פון די הער־צער ביי די וואס צאלן פאר בילעטן און אפילו פון די וואס גייען קיינמאל נישט אין טעאטער אריין זען, — נאר קריטיקירן.

אין יענע יארן איז איר טעאטער קאריערע געווען א ליכט און שאטן־שפיל. די ליכט־פונקטן זיינען געווען ווען עם האבן אנגע־הויבן גאסטראלירן מוני וויזענפריינד, מארים שווארץ, סעמיועל גאלדינבורג, יעקב בן־עמי און ענליכע, אבער אפילו די שוואלבן האבן נישט געקענט אנזומערן די שאטנדיקע לאנגע ווינטערס.

ווען די פראווינץ איז נפטר געווארן האט זי איינציקע סעזאנען געהאלטן שבת אין יידישן קונסט טעאטער און זיך געפילט יום־טוב־דיק אפילו אין די וואכנדיקסטע ראלן. ביי איר ערשטן אויפטריט אלס „שולמית" אין טאראנטא, ווען זי האט קוים איבערגעציילט פירצען זומערס, האט זי נאך דער פארשטעלונג אוועקגע'חלש'ט. אין בעסערן טעאטער האט זי תמיד גע'חלש'ט זיך צו בעסערן אין בעסערע ראלן. איר „גרינטשע" אין „כעלעמער חכמים" איז געווען ניינציק גראד לאקשעוואטע אין שאטן פון מארים שווארצ'ס הונדערט גראדיקן ר' יוסף לאקש.

איר ראכמעניוועקער רבי'צין אין „יאשע קאלב" איז געווען לויטער סאמעט און זייד, און איר זונ'ס ליידן איז געלעגן איר רבניש־סאמעטענע און זיידענע צארטקייט. יעדן טיפ וואס זי האט פארטרעטירט, שטענ־דיק ערדיש, האט זי דערהויבן און קרישטאליזירט. איר „מערי" אין „מאטקע גנב" איז געלייטערט געווארן אין איר בינע פייער. זי האט יעדן כאראקטער געגעבן אינערלעכע טיפקייט און אויסערלעכע אויטענטישקייט און א פערספעקטיוו.

פון א בתולה ביז א זקנה איז איר אינטערפרעטאציע געווען סופערלאטיוו.

זי איז זיכער אפטימיסטיש וועגן איר קאריערע אין יידישן טע־אטער אבער גארנישט אזוי זיכער צו איר אפטימיזם איז פארזיכערט.

זיי א רעאליסט, שאץ אלץ לויטן ריכטיקן ווערט,
אויף בויען לופטשלעסער נישט פטר די צייט.
שטיי מיטביידע פיס תמיד פעסט אויף דער ערד,
וועסטו קיינמאל נישט פאלן צו ווייט.

גראָטעסק

זיסל זויערמילך, די איינציקע קעלנערין אין וועגעטאַרישן רעסטאָראַנט „די גרינע פּעטרעשקע", איז שיר נישט צעפּלאַצט געוואָרן. אין די לעצטע ניין און צוואַנציק טעג, יעדן טאָג פּונקט פינף מינוט נאָך פיר, ס'האָט געמעגט דונערן און בליצן, אין קעלטן און אין היצן, איז אַריינגעקומען דער משונה'דיקער מאָדנער גאַסט, וואָס אויפן אויסזען איז ער געווען פריש און געזונט, מיט רויטע בעקלעך אַזוי ווי טאָמייטאָס, נאָר, אַז ער פלעגט אַראָפּנעמען זיין הוט, האָט מען דערזען, אַז ער איז אי פריש אי געזונט אי משוגע, ווייל אויפן שפּיץ פון זיין קאָפּ איז תמיד געלעגן אַ בלייכער קנאָבל.

זיסל האָט שיעור נישט געפּלאַצט, שיעור נישט אַרויסגעשפּרונגען פון איר הויט, וואָס האָט געוואָלט אַרויסשפּרינגען פון אירע אָנגעדראָפּטשעטע קליידער. זי האָט גע'חלש'ט אויסצוגעפינען די אידייע, דעם סימבאָל, וואָס דער מאָדנער מאַנספּאַרשוין פּאַרבאָרגט מיט טראָגן אויפן קאָפּ אַ קנאָבל, אָבער פרעגן וועט זי נישט, ערשטנס ווייל זי איז אַ העכסט ציוויליזירטע, וועגעטאַרישע מיידל און צווייטנס איז זי גאָרנישט נישט נייגיריג צו וויסן. זי וועט נישט פרעגן. אפילו ווען מען זאָל זי צווינגען איינצושלינגען אַ דיקן סטעיק מיט געפּרעגלטע ציבעלעס, וועט זי נישט ברעכן אירע הייליקע פּרינציפּן און פרעגן.

פּאַרטיפּט אין קנאָבל, איז זיסל געשטאַנען און געוואַרט, דער זייגער האָט פּלוצים מיט מילכיקע קלאַנגען אויסגעשלאָגן פיר. אין פינף מינוט אַרום וועט דער גאַסט אַריינקומען. עס האָט אָנגעהויבן אין איר צו בורטשען —יאָ פרעגן, נישט פרעגן? אָבער זי האָט קאַטעגאָריש באַשלאָסן, אַז ווען מען זאָל זי אפילו צווינגען אויפצופרעסן אַ קאַטשקע, וועט זי נישט פרעגן. „ניין און צוואַנציק טעג", האָט זי צו זיך גע'טענה'ט און מיט זיך אַרגומענטירט, „האָב איך געשוויגן, וועל איך היינט אויך איינגעמען אַ שטומעניש".

דער גאַסט איז אַריינגעקומען אין רעסטאָראַנט, גלייך צוגעשפּאַנט צו זיין שטענדיקן טיש, אַראָפּגענומען זיין הוט, אויפגעהאַנגען און זיך אַוועקגעזעצט. זיסל האָט פון אים פאַר קיין איין רגע נישט אַראָפּגענומען אירע אויגן. געשעפּטסמעסיק האָט זי זיך מיט דער זיבן און זיבעציקסטער גראַציע אַ לאָז געטאָן צום גאַסט, גרייט צו פרעגן, וואָס ער וויל עסן. אָבער נאָך איידער זי האָט באַוויזן צו עפענען אירע פאַר'עקשנ'טע ליפּן, האָט זי אויפן גאַסט'ס קאָפּ דערזען אַ גאָלדענע ציבעלע.

עס איז איר פּלוצים אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. זי האָט זיך פּלוצים דערפילט מיט אַ הונדערט יאָר יונגער און מיט אַ פּופּציק פונט לייכטער. אַ שמייכל האָט זיך צעגאָסן אויף איר פּנים. בליצ־שנעל האָט זי אַ טראַכט געטאָן: מיין פּרינציפּ איז דאָך בלויז נישט צו פרעגן וועגן קנאָבל, אָבער וועגן אַ ציבעלע האָט זי אין קיין ברעסטאַ־מאַטיע נישט געלערנט. מיט אַ זיס שמייכעלע האָט זיסל זיך צו־גערוקט נעענטער, זיך איינגעבויגן און געזאָגט: „ליבער פּריינט, דער־קלערט מיר, וואָס איז די אידייע, דער זין און דער שכל וואָס איר טראָגט אויפן קאָפּ אַ ציבעלע?"

דער גאַסט האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר אויגן ווי צוויי אָפּגע־פרעגלטע אייער און געענטפערט: „איך טראָג אויף מיין קאָפּ אַ ציבעלע, ווייל . . . איך האָב היינט נישט געקענט קריגן קיין קנאָבל".

מאָראַל:

ניט יעדע מעשה פאַרמאָגט אין זיך אַ מאָראַל,
אַ משל, אַ מוסר השכל פאַר טובות הכלל;
פון ציבעלע און קנאָבל ז'נישט כדאי צו קלערן,
אויב מיקען זיי נישט זען, קען מען זיי הערן.

ליבידאָ

אַ קוש איז דער ערשטער טריט צו געפאַר —
דערפאַר דאַרף יעדע מיידל פילן בחוש
און בעסער זיך לאָזן קושן פון אַ נאַר,
איידער זיך לאָזן נאַרן פון אַ קוש.

אַז פרויען האָבן חסרונות אַלערליי
הערט מען מענער אָפּט זיך באַקלאָגן,
אָבער מענער האָבן חסרונות בלויז צוויי—
אַלץ וואָס זיי טוען און אַלץ וואָס זיי זאָגן.

זיס איז די ליבע, און דער גרעסטער פאַרגעניגן;
נאָר ביטער איז ליבע, ווען מיקען זי נישט קריגן.

דער מעצענאט

שטייט א טיש מיט פיר עקן,
מענטשן יאָגן זיך און פּראלן—
יעדער האלט אין האנט א שטעקן
און ער שטורקעט אין די באלן.

דאָן שמענדריקאָטאָ דע-בולוואַנאָ איז געווען אַן עקסצענטריקער, דער גרעסטער פּרא־אדם פון פּערו, וואָס האָט תמיד געוואָלט זיין און טאָן אַנדערש ווי אַלע אַנדערע. מיליאָנען האָט ער געהאט מער ווי האָר אויפ'ן קאָפּ, און ער איז נישט געווען קיין פליכעוואַטער. צווישן די פּערעאָדעמיאַנער האָט ער גע'שמ'ט אלס אייגנאַרטיקער ספּאָרטסמאַן. מיט זיין אייגענעם מאַרך און ממתקים האָט ער אָרגאַניזירט אַן אַמאַטאָרישן פּאָלאָ־קלוב, וועלכער פלעגט שפּילן פּאָלאָ אויף שטרויספויגלען. ער האָט אויך גע'שמ'ט אלס פילאַנטראָפּ, ווייל ער איז געווען דער פּרעזידענט פון זיין פּריוואַטן צער־בעלי־חיים אינסטיטוט, וואָס האָט געהאַט דעם גרויסן הומאַניטאַרן אידעאַל צו שיקן קיין סיביר, איינגעפּאַקט אין אייז-קעסטלעך, פּאַרע פּאַר די דאָרטיקע בערן. אַז מען שמועסט אַנדערש, איז אַנדערש.

פּלוצים האָט אים אָנגעהויבן צו דונערן און בליצן אין קאָפּ. ער איז געפאַלן אויף אַ פּלאַן, וואָס וועט רעוואָלוציאָניזירן אַ גאַנצע אינדוסטריע. זיין נאָמען וועט אָפּווישן דעם נאָמען פון קאָלבערטסאָן אין דער שפּיל־וועלט. מיט זיין געהיימען פּלאַן איז ער אַוועק קיין נויאָרק און איז אַריין אין אַ ביליאַרד-טיש פאַבריק און באַשטעלט אַ ר ו נ ד ן ביליאַרד־טיש. סיי דער פאַבריקאַנט און סיי אַלע אָנגעשטעלטע האָבען אויסגעשטעלט זייערע אויגען אויף דעם מאָדנעם פאַרלאַנג. אַזאַ פּאָדערונג איז נאָך קיינמאָל ניט געהערט געוואָרן. אַ רונדער ביליאַרד־טיש ? מ'עט דאַרפן ענדערן אַלע פּלענער און אַלע מאַשינען אין דער פאַבריק — אַ רעוואָלוציע. אָבער ווען מען האָט געמאַכט דעם חשבון און אים געזאָגט, אַז אַזאַ איין טיש דאַרף קאָסטן אַרום דרייסיג טויזנט דאָלער, און ער האָט זיך נישט פאַרקרומט און אַפילו נישט געשמייכלט,—האָבן סיי דער פאַבריקאַנט און סיי די אָנגעשטעלטע מער שוין נישט געקאָנט אויסשטאַרטשען זייערע אויגן, ווייל דאָס האָבן זיי שוין פריער געטאָן; זיי האָבן גלאַט אַזוי געגאַפט, און באַשלאָסן, אַז אויב מ'דאַרף, קען מען אַלץ ענדערן.

דאָן שמענדריקאַטאַ איז אָבער נאָך נישט געווען פאַרטיק. ער האָט אויך פאַרלאַנגט, אַז אַנשטאָט אַ געוויינלעכן גרינעם טוך, זאָל דער טיש געדעקט ווערן מיט רויטן געשטרייפטן זייד און די שטעקנס זאָלן באַצירט ווערן מיט טאָפּאַזן, אָפּאַלן, שמאַראַגדן און פּערל, אַ חוץ דעם זאָלן די שטעקנס נישט זיין קיין רונדע, נאָר פ י ר ־ ע ק י ג ע. נאָך אַ רעוואָלוציאָנערע פאָדערונג איז געווען: אַנשטאָט די געוויינלעכע זעקס קעשענעס פון טיש, האָט ער געהייסן מאַכן גאַנצע ניין. ער האָט נישט פאַרפעלט דעם מינדסטן פּרט און געענדערט, אַז אפילו דער קרייד זאָל געמאַכט ווערן פון דעמזעלביקן רויטן און געשטרייפטן קאָליר, וואָס זאָל האַרמאָנירן מיט דעם טישטוך.

דער סך־הכל האָט באַטראָפן זיבן־און־זיבעציק טויזנט דאָלער מיט זיבן סענט. דאָן בולוואַנאָ האָט אויסגעשריבן אַ טשעק אויף פינף־און־צוואַנציק טויזנט דאָלער און צו די אָנגעשטעלטע אויסגע־טיילט אַ גאַנצן טויזנטער אַלס מתנה, און אויב די אַלע האָבן נאָך ביז איצט נישט ריכטיק געהאַט אויסגעסטאַרטשעט זייערע אויגן, האָבן זיי עס ביי דער געלעגנהייט געטאָן.

דער פאַבריקאַנט און דאָן שמענדריקאַטאַ זיינען געוואָרן בוזים־פריינט. איינציקע טעג און נעכט האָבן זיי פאַרבראַכט אין קאַבאַרעטן, בורלעסק־הייזער און אין הינט־און־קעץ שפּיטאָלן, און ענדלעך איז דער פּרעזידימיאַנער אַרויף אויף אַ שיף קיין פּערו.

מיט איינציקע טעג שפּעטער האָט אויסגעבראָכן די מלחמה און איינע פון די ערשטע דייטשע טאָרפּעדאָס האָט געזונקען די שיף מיט דע־בולוואַנאָ'ן צוזאַמען.

אַנטקעגן וואָס דערצייל איך דאָס?

אפשר ווייסט איר פון עמיצן, וואָס וויל קויפן ביליק אַ רונדן ביליאַרד־טיש מיט פיר־עקיגע שטעקנס?



מיר פּרוּוון אָפּט מיט אַלע חושים
באַגרייפן איינעם, וואָס איז טשודנע.
נאָר אַנאַליזירן אַזאַ מין מגושם
איז פיל שווערער, ווי ס'איז נודנע.

נישט־אָביעקטיוו

דער מאָלער מישא לאכעס איז געוואָרן פאַרצווייפלט, ניט געזען פאַר זיך מער קיין שום האָפענונג. מיט אַ סאַרדאָנישער ביטערקייט האָט ער צוזאַמענגענומען אַלע זיינע לייוונטן, צייכענונגען, אויל און וואַסער־קאָלירן, אַרויסגעטראָגן פון זיין בוידעמדיקן אַטעליע און פונקט ווי אַסך אַנדערע, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר טאַלאַנטלאָזיקייטן און פּאַטשקונעס, האָט ער זיינע ווערק אויסגעשטעלט אויף דער גאַס, כדי מענטשן זאָלן קויפן, פונקט ווי מ׳קויפט פיש אָדער באַנאַנעס. שטונדענווייז איז ער געשטאַנען, געגלאָצט אויף זיינע בילדער, אָבער נישט נאָר האָט קיינער זיי נישט געוואָלט קויפן, נאָר קיינער האָט אפילו נישט נאָכגעטאָן דעם מאָלער און געקוקט, קיינער האָט אפילו מיט קיין אויג נישט געוואָלט אָנרירן זיינע שאַפונגען.

אין העכסטן גראַד פון יאוש, שפּעט אין אָוונט, האָט ער צונויפגעלייגט אַלע בילדער אויף אַ הויפן, אַרויפגעגאָסן טערפּענטין און מיט אַ פּראָטעסט קעגן דער קאָליר־בלינדער, פּראָזאַאישער וועלט, אונטערגעצונדען דעם הויפן.

אַ גרויסער עולם האָט זיך פאַרזאַמלט ביי דעם קינסטלערישן שייטערהויפן און מיט שפּאַט זיך צוגעקוקט צו דעם פייער. בלויז איין איינציקע, עטוואָס־צאַרטע און רייך געקליידעטע דאַמע, האָט אָפּגעווישט אַ טרער ביי דער פייערלעכער לויה און, — זיך טאַקע באַלד פאַראינטערעסירט אין דעם יונגן, עקזאָטישן און שיינעם מאַרטירער, דעם ליידנדן קינסטלער.

מיט שטאָלץ האָט זי אים אַרומגעפירט צווישן אירע רייכע פריינט, קרובים און באַקאַנטע, און דער עקזאָטישער מישא לאכעס האָט אין זייערע הייזער און סאַלאָנען קרום און מיט ביטול געקוקט אויף די אַקאַדעמיש־פּאַטענטירטע, שאַבלאָנע, אַלט־פרענקישע קונסט־ווערק. אָבער — ער האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרקרומט אָדער מבטל געווען די מתנות, וואָס ער האָט פון זיי באַקומען.

אַ לענגערע צייט איז אַריבער, — ענדלעך האָט מען ביי אים געפּועל׳ט, ער זאָל זיך ווידער נעמען צו זיינע קינסטלערישע, נישט־אָביעקטיווע קרעאַציעס. מישא האָט זיך אָפּגעזונדערט אין זיין סטודיאָ און פיבעריש געשאַפן. די בילדער, וואָס ער האָט געמאָלן, זענען געווען שטאַרק ענלעך צו זיין פּאַלעטע, ער האָט געשוועבט אין

אבסטראקטע מאָטיוון. זיינע אויגן האָבן געקושט און געצערטלט דעם פייער פון די פארבן און זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער רעגנבויגנ־דיקער ליכטיקייט און לויטערקייט.

ער איז געוואקסן פון עקסטאז. מיט ליידנשאַפטלעכער ליבע, ווי א קאַץ צו אירע קעצעלעך, האָט ער באַהויכט יעדן שטריך און שמיר פון יעדן לייוונט, וואָס ער האָט פּאַרפּאַרטיקט. נצחון האָט אַרויס־געבליצט פון זיינע אויגן, — ער וועט דער וועלט באַווייזן. די אויס־שטעלונג וועט אים באַרימט און רייך מאַכן. ער האָט אַריינגעוואָרפן א שעלמישן בליק אין שפּיגל, זיך הויך צעלאַכט פון זיין ממזר'ישער פייאקייט צו פארמאָגן א ליידנשאַפט צו קונסט און א קונסט צו ליידנ־שאַפט.

ענדלעך איז געקומען דער טאָג פון דער אויסשטעלונג אין איינער פון די פיינסטע גאַלעריעס. וואָס זיינע נייע, אמת'ע, כאָטש נאאיווע, קאָנווענציאָנעלע פריינט האָבן פאר אים געדונגען.

גאַנץ פרי, איינע אליין, לויט א פארשטענדעניש מיט דעם קינסט־לער מישא לאַכעס, איז די מעצענאַטין געקומען צו דעם אויסשטעלונג. זי האָט די ערשטע געוואָלט זיך אָנזעטיקן, פאַר'שיכור'ן אירע אויגן און אָנפילן איר האַרץ מיט דער רייכקייט פון די נייע שאַפונגען פון דעם ביז איצט אזוי שלעכט פארשטאַנענעם און שטאַרק־אונטערגע־שאַצטן מאָלער, וואָס זי האָט אַנטדעקט. א צעשטראָלטע האָט זי אַריינמאַרשירט אין דער גאַלעריע, זיך אַרומגעקוקט און אין איין רגע האָט זי דערזען, אז די מאָדערנע מאַלעריי פון איר קינסטלער איז גאָרנישט אזוי שלעכט ווי געמאָלן. די פּאַניק פון קאָלירן, דער כאָאָס פון די פארבן האָט זי היפּנאָטיזירט; א קאָנפוזיע האָט זי באַהערשט צו באַשליסן, אז פאר מאָדערנע מאָלער דאַרף ערגעץ וואו געצייכנט ווערן א ליניע און . . .

. . . די פּאָליציי זוכט איצט אַרום א פּראָמינענטע פרוי, וואָס ווערט באַשולדיקט אין אונטערצינדן א קונסט־גאַלעריע.

עס מעג יעדעס בילד זיין אולטרא־ניט־אָביעקטיוו,
דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט דעם לאָגישן פאַקט,
אז קוים איז געלט און רום דער ענדגילטיקער מאָטיוו,
איז דער גאַנצער אידעאַל גאָרניט ניט אַבסטראַקט.

גלאט אזוי (און נישט אזוי גלאט)

ווי שווער עס איז דעם פאלשן און שלעכטן
ארויפצופירן אויף דעם וועג דעם רעכטן,
אזוי לייכט איז עס פארן ערלעכן און גוטן
צו ווערן מיט׳ן טייוול א גאנצער מחותן.

פינסטער איז ביים לויכט-טורעם אויף דער שוועל;
ביים טויער פון חכמה איז דער שומר אָפט א נאר.
יעדער פלאם—פון אונטן טונקל און פון אויבן העל;
חכמה און ליכט דערגרייכט מען בלויז דורך צער.

ליכט און שאָטן זיינען תמיד נאָענטע שכנים,
יעדע לויטערקייט מיט עפּעס איז באפלעקט;
לויטער רוחניות איז נישט פאראן ביי קיינעם,
ס׳איז קיין מענטש קיינמאָל נישט פערפעקט.

א גלויביקער, וואָס טוט אזוינס וואָס מען טאָר נישט,
וואָגלט און בלאָנדזשעט אויף פאלשע דרכים.
נאָר אזא באשעפעניש, וואָס גלויבט אין גאָרנישט,
איז נישט קיין קלענער נאר און נישט קיין גרויסער חכם.

מען קריגט זיך און שעלט זיך און רופט זיך נעמען,
פון וועלכע א קאָזאק קען זיך רויטלען און שעמען.

אין א פּוסטן קאָפּ קען אריין א געדאנק,
נאָר ער וועט דאָרט נישט בלייבן אויף תמיד,
ווייל ער וועט דאָרט פילן איינזאם און קראנק
און צאנקען און אויסגיין פון אומעט.

גיי פּאמעלעך פּאָראויס מיט א מוח א קלאָרן
און מיט קורצע און בינדיגע זאָרגן
מאך נישט קיין פּלענער אויף לאנגע יאָרן,
טראכט בלויז פון היינט אויף מאָרגן.

מען שלאָפט אַזוי לאַנג מיט ציגיינער, ביז מ׳ווערט אַליין שוואַרץ;
צווישן שלעכטע מענטשן קריגט מען ניט דאָס בעסטע האַרץ.
נאָר מען קען זיין מיט הינער און נישט קענען לייגן קיין איי;
אָבער ווער עס לייגט זיך מיט הינט, דער שטייט אויף מיט פליי.

מען טאָר אויף אַ גאָלד־וואָג קיין בליי ניט וועגן
און ביי דעם רב׳ס שיקסע קיין שאלות ניט פרעגן.

מיט ראַדאַר־אינסטרומענטן דערגרייכט מען שוין די לבנה.
איצט איז די צוקונפט פון מענטשן שוין ניט מער שוואַרץ,
נאָר ראַדאַר וועט פאַר דער וועלט ערשט ווערן אַ מתנה,
ווען מען וועט קענען דערגרייכן דעם מענטשנ׳ס האַרץ.

אַ קייט איז בלויז אַזוי שטאַרק ווי דאָס שוואַכסטע רינגל;
אַ מעסער איז סכנה׳דיק אַפילו מיט אַ שטומפּיק קלינגל.

ס׳איז לייכט צו גיין צום טיוול, ער שטייט אויף אַלע וועגן;
שטעל בלויז דעם ערשטן שפּאַן און ער קומט דיר גלייך אַנטקעגן.

ווען אַ שרעטעלע פאַרנעמט זיך אַ ריז צו באַזיגן,
איז פּונקט ווי אַ פלוי, וואָס וויל צעביסן אַן עלעפאַנט.
שטויסן אַ מויער מיט די הערנער קאָנען ציגן,
אָבער זיי שלאָגן זיך בלויז דעם קאָפּ אָן דער וואַנט.

ביי געוויסע מענטשן איז שווער צו פאַרשטיין,
צי זיי זיינען ערשט געקומען, צי זיי קלויבן זיך צו גיין.

„ס׳איז לייכט צו געפינען געלט אין גאַס״ —
פאַראַן אַזאַ ווערטל, און ס׳איז נישט קיין שפּאַס,
פאַר דעם, וואָס מיט מזל און שכל געבוירן,
צו זוכן דאָרט, וואו עמיץ האָט פאַרלוירן.

עס איז טרויעריק וואָס מ׳דאַרף נאָך פּראָזאַאישן גליק שטרעבן,
עס איז אָבער דאָס בעסטע מיטל קעגן דער פּראָזע פון לעבן.

בולבעס

נישט קיין בולבעס צום שלינגען און צום קייען,
שווער צו פארדייען, כאָטש זיי זענען נישט וואָגיק,
נאָר געדאנקען וואָס זענען בולבערייען—
ווערטער און מעשים אָן שכל, אָן לאָגיק.

צו אַנאַליזירן די פילאָזאָפיע פון „בולבעס" איז פונקט אַזוי לייכט ווי קאַנאַליזירן די זינלאָזיקייט פון קאָנסטרוקטיווער משוגעת. מען דאַרף נוצן אַ סך געדאַנקלאָזע אַטריבוטן און אַן אומלאָגישן פּאַראַלעל מיט אידיאָמען, צו זאָגן מער־ווייניגער־ווי־ווייניג וועגן גאָר נישט.

למשל געוויסע דרשנים, וועלכע אַראַטירן אַזויפיל, אַז מען הערט נישט קיין וואָרט, וואָס זיי רײדן און זאָגן גאָרנישט. אין יידישן טעאַטער-לשון הייסט עס „געבולבעט". אָבער עס זיינען אויך פאַראַן צענדליקער אַנדערע וואָרט־קינסטלער, וואָס וואָלטן געמעגט טיטולירט ווערן מיט דעם טיטל בולבעניק. אין יידיש איז פאַראַן בל'ערליי בולבעריי, חדר פּלפּול, מי שברך'ס, פּורים־תורה און ענלעכע מח־דרייעניש, אַ שטייגער:

אום שבועות, ווען איך בין געזעסן אין סוכה ביים סדר און געפלאָכטן הושענות, זיינען אַריין די פּורים-שפּילער מיט שופרות, געפּאָכעט מיט פאָנען און מיט גראַגערס געשלאָגן כפּרות און אויס־געלאָשן די חנוכה ליכט, און איך האָב געמוזט פאַסטן מיט המן־טאַשן, כרעמזלעך, קרעפּלעך און פיר כוסות.

די וויסנשאַפט פון בולבע ווערטער האָט אַ נאָענטע קרובה'שאַפט מיט דער לערע, וואָס ווערט אויף בראָדוועי אָנגערופן „דאָבל"טאָק" און ווערט אָפט פּראַקטיצירט אויף באַנקעטן, סימפּאָזיומס, דעבאַטעס און אין יידישן טעאַטער. אין לעצטן, אָפטמאָל אין שפּאַס און אָפטער אין זעלבסט־פאַרטיידיגונג קעגן נודניקעס.

בולבעריי איז אַן אַלטע קונסט, כאָטש זי איז ווייניק וואָס אויסגעפאָרשט געוואָרן אין אַלע שפּראַכן און כמעט גאָרנישט ניט אין יידיש. אין דער פאָלגנדער בולבעלאָגיע וועלן מיר אַריינברייגנען

עקזעמפּלאַרן פון „דאָבל-טאָק," וואָס מיר וועלן אויף יידיש רופן קאַלאַמבורטשיש (פון וואָרט קאַלאַמבור) און מיט פאַרשטענדלעכע אומפאַרשטענדלעכקייטן, אַזוי קלאָר ווי בלאָטע און אַזוי אייביק ווי דער פאַראַיאָריקער שניי, בולבעוואוסטזיניק באַוויזן, די אונמעגלעכסטע מעגלעכקייטן פון קאַלאַמבורטשיש אין טעאַטער, ביי לעקציעס, אויף טריבונעס, אויך דרוקפעלער אין גאַזעטן, ווי אויך פּלאַפּלעריי און ראַדיאָ־טסטוואָ פון וואָרט־זשאָנגלערן, וואָס מאַכן מער רויש ווי רושם און בולבען און קאַלאַמבורטשן און באַלאַקען ריינע פיקציע, אָבער זיי שאַפן אַ מין בולבעלעטריסטיק.

און אפשר וואָלט דאָס וואָרט „וואָרט־שלען" געווען פּאַסיקער פאַר בולבע־הויפּטונגען, ווייל אַ בול-בעל דברן וואָרטשעט. ער קען נישט ריידן קיין קלאָרע דיבורים, אָבער וואָרטשלען דריקט גאָר אויס אַ באַגריף וואָס איז קלאָר און דייטליך אין דער טערמינאָלאָגיע, וואָס איז ווי דער בול־בריה וואָלט געזאָגט: „מער אויבערפלעקליך, איך מיין אויבערפלעכטליך, ענטשולדיקט איך מיין אויבערפלעכלעך", ווייל אַ בול־בנ'אָק וואָרטשעט נישט, נאָר איז אַ קינסטלער אויף פאַרדרייען ווערטער.

ווען איך האָב געוואָלט דערגיין צו דער ריינער קונסט־לשם־קונסט בולבעראַטור, האָב איך זיך געווענדט צו איניקע שריפטשטעלער, מיר צושטעלן עקזעמפּלאַרן אין אַקאַדעמישן קאַלאַמבורטשיש.

נאָר ליינענדיק געוויסע אָפּהאַנדלונגען וועגן דער יידישער ליטעראַטור, האָב איך איבערגעזופּט דעם שלל פון קלאַנגען אין מיין מח, און האָב זיי אויפגעשריבן אין סטיל פון „שטראָם באַוואוסטזיניקייט," נאָך איידער איך האָב דערהאַלטן אַן ענטפער.

די יידישע ליטעראַטור אונטערשיידט זיך פון דער אַמעריציפּיאַנישער לוקטור סיי אין מעטאַטיק און סיי אין קווענטענץ — פון ברענדעלע בוקר שברים, ביזקעלע שלום אש־לייכעם צו בערגל־טאָשו צו ציט זיך איין גאָלדעלע קלייט מיט אַ סך רינגלען פון טורקוואַל דער יידישער שטיפלעשער און קניסטלער סיי שפּראַזשע, סיי אין ליכטונג, איז אַספּינירט און אָנגעפּויכט פון שטאָך ביז שטויכן. ווי אין דער פעולה־זאַפּטישער פאַרגריפּמען פון אייזיק מייער דיקנס, איז דער קוועטש־אין־שיך־איזם וואָס איז אים, פראַמאַרגט אין זיך דער פר'אמת אין שעמשעך פון ט"רמבם, ר"שיבם און חריפות פון שטעטנעז פון תם ועניסלעך. אָט אַזוי ליגט דער יע־מוד אין פערזאַלן פּשויריש.

מנשה סקולניק איז אַ מייסטער פון ‚דאָבל־טאָק". ווען נודניקעס

באַלאַנגערן זיין גאַרדעראָב־צימער אין מיטן שפּילן און ער וויל פון זיי פּטור ווערן, קאָן סקולניק פּלוצים אַ זאָג טאָן צו עמעצן פון טעאַטער „מיסטער סאַדאַווסקי, איר'ט זיין אַזוי גודיפּלער מיט דעם אינגשליגטן פּרעסגערטן, ווייל דער אקט פון ברויזנפּלי — און איך וועל זיין שפּעט — און איילט זיך. די פּליניק פון סאַדאַרסקע באַדריפן מוזן שנעל גערימפּילט ווערן . . . די נודניקעס כאַפּן בלויז די ווערטער „שפּעט", „איילן", „מוזן", „אקט" און זיי פאַרשטייען, אַז זיי שטערן און ס'איז שוין צייט זיי זאָלן אַוועקגיין. און אויב דאָס העלפט נישט, וועט שוין אַ דובינע אין קאָפּ אויך נישט העלפן.

לעאָן פוקס האָט אַמאָל, ווען ער האָט געשפּילט אין דער פּראָווינץ, שיעור נישט פאַרלוירן צו שפּילן אַסעזאָן צוליב „טאָפּל־לשון." אַ ניו־יאָרקער טעאַטער־מענעדזשער האָט אים געוואָלט אנגאַזשירן, און פוקס האָט אָנגעהויבן קאַלאַמבורטשען: „שפּילן ביי איך? איך קען אין דריפּטן פון איין ברוקערסטאַל מאַכן מער ווי צום גאַנצן סניזלשפּאַן אין שיקאַגא". דער מענעדזשער האָט אים צוגעלייגט נאָך פינף פּראָצענט, און פוקס האָט ווייטער גע'לשון'ט „אין איין פאַברינגנטער וואָך פון קליסטגרען האָב איך איינער אַליין אַריינגעפּלאָנגען אַ סך מער ווי די גראַנצע פּרינגעלערן אין דעטראָיט". דער מענעדזשער האָט שוין מער נישט געוואָלט הערן,—אים איז נישט געפעלן פוקס'עס דיקציע, ביז מען האָט אים קלאָר געמאַכט וועגן בולבעריי.

„בולבעס", אונטער אַנדערע נעמען, זיינען פאַראַן אין אַלע פּראָפעסיעס און פאַכען. „דרוקפעלער זיינען אויך בולבעס. צוליב איין „אות" איז אַמאָל קאַליע געוואָרן אַ גוטע קריטיק וועגן אַ פּיעסע. עס האָט געזאָלט זיין: „דער רעזשיסער האָט „געשטעלט" אַ גוטע אויפפירונג, און דער זעצער האָט בלויז פאַרביטן דעם „למד" אויף אַ „ריש" און עס איז אַרויסגעקומען „געשטערט". אָדער, אנשטאַט דרוקן „שרייבער", איז געווען געדרוקט „שרייבור" און דער שרייבער איז צוליב דעם באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. ווען איך דערזע אַזאַ מין דרוקפעלער, קריג איך אַ האַרצפעלער און מיינע ציין הויבן ביי מיר אָן צו קלאַפּן, ווי קאַסטאַנעטן.

עס טרעפט אויך אַמאָל, אַז די ענדערונג פון בלויז איין „אות" אין אַ וואָרט, שאַפט אַ גאַנץ אַנדערן געדאַנק, וואָס ווירקט קאָמיש: אנשטאַט „דאָס איז אַ יידישער אידיאָם", איז געווען „אידיאָט", אָדער „אויף שטומער געסטיקולאַציע, וואָס האָט געפאָדערט אַן ענט־

פער, האָב איך געזאָגט: „איך בין מיט איך איינשטימיק און עס איז ארויס „איינשטומיק".

מיט הומאָר איז דאָס זעלבע ווי מיט היסטאָריע.ביידע חזר'ן זיך איבער, דעריבער וועלן מיר מחדש זיין די באַקאַנטע דרוקפעלער אין גאַזעטן, ווי: „אומבאַקאַנטע פּלוי שפּרינגט פון בריק אין וואַסער". אָדער, „מאַן אַנטלויפט מיט פּלוי פון זיין פריינט"; פון דעם קענען מיר דרינגען, אַז דער מאַן האָט זיך געדאַרפט שטאַרק קראַצן און דער זעצער אויך. אין אַ קריטיק וועגן דער פּיעסע „דר. הערצל" איז געדרוקפעלערט געוואָרן: „אין דער קאָלאָניע-סצענע איז אַריינגע־קומען אַן אַראַבער מיט אַ טראָמבאָן (טורבאַן) אויפ'ן קאָפּ און סקאַנדאַלן (סאַנדאַלן) אויף די פיס."

אין אַמעריקאַנישן יידיש ווערט אָפט פאַרביטן דאָס פאָרוואָרט „פון" מיט „ביי", ווי למשל: די מוזיק איז געשריבן ביי רומשינסקי'ן אַנשטאָט פון וואַגנערן.

באַקאַנט זיינען אויך די פאַלשקייטן: „שילער'ס רויבער" ביי שעקספּיר, „טשיריקאָוו'ס אידן" ביי יושקעוויטש, אָבער עס איז נישט פאַלש „זינגער'ס יאָשע קאַלב" פון מאָרים שוואַרץ.

די בולבערייען וואָס איך האָב פאַרצייכנט, זענען בלויז אַ קליינער טייל פון דער גרויסער קאָרטאָפּליאַדע, וואָס איז באַקאַנט און ווערט פאַרשפּרייט פון מויל צו מויל אין דער טעאַטער פראָפעסיע, אַ גאָר גרויסע צאָל פון זיי זענען אומדרוקבאַר. צו דער קאַטע־גאָריע פון בולבעס קענען אויך צוגעשטעלט ווערן די ליטעראַרישע בולבעס, ווי למשל: „אייבערהעם לינקאָלן האָט געשריבן זיין געטיס־בורג־רעדע, פאַרנדיק פון וואַשינגטאָן קיין געטיסבורג, אויף דער צווייטער זייט פון אַ קאָנווערט". אָדער „דאָס מיידל איז געווען אַזוי אומשולדיק, אַז די האַנט פון אַ מאַן האָט קיינמאָל אויף איר קיינמאָל ניט אַרויפגעשטעלט אַ פוס".

וועגן אָפּשטאַם פון וואָרט „בולבע" קען איך בלויז אַרויסהעלפן די קומענדע שפּראַך־פאָרשער מיט דעם פאָלגענדן:

אין אייראָפּע איז דאָס וואָרט באַקאַנט געוואָרן אַלס גאַסטראָליאָר פון אַמעריקאַניש־יידישן טעאַטער דעריבער איז דער אידיאָם „ער מאַכט אַ בולבע", נישט קיין פאַלקסטימלעכער נאָר אַ טעאַטראַלישער.

געווען אַמאָל אַ יידישער אַקטיאָר פון רומעניע, וואָס האָט געהייסן בערל בולבע. צו דאָס איז געווען זיין אמת'ער נאָמען, איז מיר נישט באַקאַנט. עס איז מעגלעך, אַז מען האָט אים גערופן

בולבע, ווייל די קאָנטורן און די פּראָפּאָרציע פון זיין נאָז זיינען געווען דיזעלבע ווי ביי דעם פּאָפּולערן געוויקס, און אפשר, ווייל צו די מעלות פון זיין הדרת פנים פלעגט ער אויך ריידן מיט א צעבראָכענער האנטשריפט און פארשלינגען זילבן, אותיות און ווער־טער — ווי דאָס געשעט ביים שלינגען הייסע קארטאָפל, און צוליב דעם האָט מען אים געקרוינט מיט דעם טיטל. זינט יענער צייט ווערט יעדער איינער, וואָס האָט פונקט אזא קלאָרע און צעקאלעטשעטע דיקציע, גערופן מיט'ן צונאָמען בולבעניק, — אין אָנדענק פון אקטיאָר מיט דער פרי'לדיקן לשון, בערל בולבע.

פאראן נאָך א מעגלעכקייט, וואָס איך וואָלט געוואָלט ארויס־ברענגען אין מיין בולבע־גראָבעניש. אין ביכער פון ענגלישן און אירלענדישן הומאָר, אין לעצטן יאָהרהונדערט, איז אָפט פאראן דער אידיאָם making a bull און giving a bull און אזוי ווי די ערשטע יידישע אקטיאָרן אין אמעריקע זיינען געקומען אין נאָענטן קאנטאקט מיט בינע־ארבעטער פון די לענדער אין אמעריקע, און אפשר גאָר נאָך פריער אין לאָנדאָן, איז דער אירלענדישער און ענגלישער אידיאָם פראָסט און פשוט פארגרייזט געוואָרן, און פון „מעיקינג א בול" איז געוואָרן „מאכן א בול" — עס איז בלויז צוגעשטעלט געוואָרן דער זילב „בע".

אמת, אין יידיש איז דער אידיאָם, וואָס הויבט זיך אָן מיט „מאכן" שטארק פּאָפּולער, ווי „מאכן א מוצא", „מאכן מיט די זייטן", „מאכן א להיים", „מאכן חובות", מאכן א ברית", דאריבער ווע̄לן די פאָרשער „מאכן חוזק און זאָגן: „בע, מע, פע", אויך מיר א טעאָריע! דאָס איז סתם „געבולבעט". — מסכים.

מאיר וויניקער, דער בולבעזאָפּטשיק

דאָס וואָרט „בולבעס" אין יידישן טעאטער־זשארגאָן מיינט, צעדרייטע ווערטער, אָדער שורות, אויך האנדלונגען. דער צעדרייער הייסט „בולבעניק". אין דער יידישער טעאטער פּראָפּעסיע איז כמעט לעגענדאריש א באגאבטער אין זיין צייט אקטיווער שוישפּילער, וועלכער איז געקרוינט מיט דעם צונאָמען „בולבעניק". למען האמת מוז מען צוגעבן: ווען עמיצער מאכט ערגעץ וואו א „בולבע", ווערט זי באלד צוגעשריבן צו אונזער העלד. אונזער העלד, לאָמיר אים רופן מאיר וויניקער, בולבעט מינדלעך, שריפטלעך און פיזיש. די דאָזיקע ארבעט איז דאריבער א קאפּיטל, צו זיין בולבעאָגראפיע. מאיר וויניקער איז נאָך א גרעסערער צעדרייער ווי דער צעדרייטער פּראָפּע־

סאַר, וועלכער האָט אין אַ געוויסן אָוונט ארויסגעטריבן זיין פרוי, אַנגע-צווינגן די קאַץ און זיך געלייגט שלאָפן מיט'ן וועקזייגער. אונזער בולבעניק באַזאַלצט אין רעסטאָראַן דאָס פלייש מיט צוקער און באַצוקערט מיט פעפער זיין קאַווע. ער קריכט אריין אין אַ „טעקסי" און דערלאַנגט דעם טרייבער אנשטאט אַן אדרעס — אַ טעלעפאָן־נומער. ווען מען פרעגט אים ווי קאַלט ס'איז אין דרויסן, ענט־פערט ער: ס'איז געפערלעך, אין דרויסן איז אפשר 104 גראַד היץ אונטער זיראָ. ער איז איינמאָל קראַנק געוואָרן און געבעטן זיין פרוי רופן אַ דאָקטאָר, אָבער ביז דער דאָקטאָר איז געקומען, האָט ער אין גאַנצן פארגעסן אין דעם. ווען זיין פרוי האָט אים אָנגעזאָגט: דער דאָקטאָר איז דאָ — האָט ער אַ צופוטיעטער געזאָגט: „דער דאָקטאָר? גיב אים עפּעס אַ טירץ, זאָג אים, ער זאָל קומען דעם ערשטן, זאָג אים איך בין קראַנק!"

אין אַ געוויסער פיעסע האָט ער געזאָלט זאָגן: „איך קום נאָר וואָס פון עליס איילאַנד, איך האָב דאָרט געזען אַ שיף מיט 500 אימיגראַנטן", האָט ער געבולבעט: „איך קום פון קאָני איילאַנד, וואו איך האָב געזען אַ שיף מיט 500 אינטריגאַנטן".

אין לעאָניד אנדרעיעוו'ס „די זיבן געהאַנגענע", דאַרף ער, אַלס ריכטער באַפעלן דעם גאַרדעוואָי: „ברענג אריין די פינף טעראָריסטן", האָט ער בולבעשיינפערלעך געזאָגט, „ברענג אריין די פינף קאָריסטן", ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט אין טעות און געוואָלט פאַרריכטן און זיך נאָך ערגער פארבולבעט מיט דעם באַפעל: „ברענג אריין די זיבן געהאַנגענע".

צו דער בולביאָגראַפיע פון מאיר וויינטקער דאַרפן צוגעשריבן ווערן די פאָלגענדע פרי'לדיקע קאַרטאָפליעס: ווען רוזוועלט'ס אַ ראַדיאָ־רעדע האָט ער אַרגומענטירט: — איך זאָג אייך ס'איז אַן אמת און נישט קיין פאַקט. איך האָב אים אַליין געהערט אויפ'ן רעדי־איטאָר . . . קלאַסיש איז זיינע אַ מעכנישע בולבע פון אמאָל. ער האָט געשפּילט די ראָל פון אַ גלח און זיך געפילט „הייליק". ווען ער איז ארויסגעקומען אויף דער בינע, האָט ער זיך גע'צלמ'ט און אַ קוש געטאָן די מזוזה.

דאָס איז איינע פון זיינע טעכנישע בולבעלעך, אָבער ער האָט אויך אַ היפּשע צאָל אָפּטישע בולבעוואוסטלאָזיקייטן. ער דערזעט דעם אָביעקט און זיין צונג איז שנעלער ווי זיין מח, ווי מיר וועלן זען שפּעטער אין לייוויק'ס „שמאטעס". וויסנשאַפטלעך וואָלט אַ

בול־בעל מדקדק געדארפט די בולבעס קאטעגאריזירן אונטער פאר־שיידענע נעמען. איך וועל בלויז אויף א בולבעשיידענעם אופן אי־בערגעבן בולבעווייזן וואס זענען באקאנט אין דער טעאטער פראַ־פעסיע.

דער סוף פון צווייטן אקט פון ש. אנ־סקי׳ס „דער דיבוק״, ענדיקט זיך ביי דער חתונה סצענע, נעבן דעם קבר פון צוויי קדושים אין דער גאס פון שטעטל, ווען די כלה לאה ווערט משוגע אונטער דער חופה.

די בינע איז אנגעפולט מיט מחותנים, פריינט און געסט וואס זענען געקומען אין דער נאכט צו דער חופה און אלע האלטן ליכט אין די הענט. ווען לאה ווערט משוגע, דערשיינט פלוצים די מיס־טעריעזע געשטאלט פון דעם משולח וואס זאגט אין א רעטשיטאטיוו: „אין דער כלה איז אריין א דיבוק״.

ווען אונזער בולבעהעלפער האט אין שיקאגא געשפילט די ראל פון משולח האט ער געזאגט: „אין דער כלה איז אריין א ליכטל.״

אין א דראמאטישער סצענע מיט מיכל מיכאלעסקא, וועלכער האט געשפילט די ראל פון א צוריקגעקומענעם פאטער, וועמענס קינד מען האט אריינגעגעבן אין א בית יתומים, האט אים דער בולבעזאף געזאגט: „איך האב דיין קינד אריינגעגעבן אין א מושב זקנים״ . . . אונזער בולבעניק בולבעט ווען זיך: איך בין שוין ניט קיין יונגער־מאן, נאר אין מיטל אלטער . . .

ווען ער האט זיך אריבערגעצויגן אין א נייער דירה, דערציילט ער, אז ער האט געשריבן א בריוו צו זיך אליין, צו זען צו דער בריוו־טרעגער וועט וויסן וואו ער וואוינט. אבער אזוי ווי ער האט פאר־געסן זיך אונטערצושרייבן, האט ער נישט געוואוסט ווער עס האט צו אים געשריבן דעם בריוו. אדער: זיינער א פריינט, וואס האט ביי זיך ניט געהאט זיינע ברילן, האט אים געבעטן איבערלייענען א בריוו, וואס ער האט דערהאלטן. דער בולבורמילע האט נישט געוואלט לייענען און זיך ענטשולדיגט מיט דעם ענטפער, אז ער האט נישט קיין וואטע צו פארשטאפן זיך די אויערן, ווייל „איך וויל נישט הערן וואס איך וועל לייענען, איך האב פיינט רכילות . . . ״

ער בארימט זיך, אז ער האט א גוטן זכרון, ווייל ער קען געדענקן א פנים, וואס ער האט קיינמאל נישט געזען. ס׳איז כמעט אזוי ווי יענער, וואס האט זיך באקלאגט, אז זיין פרוי האט א שלעכטן זכרון — זי פארגעסט נישט קיין זאך.

אונזער העלד קען זאגן וועגן א מענשן, וואס געפעלט אים נישט: „ער האט אזא מין פנים, וואס בלויז א ליבע קען מאמען״.

װעגן אַ געװיסער פּיעסע האָט ער באַהױפּטעט: „די פּיעסע װעט קײנעם נישט געפעלן, חוץ דעם עולם”. אונזער בולבעניק איז אַן אַקטיאָר מיט קאָנטראַסטן. ער באַזיצט באַ׳טעמ׳טע פּעלערן און נעשמאַקלאָזע מעלות. אונזער העלד איז אױך אַ בינע־פּאַרװאַלטער, װעלכער דאַרף אַראַנזשירן די דעקאָראַציעס. אין אַ געװיסער פּיעסע האָט ער געזאָלט האָבן אַ דעקאָראַציע מיט אַ בױם אין מיטן בינע, אױף װעלכן מיכאַלעסקאָ האָט זיך געדאַרפט אױפהענגען. מיכאַלעסקאָ איז ביז צו זײן סצענע געװען אין גאַרדעראָב־צימער, און װען ער איז אַרױף אױף דער בינע, האָט ער דערזען אַ פּלאַכטע מיט אַן אױסגעמאַלטן בױם. „װאָס װעל איך איצט טאָן?” האָט מיכאַלעסקאָ זיך נעבײזערט. „װי אַזױ װעל איך איצט הענגען?” — „איר מוזט זיך דוקא הענגען? — האָט דער בולבעניק געענטפערט און דערלאַנגענדיק אים אַ שפּיציקן מעסער, צוגעגעבן — נאַט אײַך אַ מעסער און שיסט זיך.

אַלס אַ ראַדיאָ אַנאָנסער האָט ער אױסגעלופּטערט אַזאַ מין בולבע אין זײַן שטענדיגען בולבען: מײנע ליבע ראַדיאָ ליסענעס. אין פּראָגראַם „די גרינע קוזינע פון פּאַלעסטינע” אין װאָדעװיל טשעפּוכאַ טעאַטער, װעלן אין הײנטיקן װיק-ענד אױפטרעטן אַ סך גרױסע קינסט־לער און איך, אײער קלײניקײט, װעל אױך מיטשפּילן. ער האָט גע־מײנט צו זאָגן אײער װײניקײט, אָבער אַזױ װײניק װײסט נישט מאיר װײניקער.

מײן פרײנט מאיר װײניקער קומט קײנמאָל נישט אין צײט צו פּראָבן און, װען מאָרים שװאַרץ האָט אים אַמאָל געפרעגט, — פאַרװאָס קומט איר תמיד שפּעט? װײסט איר נישט װען די פּראָבן הױבן זיך אָן? — האָט ער געענטפערט, איך װײס ניט, װײל װען איך קום האַלט מען שױן אין מיטן פון די פּראָבן.

ער איז אױך בולבעהאַװנט אין קאַליע מאַכן גוטע װיצן אָדער רעטענישן. אָט זענען אַ צװײ־דרײ משלים. ער הערט אַ רעטעניש. „װאָסער פון פאָרנט, װאָסער פון הינטן, װאָסער פון רעכטס און פון לינקס און אין מיטן איז פרײלעך”, װאָס איז דאָס? דער ענטפער איז „שמחה באָדט זיך”. נעמט דער בול־בעל דברן און פרעגט שפּעטער בײ אַנדערע.. װאָס איז דאָס? „װאַסער פון פראָנט, װאַסער פון אונטן, װאַסער פון אױבן און אַרום און אין מיטן איז אַ שמחה?”

אָדער, מען פרעגט: עס האָט פליגל און קען נישט פליען, עס האָט אויגן און קען נישט זען, עס האָט פיס און קען נישט גיין און עס געפינט זיך אין אַפריקע, וואָס איז עס? דער ענטפער איז, „אַ טויטער פויגל". געפעלט אים די רעטעניש, לאַכט און שטעלט זי שפּעטער צו זיין פרוי. „וואָס איז דאָס, עס איז אַ טויטער פויגל וואָס לעבט אין אַפריקע, האָט אויגן און קען נישט פליען, האָט פיס און קען נישט זען האָט פליגל און קען נישט עסן, וואָס איז דאָס? ענטפערט זיין פרוי, „דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט, „אַ טויטער פויגל". מאַכט ער, יאָ? טאַקע? פאַרוואָסזשע האָב איך פריער אַזוי שטאַרק געלאַכט?

ווען אַן אַקטריסע מיטן נאָמען זינאַ שטיינבערג איז זיך צוגאַנגען מיט איר מאַן, האָט מען זיך אין טעאַטער קרייזן געוויצלט, אַז „דער אַקטיאָר שטיינבערג האָט פאַרלוירן זיין זינען". דעם בול־ בהמה איז דאָס געפעלן, האָט ער דאָס געוואָלט דערציילן צו זיין פרוי, דו האָסט געהערט? האָט ער זי געפרעגט, „שטיינבערג האָט פאַר־ לוירן זיין שכל?" זי האָט אים אָנגעקוקט און נישט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט, און נישט געגעבן אפילו קיין שמייכל. דו לאַכסט גאָר־ נישט? האָט ער זי איבערגעפרעגט, שטיינבערג איז דאָך משוגע געוואָרן! ער איז אַראָפּ פון זינען.

מאיר וויניקער בולבעט אויף אַלע כלים. אַז ער ווערט צעפּו־ טיעט, הויבט ער אָן צו בולבען אפילו מיט די הענט. דעריבער איז מעגלעך אמת וואָס מען דערציילט, אַז ווען ער שטייט אויף אין דער פרי, לייענט ער איבער דעם האַנטוך און ווישט זיך אָפּ דאָס פּנים מיט דער צייטונג. אים דאַרף מען נישט, ווי ער זאָגט, אַריינלייגן אַ מינגער אין פויל אַריין, ווייל ער האָט מער שכל אין מינדסטן פינגער ווי אין זיין גאַנצן קאָפּ. די גרעסטע מעלה זיינע איז, וואָס ער קען תמיד געפינען אַ תירוץ זיך צו פאַרענטפערן, אָדער זיך נאָך מער צו פאַרבולבען, אַזוי אַז מען קען מער נישט וויסן צי דאָס איז אַן אמת'ן בולבע אָדער בלויז אַן ערזאַץ. אָט, זאָגט ער, אַז ער האָט ליב צו זיין מיט זיך אַליין, בפרט נאָך, ווען ער איז מיט אַנדערע, אָדער, אַז די מאָדערנע רעזשי, ווי ער פאַרשטייט זי, איז אים אין גאַנצן אומ־ פאַרשטענדלעך, אָדער אַז ער האָט ליב צו קויפן מאָדערנע אַנטיקן.

מיט בראָדוועיער אויפפירונגען איז ער וויניק באַקאַנט. דעריבער האָט ביי אים פּאַסירט, אַז ער האָט איינגעלאַדן זיינעם אַ פריינט צו זען אים אין דער ערשטער פּרעמיערע פון אַן אַלטער פּיעסע: „די

קינדער פון דער גאַס", אין וועלכער ער שפּילט די טיטל־ראָלע. ווען דער פּריינט האָט אים געזאָגט, אַז ער גייט אין דעם אָוונט זען „אָסקאַר וואַילד", האָט דער בולבעניק אים געענטפערט: „ערשטנס קענסטו אים זען אַן אַנדערש מאָל, און דריטנס—קענסטו אָסקאַר'ן מיטברענגען אין טעאַטער אריין". וועגן דעם פאַרשטאַרבענעם בן ציון קאַץ האָט ער געזאָגט, „ער איז תמיד געווען אַזאַ געזונטער, אָבער אין איין נאַכט האָט ער זיך געלייגט אין בעט אריין און אין דער פרי איז ער אויפ־געשטאַנען אַ טויטער.

ער האָט ליב צו אַרגומענטירן, און כאָטש ער פאַרלאַנגט נישט איר זאָלט מיט אים זיין איינשטימיג, ווייל ער אָבער איר זאָלט צו־געבן, אַז ער איז גערעכט. ער איז אַ קינסטלער אויף איבערדרייען ווערטער, ווי, למשל, אַ פידל־שפּילער ווערט ביי אים אַ שפּידל־פילער. אַ געל־בערדל ווערט אַ בעל־נערדל, איינגעטונקען אין שטויב (ביי „יאָשע קאַלב") איז ביי אים געוואָרן איינגעשטונקען אין טויב. פון אַ לאַנדשאַפט ווערט ביי אים אַ לאַנדסמאַנשאַפט אויף וועלכער עס בילען בלומען, איך מיין בליען הינט, ענטשולדיקט, איך מיין עס וואַקסען רויזן. ער וויל קאָמפּלימענטירן זיינעם אַ קאָלעגע און זאָגט: איר זענט תמיד אַ באַוואוסטזינדיקער קאַראַקטער שווישפּילער, אָבער היינט זענט איר ניט בלויז זער גוט, נאָר היינט האָט איר זיך אַליין איבערגעטריבן. דאָס זאָג איך אייך אומבאַשטימט באַשטימט.

אין „אוריאל אַקאָסטאַ", שפּילנדיק די ראָל פון דע־סאַנטאָס, דאַרף ער וואָרענען די יידן אויסצומיידן אַקאָסטאַ'ן, וועלכער איז אין חרם, ווייל ער וועט זיי נאָך חלילה איבערפירן, האָט ער געזאָגט: — „מען מאָר נישט שטיין אין זיינע ד' אמות, ווייל ער וועט אייך אי־בערפאָרן". — און פונקט אַזוי ווי ער בולבעט מיט איינגע'חזר'טער בראָזע, פאַר'חזיר'ט ער זיינע בולבעס אין פּריוואַטן לעבן. ביים דינגען אַ דירה אין ניו יאָרק ערגיץ אויף טומל-עוועניו, אויף וועל־כער עס פאָרט אַן עלעוועיטעד, האָט אים דער פאַרוואַלטער פאַרזי־כערט, אַז נאָך די ערשטע דריי נעכט וועט ער אַזוי צוגעוואוינט ווערן צום טומל, אַז ער וועט קאָנען רואיק שלאָפן. אויף דעם האָט דער בולבעהעלפער געענטפערט: — „עס מאַכט נישט אויס, די ערשטע דריי נעכט וועל איך איבערנעכטיקן ביי מיין שוואָגער אין סי־געיט".

אין אַ געוויסן זומער האָט ער געדונגען אַ דאַטשע מיט אַ גאָרטן, ווען אַ קאָלעגע האָט אים אמאָל איבעראַשט מיט אַ וויזיט אין זיין גאָרטן און אַ באַגייסטערטער אויסגעשריגן „זע נאָר זע, בלומען",

האָט זיך דער בול-באַלוואַן פאַרענטפערט, „וואָס זאָל איך טאָן? איך ריים און עס וואַקסט".

ווען אַ שווישפּילערין האָט אין אַ סצענע פון אַ פּיעסע אַריינגעשטעקט אַ לאַנגע שפּילקע אין איר הוט, האָט ער זי געוואָרנט, „איר דאַרפט זיין פאָרזיכטיק מיט דער שפּילקע, איר קענט נאָך עמיצן דערוואַרגן.

נאָך דער פּרעמיערע פון אַ פּיעסע, זענען שוישפּילער הינטער די קוליסן געווען שטאַרק צופרידן מיט דעם דערפאָלג, האָט דער בול-בנ'אָקל געוואָלט זאָגן, „די פּיעסע וועט ביי אונז גיין ביז ניי־יאָר", אָבער געזאָגט האָט ער, „די פּיעסע וועט ביי אונז גיין ביז נואַרק".

איינמאָל, בשעת אַ ניי־יאָר-הוליאַנקע, האָט ער מיך אָנגעכאַפּט און געבעטן איך זאָל אים באַקענען מיט אַ פּראָפעסער:—„זאָל ער פאַר מיר אָנשרייבן „מיין אייגענע לעבנס־אויטאָביאָגראַפיע", כדי די וועלט זאָל וויסן, אַז איך בין ניט, ווי מען זאָגט, אַן אָקס, וואָס האָט אַ לאַנגן שופר און קען קיין צונג נישט בלאָזן, איך מיין, אַ צונג, וואָס האָט אַ לאַנגן אָקס און קען קיין בלאָז ניט . . . איך מיין אַ שופר, וואָס האָט אַ לאַנגען בלאָז און קען קיין אָקס ניט . . . איך מיין . . . איר מיינט שוין וואָס איך וויים. זאָגט מיר, פאַרוואָס איז עס, ווען איך מאַך אַ טעות, זאָגט מען, „ער בולבעט". אָבער ווען מנשה שוואַרץ אָדער מאָרים סקולניק בולבעווען, זאָגט מען, אַז זיי „שאַפּן-קאַראַקטערע". איך בין נישט בעסער ערגער פון זיי.

איסאַק גלאַדסטאָן איז צוגעקומען און געמיינט, אַז ער דאַרף מיך אַרויסראַטעווען פון בולבעניק'ס הענט, האָט ער זיך אַריינגעמישט און אים געוואָלט באַרואיקן ,ווייל מאיר וויניקער איז שוין געווען מער וויניקער אונטערן גלעזל: — זאָרגט זיך גאָר ניט פון דעם וואָס מענטשן זאָגן. איר ווייסט וואָס שעקספּיר זאָגט: „די גאַנצע וועלט איז אַ . . . "

— „וואָס אַרט מיך וואָס יענער זאָגט" — איז אים מאיר וויניקער אַריינגעפאַלן אין די רייד. — „איך האָב פיינט צו הערן רכילות". איר ווייסט, אַ קריטיקער האָט וועגן מיר געשריבן, אַז עס איז אַ גרויסער שאָד וואָס מיין דיקציע איז אַזוי קלאָרע, ווייל מען קען פאַרשטיין יעדעס וואָרט וואָס איך בולבע.

ווען מיינע אַ קרובה איז געשטאָרבן, האָב איך דאָך געהאַט אַ רעכט צו זיין צעטומלט. פאַר דער לויה האָט מיך עמיצער געפרעגט, וואו די געשטאָרבענע ליגט, האָב איך געזאָגט „אין ביוטי פּאַרלאָר".

איז דאָס אַ בולבע? אָדער ווען מיינע אַ פּלימעניצע האָט געבוירן אַ קינד, האָב איך נישט געוואוסט, צי דאָס קינד איז אַ אינגל אָדער אַ באָיטשיק. האָב איך אָפּגערופן אויפ׳ן טעלעפאָן און געפרעגט, צי איך בין אַן „אָנקל אָדער אַ טאַנטע?" איז דאָס אַ בולבע? מיט אייניקע זומערן צוריק, ווען איך בין געווען אין קאַנטרי, בין איך ארויסגעפאָרן מיט אַ ווערד און פּעגעלע און האָב זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ געזאָלין סטיישאָן. האָט מען באַלד אויסגעטראַכט. אַז איך האָב געוואָלט „אוילן דאָס פערד און אָנפּאָיען דאָס וועגעלע", און נישט ווי דער אמת איז געווען, אַז איך האָב געוואָלט כאַפּן אַ טרונק געזאָלין. היינט די בולבע אין ליוויק׳ס פּיעסע „שמאַטעס". איך האָב דאָרט געשפּילט אַ סטרייק אָנפירער, אַ טאַטן פון פינף קינדער, וואָס ארגומענטירט מיט די ארבעטער צו פאָדערן אַ העכערן געהאַלט. איך בין ארויפגעקומען אין דער סצענע אויף דער בינע, זיך אוועקגע-שטעלט, אויסגעשטרעקט מיין האַנט און מיט כעס ארגומענטירט איר מוזט מיר העלפן, ווייל „,איך בין אַ טאַטע פון פינף באוואַקסענע פינגער". וואָס לאַכט איר? איר מיינט איך בין שכור? ס׳איז טאַקע ניי־יאָר, אָבער איך בין אַ סך ווייניקער אונטער׳ן אַלקאָ־פּלוס פון איינקאָהאָל, ווי געוויסע דענטשן מענקן. פו־רו . . . ס׳איז מיר היים. ניין, איך בין נים שיכור, די ערשטע גינעף פלעזלעך קיל איך פיינמאָל ניש . . . פו־רו . . . פּאַרוואָס דרייט זיך דער טיש, מיט די פענסטער? . . .

פונקט ווי געניצן אָדער געלעכטער איז אָנשטעקענדיק, אַזוי איז אויך מיט בולבעס. עס פּאַסירט אָפּט, אַז צוליב איין בולבע הויבן אַקטיאָרן אָן ווייטער צו בולבען, ווי למשל. ער האָט מיט דעם קאָ־מיקער סעם קעסטין געשפּילט אין אַ מוזיקאַליש־מעלאָדראַמאַטישער קאָמעדיע מיט געזענגע און טענצע, די ראָל פון אַן ערצבישאָף, איז ער ארויף אויף דער בינע און געזאָגט, „איך בין דער ארצי־באַשעף". קעסטין האָט אויסגענוצט די בולבע און געענטפערט, טאַקע? איר זענט ארציבאַשעף? אויב אַזוי, זאָלט איר וויסן, אַז סעמיועל גאָלדינבורג שפּילט אייער דראַמע „סאַנין" און ער וויל אייך, — און דאָ האָט ער זיך אַליין פאַרבולבעט, — באַצאָלן אַלימאָני.

עס מעג אַ כעלעמער חכם די גאַנצע וועלט באַרייזן,
ערגעץ וואו פאַרשווינדן, ציען מענטשן וועדן נעלם,
נאָר ביי דער ערשטער חכמה, וואָס ער וועט וועלן ווייזן,
וועט מען באַלד דערקענען, אַז ער שטאַמט פון כעלעם.

אַז בעלעמער מעשיות האָבן אַ גייסטיקע קרובה׳שאַפט צו בולבעס, איז אַזוי קלאָר, ווי די לבנה אין אַ בעלעמער פּאָס מיט באָרשט. ווען דער בעלעמער היקעוואַטער מגיד האָט, שפּאַצירנדיק אין דער גאַס דערהערט, ווי צוויי ווייס־חברה׳ניקעס, אויף אַ צווייטן גאָרן פון אַ הויז, מאַכן חוזק פון אים און שפּעטן אים נאָך, האָט ער צו זיי אַרויפגעשריגען: „ווען איך זאָל אייך הא־אַ־אַ־בן לעבן זיך, וואָלט איך אייך אַראָפּגע־ע־ע־וואָרפן פון אַלע טרעפּ!״ — דאָס איז פּונקט אַזוי געבולבעט ווי דער אַקטיאָר, וואָס האָט דערשאָסן דעם אינטריגאַנט, אין דער פאָרשטעלונג, און פאַכנדיק מיטן רעוואָלווער איבערן בר מנן, האָט ער געשריגן: „איצט וועסטו זיין טויט דיין גאַנץ לעבן לאַנג״. אָדער אַזוי בולבע׳טעמט ווי דער תירוץ פון דעם אַקטיאָר, וואָס איז אַרויפגעקומען אויף דער בינע אין אַ ווינטערדיקער סצענע אָנגעטאָן אין זומערדיקע מלבושים און זיך פאַרענטפערט פאַרן רעזשיסער, אַז ער טראָגט וואַלענע אונטערוועש.

בלויז אין בעלעם קען שפּראַצן אַזאַ בולבעלאָגיק. אָבער אין טע־אַטער האָט מען זיי אַנדערש געקאָכט און סאַרווירט. דעריבער איז עס שווער צו ענטשיידן, וואו בעלעם הויבט זיך אָן ענטנאָגראַפיש און אין וועלכער גרענעץ פון לאָגיק עס בליען בולבעס.

ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט, נאָכדעם ווי איך האָב דערציילט אַ נייע אומדרוקבאַרע בולבע זיינע, איז ער מיך באַפאַלן מיט אַ טיראַדע :

— אין געוויסע שטעט איז אַ מנהג — האָט ער געזאָגט, — אַז טויטע ווערן באַגראָבן און איר זענט גאָר געוואָרן אַ שרייבער! פאַר־וואָס — האָט ער געהאַט אַ טענה — זאָלט איר פאַרשפּרייטן וועגן מיר נישט געיאורענע און נישט געבוירענע בולבעס, וואָס איר זויגט אויס פון אייער אַרבל? איר וואָלט בעדאַרפט שרייבן וועגן קאַטאַס־טראָפעס, ווי, לויות, התונות און ענלעכע אומגליקן.

איך האָב אים געבעטן, ער זאָל מיר נישט געבן קיין אַרגומענטן, נאָר עטלעכע נייע בולבעס, ווייל איך מאַך אים באַרימט און לעגענ־דאַריש, און ער באַפאַלט מיך גאָר מיט וויצן, וואָס זענען געווען ניי. ווען מתושלח איז געווען אַ חדר יינגל.

איך האָב אים דערקלערט, אַז עס זענען פאַראַן פאַרשיידענע קאַר־טאָפלעס, נאָר זיינע זענען די בע׳טעמ׳טסטע. אָט האָט אַנומלט זיך אַריינגעכאַפּט אַ בולבע אין אַ קריטיק: עס האָט געדאַרפט זיין—

דער „עולם" האָט הנאה געהאַט, איז גאָר געווען — דער „גולם" האָט הנאה געהאַט.

— דאָס איז נישט קיין בולבע, נאָר אַ טעות, דאָס איז אַ זאָץ־פּעלער, איך מיין אַ זיץ־פּעלער, ניין, איך מיין אַ זעץ־פּעלער, — שלעכט אויפגעזעצט.

— דאָס איז נישט קיין זאָץ־זיץ־אָדער זעץ־פּעלער, נאָר אַ דרוק פּעלער — האָב איך אים אויפגעקלערט — אַ טעות, פּונקט ווי אייער טעות, וואָס איר האָט אַמאָל געמאַכט, ווען איר האָט געדאַרפט פאָרן קיין באָסטאָן און זייט גאָר פאַרפאָרן קיין מאָנטרעאָל.

—אודאי איז דאָס געווען אַ טעות — האָט ער זיך געהיצט. — איך האָב דעמאָלט גאָר געדאַרפט פאָרן קיין פּיטסבורג; האָב איך גענומען אַ באַן־בילעט און אנשטאָט אַ באַס, האָב איך גענומען אַ שיף קיין קוויבעק.

— זעט איר — האָב איך אים געזאָגט — דאָס איז שוין אַ זעץ־און-זיץ־פּעלער. איר האָט זיך אוועקגעזעצט אויף נישט דעם ריכטיקן זיץ. אָבער מען דערציילט אַ מעשה וועגן אייך מיט אַ גאָלדענעם זייגער:

איר האָט אַמאָל געדאַרפט איבערגעבן צו נייטן גאָלדבערג אַ מתנה פון דער טרופּע, אַ גאָלדענעם זייגער. האָט איר געזאָגט אַזוי: „איך האָב היינט דעם גאָלדענעם כבוד, אין דער אנוועזנהייט פון אַ גאָלדענעם עולם, איבערצוגעבן אונזער גאָלדענעם פריינט, נייטן גאָלדבערג, צוליב זיין אויפפירונג פון „דאָס גאָלדענע רינגעלע" אַ גאָלדענע מתנה, ווייל ער איז אַ גאָלדענער מענטש מיט אַ גאָלדען הארץ, און איז אַ גאָלדענער פריינט — גיב איך אים אַ מתנה אַ זילבערנעם זייגער".

ער איז אַ בול־בעל גאוה און ווייסט, אַז מוזיק איז נוצלעך אין אַ מעלאָדראַמאַטישער סצענע, דעריבער האָט ער בעת אַ פּראָבע געבעטן דעם דירינגענט און קאָמפּאָזיטאָר פון טעאַטער, אַז ער זאָל ביי אַ געוויסער סצענע שפּילן אַ שטיל שטיקעלע פון זיין אוואַנטורע, איך מיין אויבערטאָרע. איך פאַרשטיי, האָט דער קאָמפּאָזיטאָר געזאָגט, איר מיינט איך זאָל שפּילן פּיאַניסימאָ פון מיין אָווערטורע. יאָ, יאָ, האָט דער בולבאָלוואַן געענטפערט, דאָס מיין איך טאַקע.

אין דער פאָרשטעלונג ביי דער סצענע האָט דער אָרקעסטער, וואָס איז געזעסן אין אַ לאָזשע פון טעאַטער, געשפּילט פּיאַניסימאָ, אָבער דער בולבעניק האָט נישט געהערט קיין איין קלאַנג, האָט ער שפּעטער געהאַט אַ טענה, למאי דער אָרקעסטער האָט נישט געשפּילט. דער דירינגענט איז געוואָרן אין כעס און געשריגן, אַז דער אָרקעסטער האָט געשפּילט ווי איר האָט געוואָלט, פּיאַניסימאָ.

אַט דאָס הייסט ביי אייך פּיאַניסימאָ, האָט דער בול־בעל הבית׳ל געשריגן נאָך העכער: „עס האָט געדאַרפט דונערן מיט פּיאַניסימאָ״.

צו זיין בובלעאָגראַפיע דאַרף אויך צוגעשריבן ווערן דאָס פאָל־גנדיקע:

אין א סאָבוועי האָט א מענטש געפרעגט אינפארמאַציע, וועגן א געוויסער סטאַנציע. — „ווען איר וועט זען״ — האָט אים דער בולבעניק דערקלערט — „ווען איך וועל אַראָפּגיין, וועט איר דאַרפן אַראָפּגיין צוויי סטיישאָנס פריער״.

א געוויסע צייט איז ער געווען אַוועק פון טעאַטער, ווען מען האָט אים נעפרעגט די סיבה האָט ער געזאָגט. „וויפיל איך האָב נישט געאַרבעט אין טעאַטער, האָב איך קיינמאָל נישט פאַרדינט געגנוג צו האָבן א דאַך אונטער מיינע פיס.

אַט אָ דעם ליטעראַרישן בולבע־קוגעל איז מיר, דעם פאָרשער פון טראַדיציאָנעלער כעלמאָזאָפּיע און טעאַטראַלישער בולבעאָגראַפיע גע־לונגען צו קאָמפּילירן, ווייל פאַר מיר קייטלט זיך בולבעלאָגיע מיט וואָרטשלען, קאָלאָמבורטשיש מיט כעלמאָזאָפיע, דרוק־פעלער מיט נישט־געשטויגענע, נישט געפלויגענע פלאָפּלערייען אָן א זין און אָן א שכל, אָבער אַלץ פול מיט יידישן טעם, ווייל זיי שטאַמען פון די קוואַלן פון יידישן הומאָר.

צו זיין אַ למדן, אַ חכם — איז גאָר ניט אַזוי שפּאַסיק\
ווייל נישט אַלץ קען מען באַנעמען מיטין שכל;\
ווען איר הערט פון עפּעס, וואָס איר זענט נישט משיג\
קנייטשט מיטין שטערן און שווייגט מיט אַ שמייכל.

פאָלקס־טומל־עך

סיי דער קבצן און סיי דער גביר,
ביידע מיען זיך ביטער און שווער.
דער קבצן וויל עשירות אָן א שיעור
און דער עושר אָן א שיעור מער.

דער שוטה פלאפלט אומגעטראכט,
באווייזט זיין פלאכן שכל.
דער חכם האלט ס׳מויל פארמאכט
און רעדט בלויז מיט א שמייכל.

כדי דער גאנצער גוף זאָל נישט גאפן
און אלץ זאָל געמאכט ווערן פלינקער—
ווען די רעכטע האנט וויל עפּעס שאפן,
דארף זי וועגן דעם זאָגן דער לינקער.

א ייד אָן א פעקל איז גאָרנישט פאראן,
סיידן ר׳האָט נישט קיין יידישן אבר;
צרות און דאגות האָט ער כל זמן
ער ליגט נאָך נישט אין קבר.

די בעסטע קרעפּלעך כסדר צו עסן
מוז ווערן נמאס און צוגעגעסן.
זיי נישט כסדר בלויז איידל און נאָבל,
א ביסל איז גענוג,—אזוי ווי מיט קנאָבל.

ווייטער וואָלט דער מענטש דערפאָרן,
און אויך גלאטער און פיל שנעלער,
ווען ער וואָלט אין די יונגע יאָרן
געאוילט זיין גייסטיקן „פּראָפּעלער״.

מ׳קען א חזיר פירן אין מקוה
און באָדן אין טייערסטן וויין,
וועט ער תמיד קומען קריק ווי
א חזיר און בלייבן א שוויין.

שרייבט אזוי, מען זאָל פארשטיין אייך גרינגער,
אָן מליצה און פילאָזאָפישע מגידות,
כ'האָב פיינט צו דרייען מיט'ן גראָבן פינגער—
איך בין א פּראָסטער שאלעשידעס.

צום יידישן וויץ מיט א מאָדערנער ווערזיע
האָב איך נישט קיין שום אווערזיע;
נאָר געיידישטן הומאָר באקעמף איך ענערגיש,
צום גראָבן וויץ בין איך תמיד אלערגיש.

ס'איז מיר קיינמאָל ניט געווען פארשטענדלעך,
פארוואָס מען רופט עפּעס לשון—די מוטער-שפּראך.
ביז וואנען, אויסגעפונען האָב איך ענדלעך,
ווייל דער פאָטער שווייגט און די מוטער רעדט א סך.

מ'קען מאָלן די וועלט אין די העלסטע קאָלירן,
כאָטש מען טונקט דעם פּינזל אין טונקעלע פארבן,
און מ'קען מיט מרה-שחורה זי פארשמירן
און מיט ליכטיקע פלעקן זי פארדארבן.

נעם נישט פאר אומגוט א קיבעץ, א שפּאס,
לאָז דיר דיין געמיט נישט פארדארבן.
כבוד און שבחים וועסטו קריגן בשעת
די הספדים — ווען דו וועסט שטארבן.

דערשטיק אין זיך דיינע צרות מיט גאוה,
ווייל עס זיינען בעלי-טובות פאראנען,
וואָס וועלן דיך שטענדיק, ממש באהבה,
אָן דיינע אלטע צרות דערמאָנען.

עס מאכט צום סוף דער טויט
א סוף צו יעדער נויט.
נאָר אייביק איז דעם מענטשנ'ס שטרעבן,
דאָס ביים לעבן צו דערלעבן.

קיין האַרץ ווערט פון ליידן נישט געלייטערט און בעסער,
פונקט ווי פון זשאַווער ווערט ניט שאַרפער קיין מעסער.

פון פאַבלען וועגן חיות, זייערע מעשים און שטרעבן,
עס לערנען זיך מענטשן, ווי מענטשלעכער צו לעבן.

כיהאָב פיינט יעדע אַרבעט אָן אַ שום תירוץ—
נאָר פאַר די וואָס האָרעווען—האָב איך דרך אֶרץ.

וואו ס'איז דאָ אַ פייער, דאָרט איז אויך דאָ אַ רויך;
נאָר אַז מען האָט אַ קאָפּ, מיינט נישט, אַז מען האָט אַ מוח.

ווען מ'הערט פון אַ זקן צינישע פראַזע,
באַגרייפט מען: ר'איז מעגלעך אַנטוישט מיט זיין „פעקל";
נאָר ווען אַ יונגער וואַרפט אַרויס צינישע העזה,
רופט עס אַרויס בלויז באַדויערן און עקל.

איך האָב געהערט דערקלערן ווי אַזוי מען מאַכט פּאַפּיר,
מען נעמט אַסך שמאַטעס מיט אַלטע לאַטעס,
מען מישט און מען קאָכט זיי מיט אַנדערע שמאַטעס,
פון כעמישע שטאָפן מען מאַכט אַ געבריי
מען זיפּט און מען קאָכט אַלץ איבער אויפסניי
נאָכדעם גיסט מען דאָס שיטערע אויס
און דאָס געדיכטע וואַרפט מען אַרויס
ענדלעך נעמט מען און מען גיט זיך אַ ריר
און מען קויפט פאַר אַ גראָשן אַ בויגן פּאַפּיר.

אַזוי ווי מען ווייסט נישט אַזוי וועט נישט שאַטן,
איז נישט קיין מאָטאָ פאַר קיין משא מתן.

דאָס, צו וואָס איך האָב באַגער,
קומט מיר אָן געמאַטערט שווער.
און דאָס, וואָס יעדער האָט צו-זאָט,
קומט מיר אויך נישט אָן גאַנץ גלאַט.



צוזאַמען־שטות

שאַרף און שלייף אַ לאַנגע צייט דיין קאָפּ
ווײסטו אַלץ קענען טייטשן מיטן ריכטיקן טראָפּ

די אַרבעט און פּאָזיציע פֿון אַ יידישן פּרעס־אַגענט איז אין דערזעלבער שפּל׳דיקער בחינה ווי זיינע פּובליציסטישע דערגרייכונגען אין דער יידישער פּרעסע. גאָרנישט מיט נישט.

דער וואָס קלויבט זיך צו ווערן אַ יידישער פּרעס־אַגענט זאָגט דער זייער עקספּרעסיווער פּרעס־אַגענט בנימין ראָטמאַן, דאַרף זיך צוערשט לאָזן אויסשניידן זיין גאַל, באַפּעסטיקן זיין לעבער, פֿאַרפּאַנצערן זיין האַרץ און אָפּטויטן די נערוון. קיין ספּעציעלע אונטערזוכונג אויף זיין קאָפּ דאַרף ער נישט דורכמאַכן, ווייל דער וואָס ווערט אַ פּרעס־אַגענט האָט נישט קיין קאָפּ. ראָטמאַן פֿאַרמאָגט נישט קיין שפּלות־קאָמפּלעקס, ער האָט שטאָלענע נערוון און אַ ווייסע לעבער, דאַריבער אַרט אים נישט ווען זיין אַרבעט ווערט פֿון יעדן איינעם אין טעאַטער מינימיזירט. אַרטיקלען, אינטערוויוען, קריטיקן און בילדער וואָס דערשיינען אין דער יידישער פּרעסע וועגן טעאַטער צוליב זיין אינטערווענציע, זיינען נול אין פֿאַרגלייך מיט איין איינציקער שורה אין אַן ענגליש צייטונגל.

ראָטמאַן האָט צוויי רויטע בעקעלעך, זיי פלאַמען, זאָגט ער, ביי מיר תמיד פון בושה. זיין געמיט זעט שטענדיק אויס צע־פּאַטלט און צעשויבערט, אָבער ער פילט זיך קיינמאָל נישט פאַר־לוירן. ער טראָגט כסדר אַ בריוו־טאַש וואָס איז ווי צוגעוואַקסן צו אים. דאָרטן זיינען אָנגעדראָפּטשעט אַלערליי לויב־אינסטרומענטן; פּאָטאָגראַפיעס, קלישעס, מאַטריצן אָבער דעם וויכטיקסטער עלע־מענט פון זיין אַרבעט, סופּערלאַטיוון, שאָקלט ער אַרויס פון אַרבל. דער געניאַלסטער, באַרימטסטער, באַליבטסטער, גרעסטער־ קאָלאָ־סאַלסטער, געטליכסטער, הימלישסטער, חנ׳עוודיקסטער, גיגאַנטיש־סטער, ראַפינירטסטער, פלאַם־פייערדיקסטער, אומגעהייערסטער, פלינק־סטער, גרינגסטער, און דאָס וויכטיקסטע פון אַלע ווערטער, דער אייביק יונגסטער. ער דאַרף אויך קענען שיסן מיט פראַזן ווי: שטורעמדיקסטער דערפאָלג, התלהבות׳דיקסטער דערפאָלג, אומפאַר־גלייכבאַרסטער דערפאָלג און ער מוז זיינע קליענטן, די „געטליכע ליבלינגע" באַזינגען מיט אַזעלכע פראַזן ווי: אונזער אוצר׳דיקער, אונזער איינ־און־איינציקער, דער ליבלינג פון פאָלק, דער גאָטס־געזאַלבטער און ענליכע קאָלאָסאַל בעשיידענע ווערטער.

וואָס ווייניקער אַ פרעס־אַגענט קען יידיש, אַלץ גרעסער זענען זיינע שאַנסן צו ווערן אָפּגעשאַצט. אַ לויב־אַגענט טאָר ניט פאַר־מאָגן קיין וואָקאַבולאַר העכער ווי צוויי הונדערט ווערטער חוץ סופּער־לאַטיוון, אויב ער קען ווייניקער איז ער אַ בעסערער בעל־הו־ניק. ראָט־מאַן פילאָזאָפירט, אַז ער איז נישט קלוגער פון אַלעמען נאָר, אַז אַלע זיינען נאַרישער ווי ער, דאַריבער קען ער אַראָפּשלינגען אַלע אַרגו־מענטן וואָס ער קריגט און אַריבערטראָגן אַלע צוזאַמענ־שטות׳ן וואָס ער האָט. אַ לויב אַגענט וואָס שרייבט אַזוינס פון וואָס די קעפּ פון זיינע קליענטן ווערן געשוואָלן וועט צוליב דעם אָפּט ווערן איינגעדאַרט.

לויט די טעאָריעס פון טעאַטער־קאָמערסאַנטן דאַרף קיין רעקלאַם נישט דערציען, נאָר אָנציען און ציען. פּובליסיטי דאַרף אָפּנאַרן, פאַרנאַרן און אַריינגאַרן, טאָר נישט אויפקלערן, דערקלערן נאָר זיין אַזוי געשריבן, מען זאָל נישט דאַרפן קלערן. פאַר זיין אייגענער טובה וועגן מוז אַ פרעס־אַגענט אָפּט ווערן אַן אויספרעס-אַגענט, כדי ער זאָל נישט ווערן אויס פרעס־אַגענט.

יעדער יידישער טעאַטער האָט אויך אַן ענגלישן פרעס־פאָרשטייער, און יעדער איינער קוקט אַרויף צו אים. אויפן יידישן קוקט מען אַפילו

פון אונטן ניט אראָפּ אויף אים. ארום דעם ענגלישן גייט מען אויף די שפּיץ פינגער, אויף דעם יידישן טרעט מען מיט די קלעצל.

אַט הערט און קלערט: אַ געוויסער סטאַר און מענעדזשער, אויף וועלכן מען פלעג דאַרפן קוקן אייניקע מאָל צו זען, אַז מען זעט גאָרנישט, האָט איינמאָל שפּעט אין דער נאַכט, נאָך זיין אַפּזאָגן אַ פּעשל תהילים, דערזען, אַז אין זיין אַנאָנס איז ארויסגעפאַלן די שורה, „דער באַרימטער וואַרשעווער קאָמיקער", האָט ער באַלד טעלע־פּאָניש אויפגעוועקט זיין אַגענט, אים געזידלט, למאי אַזאַ קאַטאַס־טראָפע איז געשען און טאַקע געפאָדערט, אַז דער טעות מוז באַלד פאַרריכט ווערן. דער פּרעס-אַגענט איז אין דער ווינטערנאַכט אוועק צו די גאַזעטן כדי וויטערדיקע קאַטאַסטראָפעס זאָלן אויסגעמידן ווערן. ער האָט אַריינגעשטעלט די שורה, אָבער אויפן צווייטן טאָג איז אין „טאָג" געווען אנשטאַט „באַרימטער" דאָס וואָרט „באַליב־טער". האָט ראָטמאַן ווידער געקראָגן אַ שאָק מיט ארגומענטן פאַרוואָס דער סטאַר איז אין „טאָג" באַליבט און אין „פאָרווערטס", „מאָרגן זשורנאַל" און „פרייהייט" איז ער באַרימט. ראָטמאַן האָט נישט געזען די גוואַלדאַוונע עולה און געפרעגט: אפשר זאָלן מיר שרייבן אין אַלע צייטונגען ביידע ווערטער? „דער באַרימטער און באַליבטער וואַרשעווער קאָמיקער". ניין! האָט דער קאָמיקער טראַ־גיש געשטורעמט: דאָס איינציגע וואָרט וועט דעם טעאַטער פינאַנ־ציעל רואינירן.

סטאַרס, זאָגט ראָטמאַן, זיינען שטערן, ווייל זיי שטערן. אין דעמזעלבן טאָג, האָט דערזעלבער שטערן אריינגעשטעלט אין איין ענגלישער צייטונג איין אַנאָנס וואָס האָט געקאָסט מער ווי אַלע אַנאָנסן אין אַלע פיר יידישע צייטונגען דורך דער גאַנצער וואָך.

דער פּרעס־אַגענט דאַרף בודק זיין אַלץ וואָס דער טעאַטער פּובליצירט. כדי צופרידנצושטעלן די גרויסע מאַסע גויים (?) וואָס לויפן אין יידישן טעאַטער, האָבן די טעאַטערס איינגעפירט, אַז אין פּראָגראַם ווערט געדרוקט אַ קורצער סך הכל פון דער פּיעסע אין ענגליש. דער מחבר אָדער רעזשיסער שרייבט דעם סכל הכל אין יידיש, גיט דאָס צום יידישן אגענט וואָס גיט דאָס צו אַ פּיאיקן ענגליש־יידישן שרייבער צום איבערזעצן און אַזוי ווערט דאָס אָפּ־געדרוקט איז פּראָגראַם.

אין איין טעאַטער האָט געטראָפן, אַז דער ענגלישער פּרעס־אַגענט האָט איבערגעלייענט די איבערזעצונג און זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ

און געשריגן, אז אזא „סינאפּסיס״ טאָר נישט געדרוקט ווערן. עס איז צו יידיש. די ענגלישע קריטיקער וועלן נישט וועלן קומען אין טעאטער אריין, ווייל עס איז צופיל מאָל דערמאָנט דאָס וואָרט „דזשו״ און „דזשוז״. אין די נאָטיצן וואָס איך שרייב שטייט דאָך, אז אין טעאטער ווערט גערעדט דריי פערטל ענגליש און דאָ פּלוצים „דזשו״ און „דזשוז״. נאָך דער טיראַדע האָט ער אליין אָנגעהויבן צו רעדאַקטירן דעם סך הכל און פאַרביטן יעדן „דזשו״ מיט דעם נאָמען פון העלד און „דזשוז״ אויף „היז פּיפּל״, ווי למשל: דער פּאָליציי נאַטשאַלניק האָט אָנגערייצט דעם המון צו אַ פּאָגראָם אויף זלמנ׳קעס גלויבנס-גענאָסן.

עס איז אַפילו שווער צו טרעפן אויף וועלכן פאָלק אַ נאַטשאַלניק פון וועלכן לאַנד האָט גערייצט צו פּאָגראָמען און אונטערדריקט די ברידער פון זלמנ׳קען. הכלל ער האָט געמאַכט אַ פּאָגראָם און פאַרטריבן אַלע „דזשוז״ פון פּראָגראַם.

ראָטמאַן האָט זיך ענדליך אַריינגעמישט און הומאָר׳דעט: ווען איר וואָלט מיך געפאָלגט וואָלט איר געמאַכט אַ קורצן סך הכל מיטן קורצן סך הכל און געטאָן ווי עס האָט געטאָן אַ געוויסער אַנטיסעמיט בשעת דער מלחמה, ווען מען האָט אים פאַרבאָטן צו אַטאַקירן יידן. אומעטום וואו ער האָט געדאַרפט זאָגן „דזשו״ האָט ער געזאָגט „עסקימאָ״. פאָלגט מיך, שטעלט אומעטום אַריין עסקימאָ און דער פּראָגראַם וועט ווערן „יודן-ריין״ לויט אַלע כללים און געזעצן פון היטלערס נירנבערג.

אַ יידישער פּרעס-אַגענט איז צופרידן צו קריגן זיין געהאַלט אָן אַרגומענטן און ער דערוואַרט קיינמאָל נישט קיין „באָנוס״ אָדער מתנה.

אַ געוויסע ליטעראַרישע סטאַרוכע, וואָס האָט זיך געשאַפן אַ רענאָמע בלויז דורך יידישע ציטונגען איבער דער גאָרער וועלט האָט אין איין געוויסן סעזאָן געהאַט איר בילד אָפּגעדרוקט מער ווי דרייסיק מאָל אין די פיר ניו יאָרקער יידישע ציטונגען. אין ענגלישע ציטונגען איז איר בילד אין דעם סעזאָן דערשינען בלויז דריי מאָל. דער ענגלישער פּרעס-אַגענט האָט געקראָגן אַ ווערטפולע מתנה און דער יידישער פּרעס-אַגענט וואָרט נאָך כאָטש אויף אַ מאַסקירטן שמייכל. ווען איך וועל, האָט ראָטמאַן געזאָגט שמייכלענדיק, קריגן דעם שמייכל וועל איך אָנשרייבן אַן עסיי און אָפּדרוקן אין אַלע ציטונגען, אָבער איך האָב מורא זי לייענט נישט קיין יידיש.

פאַראַן געוויסע מענטשן וואָס זענען געווים גגרויסע נאַראָנים מיט זייער געוויסנהאַפטער בעהויפּטונג, אַז קיין געוויסע זאַך אין דער וועלט איז נישט געווים. נאָר, אַז דער יידישער פּרעס־אַגענט פון יידישן טעאַטער איז אַזוי נויטיק ווי דער זיבן און זיבעציקסטער ראָד צום וואָגן, דאָס אַז געווים, געווים.

פתי׳מיזם

ס׳איז אָפּטמאַל וויכטיק און כדאי,
נישט צו זיין עקשנותידיק פּעסימיסטיש
און באַטראַכטן פּראָבלעמען אויפסניי,
און בלייבן פאַרדעכטיק אָפּטימיסטיש.

צו דערגרייכן דעם פּראָסטן פאָלקס-פילאָזאָף
וועל איך זיך באַמיען צו קריכן אַרויף.
ווייל עס קען מיך קיינער נישט שלעפּן אַראָפּ
צו איינעם וואָס פלוידערט וואולגאַר און גראָב.

דער מענטש איז יונג
ווען ער טרוימט און פאַנטאַזירט פון מאָרגן,
דער מענטש ווערט אַלט,
ווען ער הויבט אָן וועגן היינט בלויז צו זאָרגן,
דער מענטש איז אַלט
ווען ער הויבט אָן פון נעכטן צו טרוימען און באָרגן.

דו קענסט אַ קיבעצער שטאַרק קרענקען,
אַז ער זאָל ווערן דענערווירט גיך,
ווען דו קענסט אים נאָר מאַכן דענקען,
אַז יעדער קיבעץ אַמוזירט דיך.

איך בין גענוג דערפאַרן, צו באַנוצן די מעטאָדע,
ווען עמיץ וויל מיך נאַרן, זיך צו מאַכן כלא ידע.

פאַר דער צוקונפט צו זיין גרייט און פּאַרטיק,
איז דער בעסטער אופן מיר שיינט:
זיך אָנזאַפּן, אָנזאַמלען א סך געגענוואַרטיק
און גוט זיך אָנלעבן היינט.

אינזיכאָלאָגיע

עס איז מיין חסרון נישט קיין קליינער,
וואָס מיין פוסטע גאוה איז גרויס,
סיפּרעגט זיך ניט קיינמאָל אויף מיר קיינער
ווען איך פעל פון ערגעץ אויס.

נישט דאָס נעכטיקע יאָגן און זאָרגן
מאַכט היינט פון מיר אַ תל,
נאָר דער היינטיקער שרעק וועגן מאָרגן,
וואָס קומט אָן אַזוי שנעל.

איך וועל איבערמישן אַ נייעם בלאַט
און באַגינען אַ נייעם קאַפּיטל,
נאָר מאָרגן וועל איך אויך אַקוראַט
ווי היינט, אויך דרייען אַ היטל.

צו וואָס זענען נויטיק נודניקעס אַזאַ צאָל?
דאָס איז מיר גאָר שווער צו פאַרשטיין.
ווייל מער ווי פון אַנדערע ווער איך אָפּטמאָל
פאַרנודיעט פון זיך אליין.

איך וואַרף אין שפּיגל אָפּט אַ בליק,
זיך צו באַקוקן דאָרט פערזענלעך
נאָר עמיץ קוקט אויף מיר צוריק,
וואָס איז נישט צו מיר ענלעך.
דער עמיץ צווייפל אין מיר וועקט—
ער פרעגט מיט זיינע בליקן:
וואָס האָסטו מיט דיין קוק באַצוועקט,
וואָס זוכסטו פאַר אַ גליקן?
איך בין קיין עין הרע יונג
איך גאַף און בין פאַרוואונדערט,
און יענעם דאָרטן פעלט אויס שוואונג,
ער זעט אויס אַ יאָר הונדערט.

ווען איך קנײטש מײן שטערן אין צרות און אין זאָרגן,
איז עס נישט קײן פילאָזאָפיע ווענן גרויען מאָרגן,
נאָר וואו קאָן איך ערגעץ לײען, וואו קאָן איך עפּעס באָרגן.

עס גײט מיר זיגזאַגיש: אָט גוט און אָט שלעכט
כ'בין קײנמאָל נישט שולדיג, נאָר זעלטן גערעכט.
מײן דאָליע איז טרויריג, מײן לאַגע גאָר טראַגיש;
ווען סידאַרף מיר זײן זיג־יש — ווערט מיר גאָר זאַג־יש.

נישט אַלע תענוגים פון מײן הײנטיקן לעבן
בין איך מוכן ומזומן אויפצוגעבן;
ווײל נאָך מײן גאַנצן האָפן און שטרעבן
האָב איך מער ווי ווײניקער צו געבן.

צו פיר זאכן האָב איך א שלעכטן זכרון:
כ'געדענק נישט קײן פנים'ער, קײן נעמען, קײן יאָרן,
און די פערטע זאך, וואָס איך פארגעס כסדר,
איז דאָס, וואָס כ'האָב נישט געלערנט אין חדר.

קײן קללה און קײן עין־הרע האָט קײנמאָל
נישט געשטערט מײן וואוילזײן.
ס'איז מיר בלויז געגאַנגען שלים־שלימזל
צוליב מײן אײגענעם פוילזײן.

און אפשר בין איך נישט דערוואקסן אינגאנצן
צו ווערן געזעצט און שווינען מײן טוגנט—
מיך רײצט נאָך צו פליען, יאָגן און טאנצן,
איך בין ערשט קוים אין מײן דריטער יוגנט.

איך האָב א שטארקן פארדאכט, מײנע חשדים זײנען טיפע,
אז די שבחים, וואָס מען מאכט מיר, זײנען בלויז חניפה.

איך דאַר זיך מײן קאָפּ און קנײטש מײנע ברעמען,
אויפצוקניפּן פלאָנטערס פון וועלט־פּראָבלעמען.

איך קאָן נישט געדענקען, עס איז מיר א פאַרדרוס,
איך האָב עפּעס פאַרגעסן, נאָר איך ווייס ניט וואָס.

חכמים, וועמעס געדאַנקען איך אַקצעפּטיר גיך,
זענען אַזעלכע, וואָס דענקען פּונקט ווי איך.

פונ׳ם וויגל ביז׳ן גרוב, אַלע יאָרן זיינען טריב,
פונ׳ם וויגל ביז׳ן גרוב, יענע יאָרן האָב איך ליב.—

איך וויל זיך נישט לויבן, איך בין קיין סנאָב ניט,—
אָבער וואָס האָט דען יענער, וואָס איך האָב ניט?

כ׳האָב ליב קאָמפּלימענטן, איך גאַר נאָך לויב
צו הערן פון מענטשן, אין וועלכע איך גלויב.

צו לעבן ווי טאַטע־מאַמע האָבן געבאָטן
האָב איך קיינמאָל נישט באַגערט.
כ׳האָב תמיד מיין אייגענעם וועג אויסגעטראָטן
און גענומען וואָס מיר איז באַשערט.

„מ׳דאַרף פאַר א רעגנדיקן טאָג אָפּשפּאָרן"—
דאָס ווערטל איז באַנאַל און אויסגעדראָשן.
פאַר מיין מי און האָרעוואַניע פאַר א צענדליק יאָרן
כ׳האָב אָפּגעשפּאָרט א שירעם מיט קאַלאָשן.

אַז עס לוינט זיך צו זיין גוט און פרום,
קומט מיר פאָר עפּעס טשודנע.
צו ווייניק זינדער זיינען קרום
און צופיל גוטע — נודנע.

פאַדעשוועדיק און ווי א פאַדעשווע דיק
דאַרף מיין הויט ווערן ביי מיר,
כדי עס זאָל קיינער ניט, קריכנדיק—
פאַרקריכן אונטער איר.

דער אימפּעראַטאָר

פון ניו יאָרק ביז מעקסיקאָ סיטי און צוריק, איבער דער לענג און ברייט, זענען פאַרשפּרייט די וואונדערווערקע פון פּאָעט אימפּע־ראַטאָר סעמיועל בורשטיין, נישט פאַר קיין שום יידן געדיכט.

ווי אַ בית עולם מיט מתים, ווי אַ הונט מיט פליי, אַזוי איז זיין מח שוואַנגער מיט נאָך נישט געבוירענע ווערקע, ער איז אָבער אַזוי פאַרליבט אין זיין נשמה אויסגוס אָדער „הערצענס" אויסברוך, אַז ער קאַרגט זיי פאַר דער פּאָעזיע דורשטנדיקער מענטשהייט און דאַ־ריבער איז ביי אים קיינמאָל נישט צו ווייט פון איין טאָוול צום צווייטן.

נאָכדעם ווי ער האָט איינעם פאַרקויפט זיינעם אַ בוך און דער קרבן האָט בלויז איין בליק אַריינגעוואָרפן, האָט אים דער קונה געפרעגט איר זענט אַ פּאָעט? האָט בורשטיין געענטפערט בעשיידן, „מער ווייניקער". דער קרבן האָט אים צוריקגעגעבן די פאַרגעוואַל־טיקטע פּאַפּירן מיט דער באַמערקונג: אסך מער ווייניקער און וואָס ווייניקער איר וועט דיכטן אַלס מער וועט מען לייענען, — וועמען מען דאַרף.

זיינע לידער זענען אַמאָל אין אַ פּאַריזער צייטונג אָפּגעדרוקט געוואָרן מיט'ן קאָפּ אַראָפּ, אָבער דאָס איז נישט געווען קיין גענ־יאַלער אויפטו, ווייל דער פּאָעט בורשטיין וואָס דיכטעט פערזן און פערזנט דיכטונג, האָט דעמזעלבן ריח פון אַלע זייטן און שפּיצן. פון אונטן אַרויף, פון אויבן אַראָפּ, פון לינקס צו רעכטס, זיג־זאַגיש אָדער פון אַלע זייטן מיט איינמאָל לאָזן זיי זיך הערן מיט דעמזעלבן קלאַנג.

וואַלטן זיינע לידער געדרוקט געוואָרן אויף בלעך, וואָלטן זיי גע־קראָגן דעם אמת'ן קלאַנג ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ קאָסמישן דיכטער, אויף וועמענס וויזיט קאַרטל ער האָט זיך געלאָזט אָנדרוקן „סעמיועל בורשטיין, פּאָעט אימפּעראַטאָר פאַן דער יודישער ליטהעראַטור, ניו יאָרק, פערהאייניקטע שטאַטן, אַמעריקע, אוניוועריז, ערד־קוגעל".

עס איז מעגליך, אַז ער האָט דאָס געטאָן מיט דער כוונה, כדי די קומענדע ליטעראַטור מ'פאַרשערים זאָלן זיכער זיין אַז אויף קיין אנדער וועלט, אוניווערז, פּלאַנעט אָדער שטערן, נאָר בלויז אויף דעם ערדישן אוניווערז האָט אַזאַ אָרגיע־ניאַליטעט געקענט אָנ־אוניווערזיען אַזאַ קוגעל, אָבער עס איז אויך פאַראַן אַ סברה, אַז ווען ער הויבט אָן צו מוזעלען ווייסט ער טאַקע אַליין נישט אויף וועלכן אוניווערז ער איז, ווייל אַזאַ דיכטונג איז זיכער נישט פון דער וועלט.

ער פּלעגט זיך ערגערן, למאי ער האָט נאָך קיינמאָל נישט גע־וואונען דעם לאַמעד־פּרייז פאַר זיין דיכטונג, אָבער קאָלעגן האָבן אים איבערציינגט, אַז עס איז בעסער קריטיקער זאָלן פרעגן: „פאַרוואָס האָט דער אימפּעראַטאָר נישט געוואונען דעם פּרייז?" איידער, פאַר־וואָס עפּיס האָט דער אימפּעראַטאָר יאָ געוואונען דעם פּרייז?"

ער האָט זיך געלאָזט אסך לייכטער איינרעדן צו טראָגן די אימ־פּעראַטאָריש־לאָרבערישע קרוין פון דיכטונג, איידער עס נעמט אים איינצורעדן אַ נאָר פרעמדן און נאאיוון לייענער צו קויפן זיין בוך מיט פּאָעטישן שמאַטעריאַל וואָס הייסט דאַכט זיך „דער קאָסמישער חלל פון פּסיכיש אַטאָמישע שטורקאַצן," אָבער עס איז נאָך קיינמאָל קיינעם נישט געלונגען אים צו איבערציינגן, אַז מיט זיין פּאַרנייען און פּאַרזייען פּאָעזי, האָט די וועלט פאַרלוירן אַ געניטן קאַמאַשן שטעפּער, ווייל לויט זיין פערזענליכער פּאָעטישער מיינונג, מוז יעדע גייסטליכע זעעלע, וואָס שוועבט אַרום, טעלעפּאַטיש מאַגנעטיזירט ווערן צו אומ־וועלצונגען און דאַריבער טאָר זיך קיין שוסטער נישט האַלטן ביי זיין דראַטווע. ווען עס הויבט אָן צו בורשטשיין, מוז די קאָנסטיפּירטע נשמה געבן אַזאַ שאָף, אַז יעדער זאָל זאָגן, דאָס איז געווען אַזאַ ככתוב, אַז דער גאַנצער קאָסמאָס האָט עס דערהערט און וועט זיך קיינמאָל נישט אויפהערן צו לאָזן הערן.

ער איז תמיד געווען און פאַרבליבן אַ גאָרנישט,
ער האָט עס באַוויזן מיט אַלערליי סמנים.
פּרינציפּן, אידעאַלן האָט ער אויף קיין האָר נישט,
ער זאָגט, עס רעגנט, ווען מ'שפּייט אים אין פּנים.



דער רעב פרעזענטאנט

חנא דער באַוואוסטער האָט מער אומבאַוואוסטזיניקע פונקציעס, ווי באַוואוסטזיניקע פונקען. וואָס קיינער וועט אין דער פועלי ציון פאַרטיי קיינמאָל נישט וואגן פאַרצואווארפן אַן אָפּאָנענט, וואַגט עס חנא מיט אַזעלכע הרג'ומענטן וואָס פריטשמעליען.

חנא קאָכט זיך מיט אַלעמען, ווערט לייכט אויפגעקאָכט און איז פארקאָכט און אויסגעקאָכט אין כמעט אַלע פּאָלישן פון פּאָליטישן ציוניזם, — וואו ער איז אַזוי וויכטיק און פּאָפּולער ווי אַ בעזים אין אַ היים.

חנא איז אימפּאָרטירט געוואָרן קיין ניו יאָרק אַלס אַקטיאָר. באָרים טאָמאַשעווסקי האָט אים געזען עמאָציעווען געגן אַ כאָפּטע יידישע מיסיאָנערן אין טאָראָנטאָ, ביי וועלכע ער איז געווען זייער אומפּאָפּולער און אין געפאַר, צוליב זייערע, מיט יעזוס'דיקער ליבע אָנגעטאָפּטשעטע, קריסטליכע קאָלעגן „פּאָ פּאַכו", און ער האָט אים אַריבערגעבראַכט קיין ניו יאָרק, וואו ער האָט זיך שנעל איינגעשפּילט אין זיין ראָל אַלס חנא דער באַוואוסטער. אָט די ראָל שפּילט ער שוין צענדליקער יאָרן, טאָג איין טאָג אויס און גאַסטראָלירט אומעטום אויף באַנקעטן, קאָנגרעסן, קאָנפערענצן, מיטינגען און ענלעכע פאַרזאַמלעכצן וואו ער איז נישט געלאַדן. ער מוז דאָרט זיין, ווייל אָן זיין פּעטשאַט, ווי ער זאָגט, איז יעדער מיטשינג אַ צאָן בלא רואים. ווי אַ שטויסל אָן אַ קלאָפּער, ווי אַ זייגער אָן אַ ווייזער, ווי אַ שופר אָן אַ בעל תוקיע.

איך קלאפּ, ווייז אַן, בלאָז תקיעה גדולה און עס ווערט לעבעדיק.

די אינטערעסאַנטסטע פראַזע וואָס ער קען אַרויסברענגען אין וועלכן נישט איז געשפּרעך איז „גוד באַי". „שלום".

וואו מען פאַרזייעט אים נישט וואַקסט ער אויס. אפילו אויף אַזעלכע פּאָרמעלע אונטערנעמונגען וואו פּרויען זענען אַזוי דעקאָל־טירט, ווי ער האָט עס קיינמאָל נישט געזען ביי קיין אינטימער געלעגנ־הייט, סיידן, — ווען ער איז אַנטוויינט געוואָרן. חנא דוצקעט אַלעמען און קלאַפּט יעדן אין דער פּלייצע. אין זיין וואָקאַבולאַר איז נישט פאַראַן קיין וואָרט „איר", חוץ ווען ער איר'זשעט און האָט הנאה ווען ציוניסטישע גדולים ליגן אַריין זייערע לאַצן אין זיינע הענט און הערן זיך צו צו זיינע סטראַטעגישע פּלענער וועגן גאולה און גמילת חסד.

חנא איז געוואַלדיק אַבערגלויביש צו אַרבעט. ער וועט קיינמאָל נישט אַרבעטן אין אַזאַ וואָך אין וועלכער עס איז פאַראַן אַ שבת. די בעסטע מלבושים טראָגט ער, איינגעטראָגן און אויפגענייט פאַר מאָרים שוואַרצ'ן און אַנדערע וואָס האָבן די זכיה צו זיין פון דער־זעלבער גרויס ווי ער. בלויז מיט שיך האָט ער צרות. זיינע פיס האָבן אַ לעגענדאַרישן שם. גלית הפלישתי און עוג מלך הבשן האָבן אויך געהאַט גרויסע פיס, נאָר קעגן חנא'ס זענען זיי געווען מיניאַטורן. דזשעק דעמפּסי און גרעטאַ גאַרבאָ האָבן אויך קאָלאָסאַלע טרעטערס, נאָר קעגן חנא'ס זיינען זיי ליליפּוטיש, שרעטלדיק און מיקראָסקאָפּיש. חנא'ס שיך זיינען פון אַזאַ גיגאַנטישער פּראָפּאָרציע, אַז מען וואָלט זיי געקענט פאַרדינגען פאַר גאַנצע דירות, נאָר ווער וויל דאָס וואוינען אין יענעמס שיך. אָבער, אַז חנא'ס שיך הויבן אָן צו געניצן און ער הויבט אָן זוכן קויפן שיך, לאָזט ער זיך אַרויס אויף אַן עקס־פּעדיציע. ער שפּאַנט איין זיינע פיס און שפּאַנט אויס גאַנץ ניו יאָרק מיט אַלע שיך געשעפטן און דעפּאַרטמענט סטאָרס, אָבער אומזיסט. איינמאָל, האָט ער אַזוי געשפּאַנט איבער ניו יאָרק און נישט געקענט געפינען נישט קיין שיך, נישט קיין שטיוועל, נישט קיין שטיוולעטן, נישט קיין סאַנדאַלן און אפילו נישט קיין שטעק שיך אָדער פּאַנטאָפל.

די גרעסטע פּאָר וואָס ער האָט אָנגעמאָסטן, זענען קוים אַרויף אויף זיינע פינגער, אָבער ווייטער האָבן זיי זיך נישט גערירט כאָטש גיב זיי אַ פּאָר פרישע זאָקן.

אַ פּאַרצווייפלטער האָט ער אָנגעהויבן צו מאַכן פּלענער, צו קויפן אַ פּאָר פידל־שאַכטלען און זיי טראַנספאָרמירן אין שיך. פּלוצים, אין סאַמע מיטן פון זיינע מוזיקאַלישע געדאַנקען האָט ער זיך גע־פונען לעבן אַ שיך געשעפט אין אַ גאַס אין ניו יאָרק, וואו מען קען

אפילו קריגן איבערגעניצעוועטע תכריכים. עס איז אים ליכטיק גע־וואָרן אין די אויגן. אין פענסטער האָט ער דערזעען אַ פּאָר שיך, אַזוי גרויס ווי צוויי קריגסשיפן. מיט איין שפּאַן איז ער אַריין אין געשעפט און זיך געהייסן ווייזן די טרעטערס, וואָס חריי אָנגעשטעלטע האָבן שוויצנדיק אַרויסגעשלעפּט און אים געהאָלפן אַרויפשלעפּן אויף די פיס. די שיך זענען געווען ענג, אָבער „עס מאַכט נישט אויס", האָט חנא געזאָגט, „יאָך וויל זאַן סטאַיליש". ווען דער קרעמער האָט אים געזאָגט דעם פּרייז, איז אים פינסטער געוואָרן אין די הינטער־אויגן. „וואָס האָיסט, עטס ווילט אַזוי פיל געלט?" האָט ער געפרעגט.

דאָס איז נישט קיין סך, האָט אים דער קרעמער געענטפערט, ווען איר זאָלט אויסגיין גאַנץ ניו יאָרק, וועט איר נישט געפינען נאָך אַזאַ פּאָר שיך. אָבער חנא איז גאָרנישט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך און געענטפערט, „און ווען עטס זאָלט אויסגיין די גאַנצע וועלט, וועט עטס דען געפינען נאָך אַזאַ פּאָר פיס?"

קיין ציוניסטישער קאָנגרעס אָדער צוזאַמענפאָר איז נישט פולקאָם אָן חנא'ן. פאָרן פון ניו יאָרק קיין תל אביב און צוריק, איז ביי אים אַ קאַמער-קאַמער־הויז שפּיל, ער פאָרט אַהין און צוריק אַסך לייכטער, ווי מען פאָרט פון בראָנקס קיין ברוקלין. חנא איז דער רעב פּרע־זענטאַנט, דער גבאי פון זיין פּאַרטיי. אין ניו יאָרק קריגט ער אַ באַנקעט צוליב זיין אָפּפאָרן און אין תל אביב ווערט באַלד ביי זיין אָנקומען געפּראַוועט אַ באַנקעט אים צו צוריקצושיקן. ביי זיינע באַנ־קעטן בעט ער, „מען זאָל וואיניק רעדן", ווענן אים, „וואָס וואיניקער עטס וועט דרשן אַלץ געזונטער עט עס זאַן פאַ'מיר". אָבער ווען ער אַליין דבר'ט איז דער תוכן אַזוי מאַסיוו, אַז עס קען נישט אוועק־געבלאָזן ווערן פון איין קינדערשן נאָס, סיידן פון צוויי. ער רעדט אַ פּוילישן יידיש אויף די העכסטע אָקטאַוון מיט אַ פאַלצעטאָ. ער האָט ליב זיך צו לאָזן הערן, ווייל ער וויל, אַז יעדער זאָל וויסן, „יאָך בין אַ באַשיידענער מענטש".

א שרעטעלע וועט צווישן גייסטיקע ריזן
תמיד פאַרבלייבן אַ ליליפוט.
נאָר צווישן לצים האָט שוין אָפט באַוויזן
אַ גאָרנישט צו ווערן אַ לאַפּיטוט.

פתי׳מיזם

יאָרנלאַנג לערנט דער מענטש זיך ריידן,
כדי אַנדערע צו קאָנען איבערציינגן;
נאָר שכל קריגט ער, ווען ער ווערט באַשיידן
און ענטפערט כסדר מיט אַ שווייגן.

כיהאָב פיינט אין קונסט־לשם־קונסט זיך צו גריבלען,
טענדענציעזע דיכטונג איז גאָרנישט מיסטעריעז מיר,
זי קען מיך קיינמאָל נישט פאַרנודיען אָדער איבלען,
פונקט ווי דאָס שפּילן פון אַ פּייאיקן קלעזמער.

סיידן מען ווערט אין אַ שטימונג געבראַכט,
בלייבט מען פאַר זיך אָפּגעזונדערט,
און פאַראַן מענטשן וואָס בלייבן פאַרטראַכט
און אויך עלנט צווישן אַ הונדערט.

זאָגט ווער עס זענען אייערע פריינט,
וועט מען אייך זאָגן ווער איר זענט.
זאָגט וואָס און וועמען איר האָט פיינט,
וועט מען וויסן וואָס איר קענט.

פרייד איז אָן אינספּיראַציע פאַר בויער,
און רעגט אָן אַ שעפערישע נאָטע·
טרויער ברענגט פוילקייט און באַדויער
און אַ פּנים פול מיט חרטה.

ווען איינער רעדט פון זיין עניוות,
דאַן מעדסטנס אים מען גלויבט נישט,—
דער וואָס באַשיידן און נאַאיוו איז
רעדט וועגן זיך איבערהויפּט נישט.

מיט א חלב׳ן ליכט׳ל און נישט מיט קיין פאקל
איז גענוג צו באלייכטן קליינע, טונקעלע ערטער,
ס׳איז נישט נויטיק צו מאכן א גאנצן ספּעקטאקל,
וואס מ׳קאָן אילוסטרירן מיט צוויי־דריי ווערטער.

זלמן קיכאָט און סאַנטשאַ מערקור

אין דער ווינטיקער שטאָט שיקאַגאָ, אין וועלכער איך בין אין יאָר 1922 אַריינגעפאַלן ווי אַ ציגיינער, מיט אַ טעאַטער טרופּע און דאָרט געבליבן שטעקן, האָב איך מער נישט געפונען קיין אינהאַלט. איך האָב זיך ביסלעכווייס אויפגעבאַפּט פון הינערפּלעט און געפאָדערט אַן אַנהאַלט. יאָר נאָך יאָר זיינען אַוועק — קיינמאָל נישט צוריק־צוקומען — צוזאַמען מיט מיין אַנולירטער טעאַטער־קאַריערע. וואָס ווייטער אין עלטער, איך און די יאָרן, אַלץ מער האָב איך דערפילט, אַז איך גענעץ אַוועק מיין לעבן. איך האָב קעגן זיך רעוואָלטירט מיט אַ פּאַסיווער רעזיסטענץ. ווייל די מסחרים, מיט וועלכע איך האָב זיך זייט 1924 פאַרנומען, האָבן מיר כמעט פאַרשלונגען, און זיינען, צוליב מיין גוואַלדאָוונער אַפּאַטיע, געוואָרן מיקראָסקאָפּיש. איך האָב אָנ־געהויבן פאַנטאַזירן, אַז פּונקט ווי ביי מיין מיטאָלאָגישן עלטער־עלטער־עלטער זיידע מערקור, זיינען אויך אויף מיין שטערן פּראָן פליגל, און מיין רוקנביין, וועלכער איז שוין געווען אַזוי ווייך ווי פּעטשאַ און אַזוי געבויגן ווי דער שטעקן פון אייביקן וואַנדערער, האָט זיך פּאַמעלעך אָנגעהויבן אויסצוגלייכן, שטייף ווערן . . . גאַנצע אַכט יאָר בין איך אומטריי געווען דער געטין מעלפּאָמענע, און פּלוצים איז אַ יידישער שרייבער, וואָס האָט אויסגעוואַנדערט די פּאַלישן פון יידישן טעאַטער איבער גאָר דער וועלט, געקומען צו גאַסט קיין שיקאַגאָ און מיר אָנגעבאָטן אַ תיקון.

אָן שום טענות האָב איך אָנגענומען אַלע קאָנדיציעס: צוצושטעלן מיין אויטאָמאָביל, דעקן אַלע קאָסטן פון דער רייזע, זיין דער שאָפער, פאַרקויפן ביכער און פּלעט־בילעטן, שאַפן נייע אַבאָנענטן, אויפזוכן נייע היסטאָרישע מאַטעריאַלן וועגן יידישן טעאַטער, זיין דער רייזנ־דער סעקרעטאַר פון לעקסיקאָן־קאָמיטעט. בכלל און בפרט האָב איך געדאַרפט טון אַלץ, וואָס עס וועט זיך לאָזן און נישט לאָזן אין משך פון 24 שעה אַ טאָג — זיבן טעג פון דער וואָך, אין די דריי און אַ האַלב חדשים, וואָס מיר וועלן קאַראַוואַנעווען איבער אַלע שטעט און שטעטלעך, פון שיקאַגאָ ביז לאָס אַנדזשעלעס און צוריק ביז ניו־יאָרק.

איך האָב אָנגעסטראָיעט, אָפּגעצוואָגן און געכשר'ט מיין אויטאָ־מאָביל, אָנגעהויפּט אַכט הונדערט פונט לעקסיקאָנען, צוגעדעקט מיט אונזערע פּערזענלעכע פּאַראַפּענאַליעס און זינגענדיק „אָנגעלאָדן מיט אַלדאָס גוטס" פון „שולמית", האָבן מיר אָנגעהויבן די צענטוויזנט־מייליקע וואָאַנטוריסטישע עקספּעדיציע איבער אַמעריקע.

פאר מיר, א כמעט געוואָרענעם „בעל הביתל", איז די רייזע געווען אי א שווערע אוואַנטורע, אי א פיינלעכע עקספּעדיציע. מיר האָבן אָנגעהויבן נישטערן, זיגזאַגעווען און זוכן לעבעדיקע, זשיפּענדיקע און וועגעטירנדיקע יידן — גאַנצע, האַלבע און פיר־און־זעכציקסטל אינטעליגענטן מיט וויטאַלע חושים פאַרן יידישן וואָרט, בוך און טע־אַטער, און למאי זאָל איך לייקענען, מיר האָבן אין פּראָפּאָרציע גע־פונען קוים, קוים, געגוג . . . באַרעכטיקונג, אז קיין יידישע שטאָט זאָל נישט דאַרפן פאַרברענט ווערן. די קויפער און אַבאָנענטן האָבן מיר — לויט אונזער סטאַטיסטיק — געקראָגן צווישן דאָקטוירים, הענדלער פון אַלטווארג, דענטיסטן, קלייטלעך־באַזיצער, אדוואָקאַטן, פּעדלערס, רעפאָרם־ראַבאַים, מסדר־קדושינס, פאַבריקאַנטן, מוהלים, זייגער־מאַכערס, — א היפּשע צאָל פון זיי געוועזענע — און דאַנקען דעם, וואָס כ'האָב די הענט נישט געזייפט — רעפאָרמירטע און געראַ־טעוועטע יידישע אַקטיאָרן.

אונזער נסיעה איז באַזירט געוואָרן על התורה ועל העבודה. עס האָט געדאַרפט זיין, אז זילבערצווייג זאָל זיצן על התורה און איך על עבודה, אָבער . . . נאָך ביז היינטיקן טאָג קאָן איך נישט באַנעמען ווי אזוי מיר האָבן געקענט אַרבעטן אונטער אַזעלכע אומשטענדן און נישט פאַרצווייפלט ווערן. אין ביליקע, מיט שפּינען באַוואוינטע קאַבינען, אין גראָשנדיקע האָטעלן, אין אונזער אויטאָמאָביל און אין פּרעמדע הייזער, אומעטום האָט זילבערצווייג געטראָגן דעם מאַסע אידעאַל פון זיין לעבנסווערק, דעם יידישן טעאַטער־לעקסיקאָן. איך האָב אָפּטמאָל ממש געגאַרט אויסצוהיטן זילבערצווייגן פון דער אומ־ריינער אַרבעט פון פּעדלען, אָבער צו אָפט איז נויטיק געווען אים מיטצופירן, כדי דער קויפער זאָל חוץ דעם ספר אויך באַניוכען, באַ־טאַפּן און צעבלעטערן דעם סופר.

1932. די הואווער - פּראָספּעריטי האָט אכזריותדיק געבושעוועט. צוזאַמען מיט דער בירזשע איז ביי יידן אויך שטאַרק געפאַלן דער חשק צו קויפן ביכער. גאָר אָפט זיינען מיר אַרוים פון א שטאָט מיט דער זעלביקער צאָל ביכער, וואָס מיר זיינען אַריין, נאָר מיט ליידיקערע קעשענעס.

מיט א מאָגן קאָן מען נאָך פון צייט צו צייט אַרגומענטירן, פאַר־שפּרעכן, איינריידן. אָבער אַן אויטאָמאָביל איז איינגעשפּאַרטער ווי אַן אייזל און רירט זיך נישט פון אָרט, סיידן מען שפּייזט אים אָן מיט געזאָלין. אויל און אַנדערע מאַשינאָווע קאָמפּאָטן און צימעסן.

דערפאר אָבער איז אַן אויטאָמאָביל בשעת הדחק אויך א האָטעל, אַן אכסניה דע־לוקס, כמעט א פּאַלאַץ. האָבן מיר טאַקע אָפּט מאָל עקספּלואַטירט אונזער רעדלדיקע אכסניה און דורכגעשמוגלט טעג און נעכט אַן בענטשן און אָן קריאת שמע. ס'איז אונז אָפּט געווען אַזוי שלעכט, אַז מיר זענען געוואָרן זיכער, אַז ערגער קען שוין נישט זיין, אָבער ס'איז נאָך אַלץ ערגער געוואָרן.

פון שיקאַגאָ ביז דענווער איז דער וועג אַזוי פלאַך ווי א לאָקשנ־ברעט, די שטעט זיינען אויך נישט אַזוי ווייט פונאַנדערגערוקט, אָבער פון דענווער אָן, וואו די קאָלאָראַדער בערג הויבן זיך אַלץ העכער און העכער, זיינען אונזערע אַקציעס געפאַלן אַלץ טיפער און נידעריקער. אונזער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּט געקאַטשעט איבער גרודיקע שאָסייען, וועלכע זענען געווען אונטער קאָנסטרוקציע, — און איבער וועלכע מען האָט דערלויבט צו פאָרן בלויז אויף אייגענער אחריות. קוקנדיק אַראָפּ אין די שווינדלדיקע, טיפע אָפּגרונטן, האָב איך אָנגע־הויבן צו אפּיקורסעווען: איז טאַקע נויטיק אָדער וויכטיק צו ברעכן האַלדז און נאַקן און הונגערן און וואַגלען, כדי די ביאָגראַפיעס פון דעם און דעם גאָרנישט און דער און דער נישטיקייט, וואָס קיינער דאַרף זיי נישט און זוכט זיי נישט, זאָלן פאַרשריבן ווערן פאַר דער אייביקייט, פאַר קומענדיקע דורות? מיט צערטלעכקייט האָט מיך זילבערצווייג באַצוואונגען מיט א פּסוק פון חומש, און עס איז ביי מיר פאַרבליבן, אַז אויב כאָטש איינער אָדער צוויי פון הונדערט זיינען וויכטיק, מוז דער צווייטער און דריטער באַנד גע־בויט און געשאַפן ווערן.

אין א פינסטערער נאַכט אין הייסן חודש תמוז איז דער אויטאָ־מאָביל געשטאַנען אין טיפן שניי עלף טויזנט פוס הויך אויף די קאָ־לאָראַדער בערג. מיר זיינען געלעגן אין אויטאָמאָביל איבערגעדעקט מיט די ביאָגראַפיעס פון „א" ביז „ח" און געמאַכט א חשבון פון אונזערע פינאַנסן, און דער סך הכל איז געווען, אַז בלויז א נס וועט אונז אַריבערפירן די דזשאָנגלס און מדבריות פון קאָלאָראַדאָ, אַריזאָנאַ, יוטאַ און נעוואַדאַ, ביז צו דעם גאָלדענעם לאַנד קאַליפאָרניע. איבער די קאַרג באַפּעלקערטע געגנטן זיינען די פרייזן געשטיגן צוזאַמען מיט אונזער דלות, אָבער מיר זענען שוין געווען צוגעוווינט צו זיינע זיבן פּלעס, דעריבער זענען מיר געווען גאַנץ פריילעך.

פעלדמייז און פעלזן, קאַקטוסן און אינדיאַנער האָבן פאַרנומען די געזאַנגען פון צוויי מוסר ספרימדיקע טרובאַדורן, וואָס האָבן אי־בערגעזונגען דעם גאַנצן רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער פון גאָלד־

פּאָדן ביז עלשטיין. אין מקומות, וואָס זיינען אַזוי פּוסט ווי ר״ל געוויסע יידישע טעאַטער, איבער כוואַליעס פון זאַמד־ים׳ען איז אונזער פּראָזע געוועזן קעסלער, גאַזאָלין, גוסקין, אויל, שוואַרץ, רעדער, יידישע אַקטיאָרן יוניע, עסן. די הונדערט און צוואַנציק גראַדיקע היץ האָט פון אונז אויסגעטרוקנט און אַרויסגעצויגן אַלטע און נייע וויצן. די היצן, וואָס זויגן אויס דעם זאַפט פון דער ערד, האָבן אין טראָפּישן קאַליפאָרניע פאַרלוירן אייניקע טראָפּנס רעגן, וועלכע זיינען אַרויף אויף דעם „ווינטשילד״. „זעט, עס טראָפּט — האָט זילבער־צווייג אַ דערקוויקטער אויסגעשריגן״. „וואָס איז דער וואונדער? — האָב איך אים סטאָאיש דערקלערט — עס איז דאָך אַ טראָפּישע געגנט״.

אויפן פערטן טאָג זיינען מיר שוין געוועזן ווייט־ווייט אין זוניקן קאַליפאָרניע, און עס איז אונז פינסטער געוואָרן אין די אויגן. אין סאַן בערנאַדינאָ, זעכציק מייל פון לאָס אַנדזשעלעס, האָט זיך דער אויטאָמאָביל גענומען בונטעווען און נישט געוואָלט זיך ווייטער רירן פון אָרט. אונזער דריי טאָגיקער תענית און דער הונגער־שטרייק פון דער מאַשין האָט מיך דערפירט צו אַ געניאַלן פּלאַן . . . מיין 35-טאָלערדיק זייגערל מוז אונז ראַטעווען. כ׳בין אַריין צו אַ יידישן מעבל־פאַבריקאַנט און געבעטן ער זאָל מיר באָרגן בלויז צוויי דאָלאַר אויפן זייגערל. אָבער דער עפּיקורייער האָט מיך גענומען באַטראַכטן פון אַלע זייטן (דער אמת איז, אַז איך האָב אויסגעזען ווי צו שלושים און מיינע קליידער זיינען געווען ענלעך צו צעקייטן קיי־טאַבאַק). איך האָב דעם מעבלירטן פאַבריקאַנט גענעבן אָנצוהערן, אַז בלויז מיין זייגער איז צו פאַרקויפן און נישט מיין פּערזענלעכקייט . . . הכלל, מיין זייגערל איז פאַרבליבן ביי מיר. זוכנדיק גרעסערע חפצים צווישן אונזערע פּעק און בגדים, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אוצר: מיר האָבן אַנטדעקט, אַז מירביידע פאַרמאָגן אַרום 80 סענט אין פּאָסטמאַרקן . . . דערקלערנדיק אונזער פאַרצווייפלטע לאַגע צו אַ גאַזאָלין סטאַנציע־אַרבעטער, איז דער מאַשין־רעוואָלט שנעל אונטערדריקט געוואָרן און אין צוויי שעה שפּעטער זענען מיר שוין געווען דער שטאָט פון מאָנטאַזשירטע חלומות, לאָס אַנדזשעלעס.

אינזיכאָלאָגיע

ווי גוט מיין באציאונג מיט אנדערע וואָלט געווען,
ווען די אנדערע וואָלטן פונקט ווי איך אלץ געזען.

צו האָבן חרטה איז נישט קיין שלעכטע מעלה,
ס׳האָט יעדער מענטש א רעכט זיך צום שלאָגן אל חטא.
נאָר צי ס׳וועט העלפן — דאָס איז שוין א שאלה,
ווייל געוויינליך קומט חרטה אביסל צו־שפּעט . . .

איך טראכט פון מיין פארמעגן,
וואָס באטרעפט אינגאנצן גאָרנישט,
און פון מיינע אפּעטיטן,
בלויז צו וועלן, וואָס איך טאָר נישט.
איך טראכט פון מיין סאטירע
און מיין טבע זיך צו וויצלען,
ווי אזוי צו שטיין ביי יעדן לעזער
מיט א פעדער און אים קיצלען.

מען זאָגט, אַז געלט איז זייער ביליג
אין היינטיקן שווערן לעבן,
נאָר איך קען נישט קיינעם, וואָס איז וויליג
פאַר אַ דאָלאר מיר אַ הונדערטער צו געבן.

פאַר מיינע מעלות, איך זיפץ און באַדויער,
נישט באַקומען כיהאָב קיינמאָל קיין סענט;
נאָר מיינע חסרונות ווענט מען גענויער
און מען צאָלט מיר פאַר זיי מיט פּראָצענט.

פאַראַן מענטשן וועמענס ליבע ברענט,
די סימפּטאָמען זיינען לייכט צו פאַרשטיין.
זיי האָבן אין ליבע קיין קאָנקורענט,
ווייל זיי ליבן בלויז זיך אַליין.

מיט פיל וויניקער מי, פילייכט,
וואָלט איך מער און מער דערגרייכט,
איידער מוטשען זיך אין פּיין
צו ווערן, וואָס איך קען נישט זיין.

גלאַט אזוי (און גאָרנישט אזוי גלאַט)

אַ נייע כעמישע פּען איינגעהאַנדלט כיהאָימיר,
נאָר מיין אַלטע צום שרייבן אין טינט כיהאָ געטונקט,
כיהאָ געוואָלט סך הכל אָנשרייבן אַ ",'"
און אַלץ וואָס כיהאָ באַוויזן איז געווען אַ "."

"אפשר" האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין שום ממשות,
"ממש" איז פּונקט אַזוי ווי "טאָמער" און "מיסטאָמע",
פון "כמעט" קען מען "שיעור" נישט פאַלן אין חלשות,
זיי זענען אַלע אַזוי זיכער ווי "צווייפל" זייער מאמע.

אידישע טעלעוויזיע וועט באַלד ווערן געבוירן,
לאָמיר האָפן, אַז זי וועט מער ווי ראַדיאָ טויגן,
ווייל ראַדיאָ האָט אונז בלויז געריסן די אויערן,
און טעלעוויזיע וועט אויך שטעכן די אויגן.

פון פוילקייט ווערט דער מח פאַרפלאָכט
דאָס ווייס איך גאַנץ גענוי,
נאָר איך בין פויל צו טאָן אַ טראַכט
פאַרוואָס און ווי אַזוי.

דיין 4־ונג ברענגט פאַר-8־ונג און אַלדאָס "ב",
אין טר־נקען און "ז" דו ביזט בלויז **פאַרט־8,**
איך בין פאַר־2־פלט, ווייל ווי א "צ" איך ווייס
דיין טר-8־ן איז מישט־**1**־ס געזאָגט, נאַרישער **פערד־8.**

געקינסטלטע רויזן האָבן נישט קיין דערנער,—
און יידישע נעמען ווערן געסטרימלאַינד און מאָדערנער
נאָר וואָס קען דען אין אַ נאָמען שטעקן ?
אַ קנאָבל אונטער אַן אַנדער נאָמען—וועט פונקט אַזוי **שמעקן.**

"און" איז אַ בינד־וואָרט און "און" מאַכט פול.
קיין זאַך איז אָן אַן "און" נישט פולקאָמען.
אָן אַן "און" ווערט יעדער איינס נול
און אַן עפּיס וואָס האָט נישט קיין נאָמען.

תחית המתים

ווען ביניש קעסלער איז אין יאָר 1919 צום ערשטן מאָל אָנגעקומען קיין לעמבערג, איז ער שוין געווען כמעט רעפאָרמירט. ער האָט פארלאָזן זיין היים אין קופּיטשיניעץ, — א שטעטעלע אזוי קליין, אז אויף דער גאַליציאנער מאַפּע האָט עס אונטער א מיקראָסקאָפּ אויסגעזען ווי א נישט אנטוויקלטער באַציל. אויף דער לעמבערגער באַן־סטאַנציע האָט ער זיך געזעגנט מיט זיינע פּיאות, דייטשמעריש פארקנייטשט זיין סאַמעטענעם רונדן קאַפּעליוש, מיט שפּילקעס פארקירצט זיין חסיד׳ישן טוליפ, נאָר די מילכיקע שפּראָצעניש אויף זיין פּנים האָט ער נאָך נישט געוואַגט צו טשעפּען.

ער איז אָנגעשטעלט געוואָרן אין „לעמבערגער טאַגעבלאַט", וואו ער האָט נאָך פריער געהאַט געשריבן מלחמה־קאָרעספּאָנדענציעס,— פון רבי׳אישן הויפן, פון זיין שטעטל און פון די ארומיקע נאָך קלענערע שטעטלעך.

ביי זיין אָנקומען אין לעמבערג האָט ער אויסגעזען ווי אן אסקעט, אָבער נאָך אייניקע חדשים אָפּזיין אין דער גאַליציאנער הויפּטשטאָט, האָט ער אָנגענומען די פיזיאָנאָמיע פון א קאַנדידאַט פאַר א בית־עולם. ער האָט אויסגעזען ווי א מולטי־קבצן אין זיבן און זיבעציק פּאָלעס.

קעסלער איז געווען א שטענדיקער באַזוכער פון „קאַפּיי סיטי", א קאַפּיי־הויז, וואו עס פלעגן מער נעכטיקן ווי טאָגן די דאָרטיקע יידישע באָהעמיער. ער איז באַלד געוואָרן היימיש סיי מיט דעם אלט־וואַרג, און סיי מיט די נישט־דערוואַקסענע, אָבער גאָר נאָענט איז ער געוואָרן מיט אורי צבי גרינבערג, לעאָן דרייקורס און מיט דעם שרייבער פון אָט־אָ־דעם־אָ. פון די שכירות, וואָס ער האָט באַקומען פאַר א חודש, האָט ער קוים געקענט אויסקומען א וואָך. די וואַליוטע איז געפאַלן, דער יקרות איז געשטיגן און קעסלער האָט „געדאַרפט" צאָלן, פאַר קוואַרטיר און פאַר עסן, און נאָך און נאָך, און אז עס איז נישט געווען מיט וואָס, האָט ער אָנגעהויבן באָרגן און לייען, און זיך אזוי פארדרייט און פארפּלאָנטערט, אז ער איז אריינגעפאַלן אין א טיפער מרה שחורה. זיך אויפגעהערט ווייזן פאַר אונז. מיר, די נאָענטסטע, האָבן זיך אָנגעהויבן שטאַרק זאָרגן וועגן אים, זיך נאָכגעפרעגט אויף אים. און אין איין שיינעם פרימאָרגן האָבן מיר איבערגעלייענט א טרויעריקע נייעם אין „טאַגעבלאַט":

אונזער מיטאַרבעטער, דער יונגער, טאַלאַנטירטער שריפטשטעלער, ביניש קעסלער, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. ביים ברעג פון דאָמס טייך האָט מען געפונען זיין טוליפּ, אָבער זיין קערפּער איז נאָך ביז איצט נישט געפונען געוואָרן.

מיר, די דריי איבערגעבליבענע פריינט האָבן זיך געזעצט שבעה אַרום אַ טישל, און נישט איין טרער האָט זיך אַראָפּגעקייקלט אין אַ גלעזל קאַווע.

דער ווינטער איז אַוועק, מען האָט קעסלערן פאַרגעסן ווי אַלע טויטע. אָבער אין אַ געוויסן אָוונט אין פרילינג, ווען דאָס לעבן האָט גערוישט אין „קאַפּיי סיטי", איז פּלוצים אַריין אַן עלעגאַנט אויס־געפּוצט פראַנטל, און זיך אָפּגעשטעלט, און צוזאַמען מיט אים — אַלץ־מיט־אַן־אַנדער אַרום אים. כמעט אַ מינוט האָט געדויערט די פאַרגאַפּטקייט, ביז יודל גוטמאַן, אַן אַלטער אַקטיאָר, האָט מיט שוישפּילערישן פּאַטאָס איבערגעריסן די שטומע שטימונג: „מת טהור וקדוש, גיי צוריק אין דיין רו אַריין!"

דער עולם האָט אָנגעהויבן לאַכן און שיסן מיט פראַגן און פראַזן:

—אַוועק פון אונז, מען טאָר אין דיינע ד' אמות נישט שטיין!

— עס שמעקט פון דיר קברות־בלעטער!

— האָבן די גייסטער דערוואַכט?

— איז משיח געקומען?

מען האָט אָנגעהויבן ריידן און אַרומריידן דעם איינפאַל פון קעס־לערן, זיין פאַרשווינדן און נתגלה ווערן.

קעסלער האָט צוערשט נישט באַנומען די מאָדנע האַנדלונג, אָבער ווען מען האָט אים איבערגעגעבן אַלע קלאַנגען, וואָס מ'האָט וועגן אים פאַרשפּרייט, האָט ער דעם מיש־מאַש קלאָר אַנאַליזירט און דער־קלערט: איך וויל אייך פאַרזיכערן, אַז איך לעב און מיין זעלבסטמאָרד איז, ווי מאַרק טווין האָט געזאָגט: אַביסל איבערטריבן. מיין אָנע־מישע שטעלע אין רעדאַקציע איז מיר מיאוס געוואָרן, מיין בודזשעט האָט אונטערגעהונקען, האָב איך אָנגעהויבן זוכן וועגן און מיטלען ווי זיך צו ראַטעווען, און איך האָב זיך אַרויסגעלאָזט מיט אַ יידישער טעאַטער־טרופּע קיין טשעכאָסלאָוואַקיע. דער באַריכט אין דער צייַ־טונג וועגן מיין זעלבסטמאָרד נעמט זיך זיכער פון דעם, וואָס איך האָב מיין טוליפּ, אין וועלכן איך האָב פאַרגעסן אַ קאָנווערט מיט מיין נאָמען און אַדרעס, אַריינגעוואָרפן אין טייך אַריין, און דער טייך, ווי איך פאַרשטיי, האָט מיין טוליפּל אויך ניט געוואָלט — אים צוריק אַרויסגעוואָרפן.

— איך בין איצט צוריקגעקומען מיט דער כונה אָפּצוצאָלן די פּאָר ארעמע גראָשן, וואָס איך בין שולדיק געבליבן צו מיינע פריינט און אנדערע נאַאיווע קרבנות.

אין יענעם אָוונט האָט מען שוין פון קיין אנדערער זאך נישט גערעדט.

און אורי צבי גרינבערג איז אַזוי אינספּירירט געוואָרן, אַז ער האָט אויף דער מצבה וואָס לעאָן דרייקורס האָט אויפגעצייכנט אויפן מאַרמאָרנעם טיש אריינגעשריבן:

און אפשר וועט אין ווייטע צייטן קומען ווען אַ הונט,
קודלעוואַטע און צעווילדעט און צעיאָמערט אינם ווינט,
און בלינד און בלינד.
און שטעלן וועט דער וואַנדער-הונט זיך אויף דיין קבריס־לייס,
און דערציילן פון קופּיטשעניעץ, דיין ווייטער היים.
איך קום צוגיין—
איך קום צוגיין, דו הערסט מיין פריינט, איך קום,
און ברענג דיר אַ מתנה בינטלעך קראַפּעווע און ברום:
די וועלט איז שטום.
און לאָזט קיין טרער נישט אויף דיין טויט, מיין ליבער פריינט,
געוועז אַ שאָד וואָס ד'האָסט געלעבט און האָסט געשיינט—
דו הערסט מיין פריינט?

פוילעזאפיע

שבחים זיינען אָפּט מיט ליגנס באַפלעקט,
דער העכסטער לויב איז זעלטן ווען קאָרעקט,
נאָר דער, וואָס דעם אמתין אמת באַצוועקט,
ווייסט, אַז קיינער איז קיינמאָל ניט פּערפעקט...

דעם אמת'ן טייטש פון „פריינטשאַפט צעמענטירן"
איז הארט צו צעקייען און שווער צו אנאליזירן,
ווייל צעמענט צווישן ציגל קען זיין ווירקונג ביי'טן:
אי ער האלט צוזאמען, אי ער האלט פון דער ווייטן.

אפשר׳יזמען

נישט גוידער און נישט בלאָז פון זיך מיט פוסטער גאוה
נישט שריי און נישט טומל און טרעט נישט איבער קיינעם:
זיי באַשיידן און צופרידן און נעם אַלץ אָן באהבה —
דיזעלבע זון וואָס שיינט פאַר דיר זי שיינט פאַר יעדן איינעם.

ער איז אַ דיסאָנאַנס, ווייל ער פירט זיך פּאַראַדאָקסיש:
אַפּיקורסיש איז זיין דענקען, נאָר זיין מאַסקע אָרטאָדאָקסיש.

אַ שרייבער קען מען לייכט דערקענען
לויט זיין ווערטער עלעמענט,
אַ מאָלער גרינג איז צו דערקענען
ווען קאָלירן ער פאַרבלענדט,
אַ קלעזמער קען מען באַלד דערקענען
ווי ער שוינט זיין אינסטרומענט,
אַ סקולפּטאָר איז נישט שווער צו דערקענען
לויט זיינע סענסיטיווע הענט,
אַן אַקטיאָר קען מען שנעל דערקענען
צו לויבן זיך איז ער נישט פויל
אַ חזן קען מען גלייך דערקענען
ווען ער עפנט אויף זיין מויל.

די סיבה, פאַרוואָס מען גיט זיך נישט קיין נעם
צו נייע שאַפונגען אין דער גיך,
איז הפנים, ווייל די נעמער פילן זיך באַקוועם
מער — אין אַלטע, ווי אין נייע שיך . . .

צו מאכן דיין משא לייכטער און גרינגער,
וועסטו אָפּטמאָל קריגן אַן עצה,
נאָר זעלטן וועט עמיץ צולייגן א פינגער
און אונטערשטעלן זיין פּלייצע . . .

א מענטש, וואָס זוכט זיך צרות,
דאַרף תמיד געדענקען:
מען קאָן זיי לייכט געפינען,
נאָר שווער זיי צו פאַרקרענקען.

עס גראמט זיך

אויף מיין צוריקרייזע קיין אמעריקע, האבן מיך איין אקטיאר אין לאנדאן און איין שרייבער אין פאריז געבעטן, אז אזוי שנעל ווי איך וועל אנקומען קיין ניו יארק זאל איך זיי ארויסשיקן דעם יידישן גראמען לעקסיקאן. פאר איין פונט שטערלינג און 15 פראנק האב איך באשלאסן צו ווערן א בעל־טובה.

געוועז אמאל א צייט ווען איך האב אונטערגעזינדיקט מיט גראַ־מענפלעכטעריי, אבער דאס וועל איך איבערלאזן פאר די היסטאריקער... אין יענער צייט פלעגן נאך ניו יארקער דיכטער גאסטראלירן אין פארשיידענע שטעט אין אמעריקע, און איינער פון זיי האט זיך אין יענער צייט כמעט באזעצט אין שיקאגא. יענער פאעט פלעגט מער נעכטיקן אין דארטיקן קאפיי ראיאל ווי טאגן איבער זיינע ווערק. דערפאר אבער פלעגט ער ביי זיין „ראיאלן" טיש פראוועז סעאנסן פאר יחידי סגולה און אויף זייערע אויערן אויספרואוון זיינע נייע פערזן (טאקע די, וועלכע האבן געלאזט אריין אין זיין צווייטן באנד, פאר וועלכן ער האט געשאפן אבאנענטן). זיינע לידער זיינען געווען פילאזאפיש־הויכע, כמעט סטראטאספערישע הויכקייטן האט דער משורר דערגרייכט, און ווען נישט דער שלל און קוואל פון די גראמען, וואלטן זיי אפשר אנגערירט די בארד פון כביכול . . . איין גראם האט שטארק שאקירט די איידל געסטרויעטע אויערן פון די צוהערער, און מאכנ־דיק אויפמערקזאם דעם פאעט, אז צוואנציק גראמען צו איין ווארט איז עפעס, עפעס צו . . . האט דער נאאיווער און באשיידענער קרעאַ־טאר זיך אנטשולדיקט, אז מער ווי צוואנציק גראמען צום ווארט „פלאם־שטראם־גראם־ים־סם" זיינען נישט פאראן. איך, וואס האב זיך שוין פריער מודה געווען אין מיינע זינד . . . און דר. אברהם מאר־גאלין, וועלכער פלעגט שרייבן אין „אידישן קוריער" טעגלאכע נייעס אין גראמען, האבן געאפיקורסעוועט די באהויפטונג און אין צוויי מינוט שפעטער האבן מיר ארויסגעטרייסלט מיט אכצן קלאנגען מער ווי דער ווארט־קינסטלער האט אפגעגראמט . . .

קויפנדיק צוויי לעקסיקאנען צום אוועקשיקן, האט מיך מיין גע־דאנק פארפירט צום גראם פון יענעם דיכטער, און צו מיין דער־שטוינען האב איך סטאטיסטיש פעסטגעשטעלט איבער זעכציק גראמען צום ווארט „ים". דאס בוך האט מיך אנגעהויבן צו אינטערעסירן, איך האב ווייטער געבלעטערט און ענדלעך צוריקגעמישט צום פאר־

וואָרט און אַריינפּיר. אַ פאַרגאַפטער האָב איך געגאַשט יעדע שורה פון דער אָריגינעלער, שווערער עבודה פון דעם לעקסיאָגראַף נחום סטוטשקאָוו.

איך האָב געפּרואווט ווערן אַ דיכטער און אויסגעפונען, אַז ווען דאָס האַרץ און דער קאָפּ זיינען פּראָזאאיש, וועט מיר קיין גראַמען־לעקסיקאָן נישט העלפן, ווייל אַפילו אויף צו ברחנ'ען און ליריקן, דאַרף מען האָבן אַ פּאָעטישן אָדער; און כדי צו קענען דיכטן, מוז מען זיין אַ פּאָעט און די מוזע מוז אונטערשעפּטשן און אַריינהויכן די באַפליגלטע ווערטער און קלאַנגען . . . מען מוז זיין זייער סענסיטיוו צום קלאַנג פון וואָרט, צום פּאָעטישן געדאַנק, און נישט „מאָזלען" מיט גראַמען.

סטוטשקאָוו איז נישט בלויז אַ גראַם־וויסנשאַפטלער און געלערנטער, נאָר אויך אַן אַנאַליזאַטאָר פון גראַם. אין איינציקע צוויי שורות פון פאַרשיידענע יידישע דיכטער, באַווייזט ער דעם כאַאָס פון יידישן גראַם, די שלעכטע שידוכים און זיווגים פון דיאַלעקטן. ער קלאַסיפיצירט די קלאַנגען פון אַלע אָנגענומענע ווערטער פון העברייאיש, סלאַוויש, לאַטייניש און אַנגלאָ־סאַקסיש אין דער יידישער שפּראַך אויף אַ געניטן אופן, אַז עס איז פּונקט אַזוי לייכט צו געפינען דעם גראַם ווי אַ וואָרט אין אַ ווערטער־בוך.

דער גראַמען לעקסיקאָן איז איינער פון די רייכסטע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן פון אַ יחיד אין יידישער שפּראַך. סטוטשקאָווס בוך וועט ראַטעווען אַ סך צייט און מאַרך־מאַטערניש פון וואָרט קינסטלער, מיט אַזוינע ווערטער, וואָס ווילן זיך ניט גראַמען . . . סתם גראַמ־אַטניקעס וועלן אויסגעפינען, אַז „פּאַלש" גראַמט זיך בלויז מיט „קאַץ" און גאַליציאַנער וועלן מיט פרייד קאָנסטאַטירן, אַז „ליטוואַק" גראַמט זיך מיט גאָרנישט, און, אַז „קבצן" איז פּונקט אַזוי עלנט אַלס וואָרט ווי יעדער קבצן . . . דער אַקטיאָר אין לאָנדאָן, דער שרייבער אין פּאַריז, פּונקט ווי יענער דיכטער אין שיקאַגאָ, וועלן פון דעם ווערטער־אוצר אַ סך געווינען. די מורא פון קריטיקער, אַז אַזאַ לעקסיקאָן קען באַשאַפן בעז־גראַם־אַטנע קאַליקעס איז פּונקט אַזוי נאַאיוו, ווי צו באַהויפּטן, אַז די „ענציקלאָפּעדיע בריטאַניקאַ" קען באַשאַפן ענציקלאָפּעדיסטן. און אויב עס וועלן יאָ אויפקומען איינציקע גראַמאָמאַנען, וועט עס בלויז זיין אַ געזונטער סימן, אַז די יידישע שפּראַך לעבט און גראַמט זיך.

דער שעקספערט

צו אן אויפפירונג פון „שיילאָק" מיט אַ סך יאָרן צוריק, האָט דער מאָלער לאָלא געמאָלן אַ בילד פון שעקספיר׳ן אין דער „לאָבי" פון טעאַטער. אייניקע אַקטיאָרן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און גענומען קיבעצן דעם מאָלער, וועלכער האָט זי גאַנצע צייט געשוויגן, ביז איי־נער האָט באַמערקט, אַז שעקספיר׳ס פּנים איז צו רויט. אויף דעם האָט זיך לאָלא אָפּגערופן: „זיין פּנים איז רויט, ווייל ס׳ע פלאַמט פון בושה, צוזעענדיק ווער עס שפּילט מיט שילדקרויט׳ן אין „שיילאָק".

וויליאם שעקספיר האָט געפלאַמט פון בושה און זיך איבערגע־קוליעט אין קבר צוליב פאַרשידענע ליטעראַרישע און שוישפּילערישע אַקטן און סצענעס, וואָס מען האָט אים אָפּגעשפּילט. אָבער פון אברהם טייטעלבוים׳ס ביאָגראַפישען בוך, „וויליאם שעקספיר", וועט דער דיכטער און דראַמאַטורג נישט געשטערט ווערן פון זיין אייביקן שלאָף. פאַרקערט, ער וועט אין חלום זיכער אַ שמייכל טאָן, וואָס ענדלעך איז פאַראַן אַ לעזבאַרע און פאַרשטענדלעכע באַשרייבונג אין יידיש פון זיין לעבן און שאַפן, אַ ביאָגראַפיע ביי אַ פאָלק, וואָס ער האָט אַזוי שלעכט פאַרשטאַנען און בלויז באַנוצט פאַר קאָמעדיע, וואָס איז באמת אַ יידישע טראַגעדיע. אים וועט עס פרייען, וואָס טייטעלבוים האָט אויסגעפאָלגט די עצה פון געטע׳ן—

ווער דעם דיכטער וויל פאַרשטיין,
מוז אין לאַנד פונים דיכטער גיין.

איז טאַקע טייטעלבוים געפאָרן קיין סטראַטפאָרד ביים עיוואָן און זיך אָנגעזאַפּט מיט דער לופט, וואָס שעקספיר האָט געאָטעמט; שפּאַצירט אין די געסלאַך, הייזער, שול, בית עולם און אַפילו אוועק אין שטעטל פון שעקספיר׳ס פרוי, אַנאַ האַטעוועי, און ווי אַ טעס־זיאַט־יצע זיך פאַר׳שיכור׳ט מיט דער שעקספיר-אַטמאָספערע. מיט „אימאַזשינאַציע" האָט ער זיך גע־יצר־טוב׳לט אין טייך עיוואָן און מיט דער הילף פון געאָרג בראַנדעס, א. צ. ברעדלעי, און ה. נ. האָדסאָן, וועלכע האָבן געהאַט גענומען צו הילף מאַלאָן, טשאַרלס נייט און אַנדערע שעקספיר־וויסנשאַפטלער, האָט ער אָנגעשריבן די ערשטע יידישע, שטאַרק נויטיקע ביאָגראַפיע פון וויליאם שעקספיר.

שעקספיר׳ס נאָמען איז גוט באַקאַנט צום יידישען עולם, כאָטש ער איז אַ זעלטענער גאַסט אין יידישען טעאַטער און נאָך־זעלטענער

אין יידישען וואָרט. די ליטעראַרישע אַרבעט פון אַקטיאָר און שריפטשטעלער טייטעלבוים איז אַ שטיקל תיקון פאַר די זינד, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן קעגן דעם גרעסטן דראַמאַטורג פון דער וועלט, פון די גריכישע ביז די היינטיקע צייטן.

אייניקע יידישע דראַמאַטורגן האָבן שטאַרק געהאַלטן מיט דזשאָרדזש בערנאַרד שאָ, וואָס האָט אַנגעוויזן, „ווי קליינלעך שעקספּיר איז אין פאַרגלייך מיט דעם גייסטיקן גיגאַנט שאָ". זיי האָבן זיך צוגעהערט צו שאָ'ס חכמה: „איך וואָלט לייכטער אָפּגעאָטעמט", האָט ער געשריבן, „ווען איך זאָל אים קענען אויפגראָבן פון קבר און אים באַוואַרפן מיט שטיינער".

יעקב גאָרדין האָט פון „קעניג ליר" געמאַכט „דער יידישער קעניג ליר" און פאַרביטן אַ קעניגרייך אויף אַ שטיקל רעטאַך. איזידאָר זאָלאָטאַרעווסקי האָט פון „האַמלעט" געמאַכט אַ קוקלע-קאָמעדיע און דעם פּרינץ פון דענעמאַרק פאַרוואַנדלט אין אַ „ישיבה בחור". ביי „בת ירושלים", פון אויערבאַך, און „די שבועה ביי דער ספר תורה", פון נ. ראַקאָוו, האָבן די דראַמאַטורגן אוועקגענומען דעם באַלקאָן צוזאַמען מיט דער ראָמאַנטישער פּאָעזיע פון „ראָמעאָ און יוליא", און ביי „פאַר טאַטע-מאַמע'ס זינד", פריי באַנומען פון „מאַקבעט", האָט אַ וויליאַם אויף'ן אָרט פון „שעקספּיר" אוועקגעשטעלט „סיגעל".

אמת, שעקספּיר האָט אויך גענומען פון אַנדערע, אָבער ער האָט די ווערק אַזוי באַפליגלט, אַז ער איז געגאַנגען באַרג אַרויף מיט אַ סך מער לייכטקייט ווי די, וואָס האָבן אים געשלעפּט באַרג אַראָפּ. מען האָט ווענען אים געגראַמט:

דער דראַמאַטורג שעקספּיר האָט געקענט אינספּירירן,
ער האָט אומישנע געשריבן, כדי מיזאָל אים ציטירן.

און אַ שיעור קריטישע, רעזשיסאָרישע און שוישפּילערישע קאָמענטאַרן זיינען אין די לעצטע דריי הונדערט און פופציק יאָר געמאַכט געוואָרן איבער יעדער שורה, סצענע און כאַראַקטער פון זיינע דראַמאַטישע און פּאָעטישע ווערק. וואָלטעיר האָט געשריבן: „שעקספּיר איז אַ ווילדער מענש מיט פונקען פון אַ געניע, וואָס שיינען אין דער מורא'דיקער פינסטערניש פון דער נאַכט"; און לויט מאַרק טווען, „זיינען דער טייוועל און שעקספּיר צוויי גרויסע אומבאַקאַנטקייטן, צוויי קאָלירפולע צווייפלהאַפטיקייטן". שעקספּיר איז פונקט אַזוי אָפט באַוואָרפן געוואָרן מיט בלומען, ווי ער איז פאַרלייקנט און געזידלט

געוואָרן. דער שריפטשטעלער טאָמאַס ריימער האָט געשריבן: „אין דעם הירזשען פון אַ פערד, אין דעם בילן פון אַ גרויסן הונט איז פאַראַן מער זין, מער טיפקייט און אַ סך מער מענשלעכקייט, ווי אין די באַפליגלטע טראַגעדיעס פון שעקספיר".

איך בין אַ קנאַפער מבין
אויף דעם דיכטער פון עיוואָן.

אָבער טייטעלבוים, וואָס איז יאָ אַ שעקספערט, האָט געמענט נישט בלויז יוצא זיין מיט אייניקע בילדער פון יידישע אַקטיאָרן אין ראָלן פון שעקספיר'ס פיעסן און בלויז דערמאָנען די יידישע שריפשטעלער, וואָס האָבן איבערזעצט צו איינציקע ווערק פון דעם גאון פון עיוואָן, ווייל ביידע פאַרדינען וויכטיקע און געוויכטיקע קאַפּיטלעך אין אַזאַ יידישן בוך. שילדקרויט, אדלער, שוואַרץ אין „שיילאָק" זיינען ווייניק וואָס באַשריבן אָדער פאַרגליכן געוואָרן. שוואַרצ'עס אויפפירונג פון „אָטעלאָ" אין קונסט טעאַטער און מיכאָעל'ס „קעניג ליר" אין מאָסקווער יידישן קאַמער-טעאַטער, און אַלע אַנדערע שעקספיריאַדן פאַרדינען אַן אָרט אין דער יידישער שעקספיר־ליטעראַטור. אפילו די שעקס פורצישע שעקס-פורים שפּילער דאַרפן קריגן די גערעריקע מלקות פאַר זייערע באַמבאַסטישע וואַקכאַנאַליעס אין יידישן טעאַטער. געווען אַ צייט, ווען נאַאיווע פּאַטריאָטן האָבן פאַר אַזעלכע שעקס־פורצעס אויסגעשפּאַנט די פערד פון וואָגן, ווען זיי זיינען געקומען גאַסטראָלירן אין „האַמלעט" אָדער אין „שיילאָק", כאָטש אין דער אמת'ן וואָלט מען געווען געדאַרפט די דאָזיקע קינסטלער אַליין איינשפּאַנען אין וואָגן צו שלעפּן די פערדישע שלעפּער.

טייטעלבוים'ס סופּערלאַטיוון זיינען אַביסל צו איבערגרימירטע און עפעקטירטע, פונקט ווי געוויסע ווערטער, ווי „אָפּהויך", וואָס קלינגט אַזוי אידיש, ווי „זיך אויסוואַשן די הענט". ס'איז אויך זיכער, אַז טייטעלבוים איז אויף זיין נסיעה קיין סטראַטפאָרד נישט אויף אַזוי פיל אַנגליצירט געוואָרן, אַז ער זאָל פאַרלירן זיין איינבילדונג און שרייבן „אימאַזשינאַציע", אָדער נוצן אַזאַ וואָרט ווי „גערייםט", אַנשטאַט געגראַמט, וואָס איז יידישלעך באַ'טעמ'ט.

טייטעלבוים נעמט בלויז אָן דאָס פּאָזיטיוו היסטאָרישע און דאָס גלויבלעך לעגענדאַרישע, אָבער ער נעגירט די גאַנצע ליטעראַטור וועגן די פּרעטענדענטן צו שעקספיר'ס קרוין, כאָטש דורך די צערטלעך־אינטימע נעמען ווי ווילי, בילי, וויל, ביל, מיט וועלכע טייטעלבוים רופט שעקספירן, וואָלט מען געקענט אויפבויען אַ נייע טעאָריע, אַז

שעקספיר׳ס ערשטער נאָמען איז אַ ריין העברעאישער און, אַז דער קצב שעקספיר האָט געהאַנדלט מיט כשר פלייש. ביי טייטעלבוימען ווערט וויליאם ווילי, פון ווילי ווערט וויל, פון וויל ווערט ביל, פון ביל — בילי, און בילי נעמט זיך פון בלעם, און פון בלעם איז געוואָרן וויליאם, דאָס איז אַזוי לאָגיש ווי די טעאָריע, אַז מיט אַ גילאָטינע קען מען אויסהיילן אַ נאָז־קאַטאַר. טייטעלבוים האָט קיין נייע דאָקומענטן נישט אַנטדעקט, ער האָט שעקספיר׳ס קבר נישט איינגעריסן, ער האָט בלויז קאָמפּילירט, און דאַריבער האָט ער געמעגט זיך אַ קאַפּיטשקע ברייטער אָפּשטעלן אויף דעם באַרימטן ליטעראַרישן קאַמף, וואָס איז פּונקט אַזוי וויכטיק ווי די ביאָגראַפיע אַליין. אָבער טראָץ די אַלע קליינע פעלערן האָט טייטעלבוים צוגעטראָגן אַ וויכטיקן און ווערטפולן בוך צום יידישן קולטור־אוצר, אַ בוך וואָס דאַרף נישט בלויז אָראָפּשיינען פון די פּאָליצעס פון יעדן יידישן ביכער־שראַנק, נאָר דאַרף מיט דער זעלבער התמדה געלייענט און שטודירט ווערן ווי טייטעלבוים האָט דאָס געטאָן. אָבער פאָרן קיין סטראַטפאָרד דאַרפט איר נישט, סיידן איר מיינט, אַז מיט אייער טובלען זיך אין עיוואָן וועט איר ווערן אַ גרעסערער מבין, איז די קשיה צי איר קענט,— „זיין אָדער נישט זיין״.

אפשר׳יזמען

אַ הומאָריסט און אַ סאַטיריקער דערקענען קען יעדער,
נאָר וועלכער פון זיי איז טיפער און בעסער?
דער הומאָריסט קיצלט פון דרויסן מיט אַ פעדער
און דער סאַטיריקער שניידט טיף מיט אַ מעסער.

שלום־עליכם איז געווען אַ גרויסער הומאָריסט,
און ער וועט קיינמאָל נישט ווערן אויסגעדראָשן,
זיינע ווערק האָבן קאָנצערטיסטן געלייענט אומזיסט,
און אים קיינמאָל נישט באַצאָלט קיין גראָשן.

מיר האַלטן פאַר אַ גרויסן קענער און מבין אויף קונסט,
נישט בלויז אַזאַ איינעם וואָס איז באַגייסטערט פון אונז,
נאָר דעם וואָס קען יעדן מבטל זיין און סאַטיריזירן,
כדי מיר זאָלן אויף יענעמס חשבון זיך אַמוזירן.

ניו יאָרק אין ווינדעלעך

דער ריינער פּראָסטער אמת איז זעלטן ריין און קיינמאָל נישט פּראָסט. ווידזשי׳ס בוך „נאַקעטע שטאָט", שפּיגלט אָפּ ניו יאָרק. אויב אַ בילד רעדט טויזנט ווערטער, איז ווידזשי׳ס פאָטאָגראַפישער אַלבום פון ניו יאָרק אַ גאַנצע ביבליאָטעק. ווידזשי איז אונז נישט קיין פרעמדער. געבוירן אין זלאָטשעוו, איז ער געבראַכט געוואָרן אַהער צו צען יאָר און איז געוואָרן דער „משה לייב האַלפּערן" מיט זיין קאַמערא. זיין משפחה וואוינט נאָך איצט אין דער געגנט פון ניו יאָרק, וואו עס וואַקסט אַ בוים. פון אַ שיק-אינגל ביי אַ פאָטאָגראַפטשיק איז ער אַריין אין דער פינסטערער קאַמער פון אַטעליע, און דאָרט איז אַלץ ליכטיק געוואָרן פאַר אַרטור פעליק, ווידזשי׳ס אמת׳ער נאָמען. מיט זיין קאַמערא מוז ער אַראָפּכאַפּן נישט די אויבערפלאַך, נאָר מוז ווי מיט אַ רענטגען-שטראַל אַריינדרינגען אין דעם תוך פון די אָביעקט. ווידזשי האָט אַ ווייטן קוק און אַ קריטישן בליק. זיינע בילדער דאַרפן נישט קיין דערקלערונגען, זיי ריידן פאַר זיך אַליין און דערציילן אין בילדער ווי אַזוי ניו יאָרק אַרבעט, שלאָפט, גענעצט, האַסט, ליבט, אַמוזירט, מאָרדעט, טויט, טאַנצט, שפּילט, גרילצט, וויינט, שוויצט און פרירט. טראַגעדיע און גראָטעסק, פרייד און טרויער, פרימאָרגן און זון-אונטערגאַנג — יעדע רגע פון יעדן מעת-לעת פון אַ גאַנץ יאָר שפּיגלט ער אָפּ מיט זיין קאַמערא, — אָבער מיט דער כונה אַרויסצוברענגען דעם דלות און צער פון די אונטערדריקטע און באַליידיקטע, און דאָס וואַרפן אין פּנים אַריין ניו יאָרק: נאַ, קוק זיך אָן און שעם זיך אין דיין ווייטן האַלז אַריין!

ווידזשי׳ס בילדער זיינען קיינמאָל נישט קיין פּאָזירטע. זיי זיינען גענומען אונטער אַזעלכע אומשטענדן, ווען מענטשן פּאָזירן נישט. דער טויטער אין רינשטאָק, דאָס פייער אין מענעמענט-הויז, די נקבה׳-טעריעס פון דער באַוערי און האַרלעם, דער שיכור אין הינערפלעט, דער יידישער פעדלער מיט זיין קליאַטשע, דער שלאָפנדיקער אויפ׳ן פייער-עסקעיפּ, דער יונגערמאַן מיט דער געראַטעוועטער ספר-תורה — דאָס זיינען נישט קיין פּאָזירטע אָנשטעלן, נאָר טראַגעדיעס, דראַמעס און קאָמעדיעס אין איינציקע אַקטן, מיט אַ פּראָלאָג, צו וועלכן דער עפּילאָג דאַרף ערשט געשריבן ווערן.

ווידזשי איז אַ קינסטלער סאַטיריקאַטוריסט. זיין בילד אונטער׳ן נאָמען „קריטיק" שטעלט פאָר דריי פרויען. צוויי פון זיי באַפּעלצטע, מיט פּערל און דימענטן באַהאַנגענע מיליאָנערסקע פרויען אין זייער

דריטער יוגנט, אייסגעפוצט ווי קעניגלעכע פערד צו א מאיעסטעטישער לוויה, בעת זיי האלטען ביים אריינגיין אין דער אפערע. זיי באווייזן זייערע בילעטן — אין סאמע מיטן פון דער ערשטער ריי אין אר־קעסטער. לעבן זיי שטייט אן ארימע פרוי, א פאר׳חידוש׳טע. זי חידוש׳ט זיך פארוואס זי פארמאגט אפילו נישט די פאר קוואדערס פאר א בילעט אויף א שטיי־פלאץ, גאנץ הויך אויף דער גאליארקע.

דאס בילד: א מאמע און א טאכטער איינגעטונקען אין טרערן, ארויפקוקנדיק אויף א ברענענדיקן טענעמענט־הויז, וואו אן אנדער טאכטער און שוועסטער ווערט פארברענט, איז א שארפערע קריטיק ווי צען ביכער קעגן טענעמענט פייער־פאסטקעס. ווידזשי׳ס פאטא־גראפישע קונסט דערלויבט אים נישט צו פארוואנדלען א מיאוס׳קייט אין א בילד־שיינהייט. ער רעטושירט נישט, ער מאנטאזשירט נישט— ער ווייזט ניו יארק, א נאקעטע שטאט, וואו מיליאנען מענטשן לעבן צוזאמען — אין איינזאמקייט . . .

רכילות׳אפיע

איך בין אפטמאל שטארק פארלעגן,
און איך ווייס נישט וואו צו גיין,
ביז איך הויב זיך אן צו פרעגן,
און איך גיב זיך צו פארשטיין,
אז כל זמן כיקאן זיך באוועגן,
דארף איך נישט בלייבן שטיין.

איך ווער פון דער שטאטישער גאס נישט פארטויבט;
מיך צויבערט בראדוויי מיט איר שטורעם און דראנג.
פון רוישיקן אימפעט ווערט מיין שלאף נישט גערויבט—
איך הער אין דעם טומעל א ריטמיש געזאנג.

ס׳איז מיין טרויער א דרויסנדיקע זאך.
דעריבער קאן איך אים פון זיך פארטרייבן,
אבער פרייד פארמאג איך אין הארצן א סך
צו געבן און עס זאל מיר נאך פארבלייבן.

סטאטוס־קוואָ־קאָפּאָניע

אליהו טענענהאָלצ'ן

אין א הויף ארומגערינגלט מיט א הויכן פלויט,
זיינען דאָרט א מחנה הינער געווען אין גרויסער נויט:
דער פארמער מיט זיין פארמערקע האָבן דריי מעת לעת'ן
נאָכאנאנד פארגעסן, אז די הינער דארפן עסן.
אין הויף איז נישט געבליבן קיין מיזערנע זערנע,
אפילו ווען מען וואָלט געווען געזוכט מיט א לאמטערנע,
מיט די פים די ערד צואקערט דריי מעת לעת זיי האָבן,
מיט די פיסקעס יעדן שטעג און וועג שוין אויפגעגראָבן,
ס'האָט אויסגעזען א יעדע הון נאָר ווי א סקעלעטל,
אָט פאלט זי באלד אין הינער־פלעט און אראָפּ פון צעטל.

געקוואקעט שוואך פון הונגער האָט א הון א רויטע,
קוואָ־קוואָ־קוואָ־קוואָ מיר זיינען באלד שוין טויטע,
לאָמיר מער נישט חלום'ען פון זערנעלעך געשמאקע,
נאָר צוזאמען לאָמיר קוואָקען איצט אזא מין ויצעקו,
אויף די העכסטע טענער טאקע, מיט אונזערע אָרגאנען,
וועט מען באלד דערהערן, אז מיר זיינען דאָ פאראנען.
אונזער קוואָ־קוואָ־קוואָ־קוואָ, האָט א הון א גראָע,
געקוואָקעט, וועט אויף קיינעם נישט־ניט האָבן קיין השפעה,
אויף קוואָ־קוואָ־כפרות וועלן טויגן אלע פלענער,
סיידן, אז מיר קוואָקעם זאָלן קרייען ווי די הענער.

אזוי ווי דער בעל תפילה, אזוי איז די קהילה,
געקוואַקעט האָט א הון א גֶעלע, כ׳בעט ביי אייך מחילה:
מיר זיינען אלע נארישער איינע פון דער צווייטער,
דאָס לעבן איז קוואַ־קוואַ־קוואַ־קוואַ א הינערישע לייטער,
קורץ און שוואך און יעדע שטאנג שאָקלט זיך און סקריפּעט.
פון הינערלעכן הונגער יעדע פון אונז זשיפּעט.
דאריבער דארף א יעדע גראָע, געלע, ווייסע קוואַקע,
קוואַקען אָן אן אויפהער, אָן אן אָפּשטעל, אָן הפסקה,
ביז אן אמת שטארקער האָן וועט קומען אונז דערפרייען,
דערלייזן אונז פון הונגער מיט זיין האָנ׳יקדיקן קרייען.

פלוצים איז פון צווייטער זייט א האָן ארויפגעפלויגן,
אויפ׳ן פלויט פארבליבן שטיין, די פליגל שטאָלץ באוואויגן,
ס׳האָט מיך צו אייך געצויגן, האָט ער א קריי געטאָן א זיסן,
אייער הונגער האָט געפּייניקט, האָט געמאטערט מיין געוויסן,
איצט קענט איר מיך באגריסן, איך קום פון הויפן זאטע,
וואו קוואָקעס שלינגען זערנעם פון שיסעלעך פריוואטע.
נאָר איר וועט דארפן קוואָקען אויף אן אונזעריקן אופן,
וועט איר אין אלע הויפן קענען פרייע לויפן
א פּי־פּי־פּי און קוואַ־קוואַ־קוואַ אלס ענטפער איז געקומען,
וואָס האָט ביים האָן דאָס קרייען פון זיין גארגל אָפּגענומען.

אויפגעשפּרונגען איז א הון א בראווע און א ווייסע,
שלעכט צום פראָסטן הינטערטום־טום איז די גאנצע מעשה,
אָט קומט אים אָן דעם האָן דאָרט מיט פארגלייזטע אויגן,
עס איז זיין קרייען תמיד נישט געשטויגן נישט געפלויגן,
נאָר צווישן אונז פאראנען זיינען הינער תם׳עוואטע,
וואָס מיינען, פון זיין קרייען וועלן זיי באלד ווערן זאטע.
נאָר בעסער שוין דער הונגער איידער יענער אלטימאטום,
מיר דארפן נישט קיין קרייער פון די זאטע באלעבאטים,
ווייל אויב מיר וועלן האָבן דאָ א זאטן פעטן קרייער,
וועט ער אונז אלע צווינגען, אז מיר זאָלן לייגן אייער.

א קוואַקעניש עס איז אין הויף געוואָרן גאָר א ווילדער,
געטום־טום־טום געטומלט ס'האָבן קוואַקעס אין געפילדער,
פּי־פּי־פּי און קוואַ־קוואַ־קוואַ, מיר קענען זיך באדרייען,
א האָן, וואָס מיינט די זון גייט אויף אים צו הערן קרייען?
די גענדז הון האָט דריי מעת לעת'ן נישט געהאט קיין ברעקל,
גלוסט זיך איר צו ברענגען זיך און אויף אונז א פּעקל,
פּלאפּלט זי און צאַפּלט זיך, זי וויל מיר זאָלן לעכצן,
זי ווייסט נישט, אז א זאַטער האָן קען אונז העלפן קרעכצן,
טאָ לאָמיר מיט די פּיסקעס מיט די פּיס און פליגל־פּלאַטער
זיך שיצן, אז א האָן זאָל דאָ נישט ווערן קיין דיקטאַטאָר.



פּתי'מיזם

דאָס לייכטסטע געלט קריגן מענטשן אָן געווינסן;
דאָס בעסטע קינד ווערט תּמיד אָנגעשמיסן;
דעם ערגסטן הונט פּאַלט צו דער בעסטער ביסן.

גרויסקייט אַליין איז נישט קיין גרויסער כבוד,
גרעסער ווי גלית איז געווען דער קליינער דוד.

אין יעדער נאָוועלע זענען העלדן פּאַראָן
וואָס קעקפּן, פּאָטאָזירן און שטרעבן,
אין אמתין אָבער איז דאָך יעדער מאָן
אַ העלד פון זיין אייגענעם לעבן.

אויפן גרויסן ים פון לעבן,
מיין קליין שיפל ווערט נישט קאַליע,
איך שיף זיך לויטן שטרעבן
אויז דעם שוואונג פון יעדער כוואַליע.

קראַפּעווע

איך בין דאָ בכלל דעם געוויקס ניט אויסן,
פון וועלכן מען דאַרף די הויט אויף זיך קראַצן,
נאָר עפּעס, וואָס בייסט פון דרינען און דרויסן
און מאַכט, אַז די גאַל פון פאַרדרום זאָל צעפּלאַצן.

ערשטער קאַפּיטל.

שוין אַ לאַנגע צייט, אַז איך טראָג זיך אַרום מיט אַ פּלאַן אָנצוּשרייבן אַ דערציילונג מיט מיין פריינט מאַרק יורי אַלס הויפּט־העלד.

ער איז געזעסן איינגעבויגן אויפן לעדער שטול, געקוקט דעם דאָקטאָר גלייך אין די אויגן. ער האָט געוואָלט זען וואָס פאַר אַ ווירקונג זיינע ווערטער האָבן געהאַט אויף אים.
אין די היינטיקע פּלאַטאָ־מישע צייטן דאַרף מען זיין אַביסל משוגע כדי נישט אַראָפּצוגיין אינגאַנצן פון זינען, האָט יורי געזאָגט.
אַז מען זאָגט שיכור, האָט ער ווידער אָנגעהויבען, דאַרף מען זיך לייגן שלאָפן און, אַז מען רופט עמיצן משוגענער, איז עס נישט גלאַט אַזוי, נאָר גאָרנישט אַזוי גלאַט און נישט אָן אַ פאַרוואָס. איך פאַרשטיי, איך בין אַסך מער ווי ווייניקער אַ מעלאַנכאָליקער, איך מאַטער זיך אַליין. עס זיצט אין מיר אַ מין מעלאַנכאָלעריע וואָס פרעסט מיך לעבעדיקערהייט. איך קוק דאַכט זיך אויס ווי אַ נאָרמאַלער משוגענער. קיינער דערקענט נישט אין מיר, אַז אין מיר ברויזט, אַז עס קאָכט, אַז עס זיצט אין מיר עפּיס אַ דיבוק וואָס היצט זיך, שטורעמט, זידט ווי אַ וואולקאַן, אַזוי ווי אַטאָמען אין אַ ציקלאָטראָן. פּלוצים אין מיטן העלן טאָג, אָדער אין סאַמע מיטן פון דער פינסטערער נאַכט צעוויל־דעוועט זיך אין מיר אַ וואולקאַן־קאַן און איך קריג האַלוצינאַציעס, פאַנטאַסטישע וויזיעס און אומגעלומפּערטע וויסטע חלומות. הער דאָקטאָר, האָט ער מיט אַ סאַרדאָנישן שמייכל צוגעגעבן, איך האָב ענדלעך אָנגעהויבן משיג צו זיין וואָס דאָס פאָלק מיינט מיט דעם „פריש, געזונט און משוגע”, ווייל כאָטש איך בין נישט אַזוי פריש, בין איך אָבער פולשטענדיק געזונט און משוגע.

דאָקטאָר טאָמסקי האָט זיך שטאַרק צוגעהערט צו דעם פּאַציענט בעת ער האָט אים אָבזערווירט. דורך דער גאַנצער צייט האָט ער מיט אַ רוטינירטער טאַקטישקייט נישט געביטן דעם אויסדרוק אויף זיין פּנים. ווען יורי איז אַנטשוויגן געוואָרן האָט טאָמסקי עפּיס פאַר־שריבן אין די פּאַפּירן וואָס זענען געלעגן אין טאָוולען אויפן שרייבטיש.

אַ צאָל ביכער, האָט יורי מוסיף געווען, וואָס איך האָב געלייענט וועגן פּסיכאָ־אַנאַליטיק, אייניקע אינטערעסאַנטע פּיעסן וואָס איך האָב געזען און לעצטענס אויך אַ היבשע צאָל פּסעאודאָ־מעלאָדולנע פילמען וואָס איך האָב איינגעשלונגען מיט מיינע אויגן האָבן מיך געשטויסן זיך צו ווענדן צו אַ דאָקטאָר און נאָך אַסך איבערטראַכטעניש, איינ־טראַכטעניש און אַרגומענטן וואָס איך האָב געהאַט מיט זיך אַליין בין איך געקומען צו אייך.

איך האָב אפילו געהאַט צו זיך אַ טענה. וואָס ביזטו משוגע? וואָס הייסט דו ווילסט גיין צו אַ דאָקטאָר ער זאָל אונטערזוכן דיין זינען?

נישט מיין זינען, האָב איך זיך געענטפערט, נאָר מיין נשמה.

וואָס מיר נשמה, ווער מיר נשמה, האָב איך פון זיך חוזק געמאַכט, ביזט משוגע אויפן גאַנצן קאָפּ, דעריבער גייסטו צו אַ דאָקטאָר.

אין מיין גאַנצער משפּחה, האָב איך זיך פאַרטיידיקט, איז קיינער קיינמאָל נישט געווען מטורף און איך בין נישט נאָר נישט משוגע אויפן גאַנצן קאָפּ, נאָר אפילו קיין איין קלעפּקע איז ביי מיר נישט געריררט. אָבער איך מוז זיך זען מיט אַ נשמה ספּעציאַליסט וואָס זאָל פאַר מיר אויפפּלאָנטערן מיינע פּראָבלעמען.

דיינע פּראָבלעמען? האָב איך דעם דיבוק אין מיר אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, דו ביזט אַ היפּאָכאָנדריאַק, ביזט חסר דעה און ווילסט נאָכטאַנצן דער מאָדנער משוגעת און זיך לאָזן פּסיכאָ־אַנאַליזירן. זאָג מיר איך בעט דיך, איז דיין טאַטע געגאַנגען צו אַ פּסיכיאַטער?

ניין, מיין טאַטע איז נישט געגאַנגען צו קיין פּסיכיאַטער, ער איז נישט געשפּרונגען פון קיין פּאַראַשוט, ער האָט קיינמאָל נישט געהערט קיין ראַדיאָ, און ער האָט נישט געוואוסט און נישט געטאָן טויזנטער אַנדערע זאַכן וואָס מיר טוען, צו קיין פּסיכיאַטער איז ער טאַקע נישט געגאַנגען, אָבער ער איז געפאָרן צום רבין.

רבי, קעבעבע, שטראָם גראָם מאַך מיר אַ ווייצענעם לעטניק, וואָס האָט אַ רבי צו טאָן מיט אונזער ענין? האָב איך זיך אַליין איבער־געשפּיצט.

אַ רבי האָט שוין נאָר אַסך צו טאָן מיט אַ פּסיכיאַטער, האָב איך זיך ווידער געענטפערט. ווען נאָר עס פלעג מיין טאַטן עפּיס פּייניקן,

עפּיס דריקן, קוועטשן פּלעגט ער פאָרן צום רבין. אמת, דער רבי פּלעג אים אויסהערן און מער ווי א ברכה נישט געבן אָבער אין דער ברכה און אפשר אמאָל א קמיע, איז געלעגן מיין טאַטנס אמונה, אַז ער וועט קריגן א רפואה שלימה, קריגן פּרנסה, און מצליח זיין אין אַלע עסקים און משפּחה דאגות.

הכלל ווי איר זעט האָב איך געוואונען און אַט בין איך ביי אייך הער דאָקטאָר מיט א קוויטל. איך זוך א תיקון צו מיינע וויזיעס, צו מיינע וויסטע חלומות, צו מיינע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען און האַרצווייטיקן.

יורי האָט זיך אָפּגעווישט דעם שוויים פון זיין שטערן און געקוקט אויפן דאָקטאָר מיט אזא שטילשווייגן וואָס האָט געפּאָדערט אַן ענטפער.

טאָמסקי האָט אוועקגעלייגט זיין פּילפּעדער און מיט אַן ערנסטער שטימע געענטפערט: כדי איך זאָל אייך קענען העלפן דאַרף איך זיך גוט קענען פונאנדערפלאָנטערן אין אייערע פּראָבלעמען. איך דאַרף געפינען די סימפּטאָמען וואָס פאַרשאַפן אייך די מעלאַנכאָלריע, ווי איר רופט זי. כדי איך זאָל אייך קענען פּותר חלום זיין, מוז איך צוערשט אויסגעפינען וואו דער שוך קוועטשט אייך. עס איז מעג־לעך, אַז איר וועט דאַרפן אַרומטאַנצן ווי א מויז אויף א צימבל, אָבער דורך די אינדיווידועלע טענער וואָס איך וועל אויפכאַפּן פון אייערע פּירועטן, וועט מיר אפשר מעגלעך ווערן צו געפינען אַן אופן ווי אַזוי אייך צו באַפרייען פון אייערע האַלוצינאַציעס און וואולקאַן־קאַנען וואָס איר האָט טאָג און נאַכט.

יורי האָט זיך דערפילט מאָדנע צופרידן פון דאָקטאָרס ענטפער, אים איז געפעלן געוואָרן וואָס יענער האָט איבערגעחזרט די וואָרט־שפּילן און סינטעטישע ווערטער־קנוילן. איך זע, האָט ער מיט פרייערן געמיט געזאָגט, אַז איך אינטערעסיר אייך, אָבער אויב עס איז נישט נעגן דער עטיק פון אייער פּראָפעסיע, וואָלט איך זייער געוואָלט וויסן, צי איך אינטערעסיר אייך אַלס מענטש, אָדער בלויז אַלס פּאַציענט?

—מיך אינטערעסירט דער מענטש אין יעדן פּאַציענט און פאַר־קערט, איז געווען זיין ענטפער, ער האָט זיך געמוזט בענוצן מיט דעם פּלאַכן געדאַנק, ווייל ער האָט געוואָלט צוקומען צו די פאַר־באָרגענישן פון פּאַציענטס גייסטיקער קאָנפוזיע.

יורי האָט זיך ערנסט פאַרטראַכט. טאָמסקי האָט אים איבער־געשלאָגן די געדאַנקען מיט א פראַגע. זאָגט מיר, זענט איר געווען שטאַרק אויפגערעגט, ווען איר האָט מיר טעלעפאָנירט, וואָס איז מיט אייך פאָרגעקומען?

— וואס עס איז מיט מיר פארגעקומען, האט יורי מיט א כמעט טראגישן טאן אנגעהויבן, האט געמוזט פארקומען. כאטש איך פיל, אז איך האב אייך שוין לאנג געדארפט זען, נערוון זענען נישט פון שטאל און געדולד האט א גרעניץ—איך האב צעבראכן מיין ראדיא איך האב מער נישט געקענט אריבערטראגן די סופער-ראדיאטסטוועס וואס האבן פארטויבט מיינע אויערן און פארפעסטעט די לופט פון מיין הויז. אין אן אנפאל פון געניאליטעט, האב איך ארויסגעריסן די איינגעווייד פון מיין ראדיא מיט די טובן, געשליידערט דעם קאסטן אויף דער פאדלאגע. ווי אן אינדיאנער צו א מלחמה־טאנץ האב איך אנגעהויבן אויף איר ארומצושפרינגען ביז איך האב אלץ צו־שטיקלט אויף שטיק־שטיקלעך. ס'האט אויסגעזען ווי א טאנק וואלט איבער דעם אריבערגעפארן. אלץ איז געווארן אזוי פלאך ווי די פרא-גראמען וואס האבן מיך דערפירט צו דעם אויסברוך. פארוואס זאל איך מוזן אפקומען און באליידיקט ווערן אין מיין אייגענער שטוב ווען עס פארגלוסט זיך מיר צו נעמען א יידיש ווארט אין אויער אריין.

—קענט איר מיר אפשר איבערגעבן, האט טאמסקי געפארשט, וואס אזוינס האט אייך דערפירט צו דער געניאלער דעסטרוקציע?

— וואס? האט יורי מיט עמאציע איבערגעפרעגנגט, וואס? אלץ מיט אנאנדער!

אפילו א בהמה קען מען אויסלערנען טאנצן,
זי זאל קענען מאכן א רושם אויף דער בינע.
מען קען זי רעקלאמירן אזוי זי זאל גלאנצן,
נאר זי וועט קיינמאל נישט זיין קיין באלערינע.

אפט בין איך ביי יידישע שטונדן געבליבן זיצן מיט אן אפענעם מויל, נישט פון שטוינען חלילה; נאר פון געניצן. אין דער ראדיאטישער לופט-פרנסה האבן זיך ארייננגעוועלנבויגנט אינטע־לעקטשיקלעך, וועמענס קאמפאקטע פאנטאזיע און אריגינאליטעט וואלט געקאנט אוועקגעטראגן ווערן פון אן אויסגעהונגערטער מע־רעשקע אסך גיכער ווי דער וויכער. וואס, פרעגט איר? איך וועל זיך אנשטרענגען אפצומאלן פאר אייך אייניקע יידישע ראדיא־האקס־טערס, וואס זענען פראטא־טיפּוש פאר אלע ראדיאטישע פראגראמען פון ניו יארק ביז באלטימאר, פון דעטראיט ביז סאן פראנציסקא און צוריק.

אין יעדער שטאדט האב איך געליטן בזיונות פון די יידישע ראדיאטן בעת איך האב זיך צוגעהערט צו זייערע פראגראמען. אפט־מאל ווען כ'האב ממש געחלשט צו הערן א יידיש ווארט, און איך

האָב אָנגעטאָנט די ראַדיאָ, האָב איך זיך אָפּגעבריט ווי פון קראָפּעווע. צוערשט קומט די נייעס וואָס ווערט אַרויסגעלייענט פון לעצטע וואָ־ביקע צייטונגען און נאָכדעם קומען די קאָמערציעלע פּעדלערייען און לעקציעס.

— „ליבע ראַדיאָ ליסענערס", זאָגט איינער אַ גאַליצוואַק . . . „ליבע פריינדע, פּאַרוואָס זאָל איך שמעקן פון מויל? דאָס מויל, איז גענליכן צו אַ טענעמענט הויז, דאָס מויל איז דער ענטראַנס צו דער בילדינג צו וועלכן מען דאַרף האָבן אַ דזשעניטאָר וואָס זאָל קלינען דעם סטופּ. איר דאַרפט ווערן אייער אייגענער דזשעניטאָר און האַלטן ריין דעם סטופּ, וועט איך מער נישט שמעקן פון מויל. דאָס קענט איר טאָן מיט דאָקטאָר צאַנוויטאָקס בעזימל, אַ בראַשקע און מיט דאָקטאָר צאַנוויטאָקס כשר'ן פּאודער.

פּלוצים הערט מען אַ מוזיקאַלישן אינטערליוד, וואָס איז דער מוזיקאַלישער ליט־מאָטיוו פון דר. צאַנוויטאָקס:

ייִדעלעך, ייִדעלעך, היט זיך אייערע גלידערלעך,
האַלטן דאַרפט איר אייער מויל ריין־ריין־ריין,
ייִדישע עסערלעך, גוטע פרומע פרעסערלעך,
מאָוסט אימפּאָרטענט רייניקט אייערע ציין־ציין־ציין.

באַלד נאָכדעם פאַלט אַריין דאָס ראַדיאָטל: יעצט ליבע לייטע, אַז מיר האַלטן זיך שוין ביי די ציין, דאַרפן מיר זיך דערמאָנען אין עסן. איך וועל איצט פאַר אייך פאַרשטעלן אַ בילד פון אַ ייִדישער היים, וואָס וועט געשפּילט ווערן פון די ראַדיאָ קינצלער מר. שמעון דריק וועט זיין דער טאַטע און מאַדאַם טויבע זינגער וועט שפּילן די מאַמע.

מען דערהערט צוערשט דאָס קרעכצען פון אַ פידל, וואָס ווערט נעבעך געמוטשעט און אַ צעיורן קול פון אַ יענטע.

מענדל, מענדל, דו הערסט ווי אונזער קליפּאַרדל שפּילט? איך זאָג דיר ער וואַקסט אַ פגר'ניני.

נישט קיין פגר'ניני, ענטפערט מענדל, נאָר פּעגעניני, אונזער קליפּאַרדל וועט נאָך אַמאָל שמ'ען פון דן ביז בער שבע.

דן און בער שבע זענען גאָר לענדער? און איך האָב תמיד גע־מיינט, אַז דאָס זענען מאַן און ווייב אַזוי ווי סדום און עמורה.

סדום און עמורה, ענטפערט ווידער מענדל, זענען נישט קיין מאַן און ווייב נאָר צוויי ביזנעס פּאַרטנערס אַזוי ווי פּיתם און רעמסס.

איך האָב קיינמאָל פון זיי נישט געהערט, מאַכט די קינצלערין, ווער זענען זיי?

זיי, ענטפערט ווידער מענדל, זענען געווען די ערשטע מצה־מאַנו־פעקטשורערס אין מצרים.

ווער דאַרף מצריים? איך, אַז איך דאַרף מצות קויף איך מאַשי־נאַוויטש מצות, איך האָב ליב מצות מיט פוטער באַשמירט.

אָט אויף דעם וואָרט „באַשמירט" האָט דער ראַדיאָ געוואָרט און ער פאַלט אַריין: „באַשמירט, באַשמירט, לידיס ענד דזשענץ, האָט איר אַמאָל געטייסטעט גרימענישטשיקס פּאַמפּערניקל באַשמירט מיט האַרטבוירט קריעם טשיז? ערשטנס איז דאָס, דאָס טשיפּסטע עסן און צווייטנס דאַרף מען עס פאַרזוכן צו יעדער צייט, צי איר זענט מילכיק, צי פליישיק, צי פאַרעווע. איר וועט פון דעם דערפילן דעם אמתן טעם גן־עדן פון יענער וועלט און וויסן דעם סווירטיפייד פלעזשור, פאַרגעניגען און תענוג. איר וועט זיך פילן זולל וסובה'דיק און בגדי מלכות.

איצט ליבע לייטע, אַז איר האָט זיך שוין פאַסמאַקעוועט מיטן עסן מעגט איר זיך ריכטן אויף אייער לעצטער שעה, אויף דער איי־ביקער רו. די קעטשים און סקינים סעמעטערי-לאָט-אינקאָרפּאָריטעד, האָט איצט גרוים באַגענס, אמת'ע מציאות און איר קענט זיך פאַר־גינען צוצומאַכען אייערע אויגן אין לאַקשערי, עושר און כבוד. איר קענט עס טאָן אַליין אָדער מיט אייער גאַנצער פעמילי און קריגן אַ האָלסייל פּרייז צוזאַמען מיט אַ סואַווניר, אַ באָנוס: אַ זעקעלע ארץ ישראל ערד דייערעקט פון פּעלעסטיין. איילט זיך אונטער, ווייל מיר האָבן בלויז צוויי הונדערט זעקעלעך און מיר ריכטן זיך נישט אויף קיין מגפה, נאָר אויף אַ נעטשורעל סוף. קומט וואָס פריער און איר וועט מקיים זיין די גרויסע מצוה צו ליגן אין קבר מיט אַ דזשענואיין זעקעלע הייליקע ערד צוקאָפּנס.

איצט ליבע פריינדע האָב איך נאָך אַ גוטע בשורה: די פּעיגער און פּאַדלע האָלסיילערס פון הערינג האָבן איצט אַ ספּעשל סייל, טו פאָר וואָן אויף אמת'ע שמאַלץ הערינג, אַז עס וועט אייך רינען פון מויל. יעדער הערינג איז געפּאַקט אין סעלאָפעין צוליב סאַני־טאַרישע ריזנס. אויף דעם מעדיקל קאָנווענשן האָט דער באַוואוסטער אינטערנעשאָנעל דייעטוט דר. פּיאַווקע קלעשטש וואָס האָט געמאַכט 707 עקספּערימענטס מיט הערינג באַוויזן, אַז קיין באַציל, קיין מיקראָב און קיין דזשווירם קען נישט לעבן אין הערינג, דעריבער מיינע ליבע ליטוואַקעס און אַנדערע הערינג־פרעסער זאָלט איר וויסן, אַז הערינג האָט אַלע וויטאַמינס פון אלף ביז סוף און הערינג איז געזונט, הלואי אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן. קיין הערינג האָט

זיך נאָך קיינמאָל נישט באַקלאָגט אויפֿן געזונט, דעריבער וועט איר זיך אויך נישט באַקלאָגן ווייל הערינג איז געזונט, אַז מען עסט הערינג מוז מען טרינקען וואַסער און וואַסער שווענקט די נירן און שווענקען די נירן איז פּונקט ווי זיך אַמוזירן אין דעם האָפּקענסאָן־נעשאָנעל טעאַטער, דאָרט וועט איר זען די גייסטליכע מיוזיקעל קאָמעדי־דראַמאַ מיט אַ קעוועלקעיד פֿון געזאַנגען און טענצע. דאָרט ווערט געשפּילט: וואו זענען מיינע נישט געבוירענע יתומים? מיט דעם קאָמיקער סטאַר זלמן גרילצער און אַ קאָרוס פֿון קאָלאָסאַלע מיידלעך מיט אַ דאַבל־סימפֿאָני אָרקעסטער פֿון אַכט ווירטשאַזעס. מיט ביטערע טרערן אין די אויגן וועט איר וויינען דריי און אַ האַלב שטונדן און זיך האַלטן ביי די בייכער און צוטראַסקעט ווערן פֿון געלעכטער.

און טאָמער וועט אייך גודיען אויפֿן האַרצן שלינגט איין אייניקע קעבעבע לעבער פּילן און אייער האַרץ וועט אויפֿהערן קלאַפּן און איר וועט געזונט ווערן. מיר האָבן קרעדענשלס פֿון מענטשן וואָס זענען געזונט געוואָרן פֿון די לעבער פּילן. אָט שרייבט מיסעס פּערל גרויפּן פֿון קאַלאַמאַזו. מיין מאַן האָט צוואַנציק יאָר צייט געשלונגען קעבעבע לעבער פּילן און ער איז געוואָרן אַזוי געזונט, אַז ווען ער איז געשטאָרבן האָט גענומען דריי שטונדן אַוועקצוהרג׳ענען זיין לעבער. יעס, מיינע ליבע ליסענעס, זיין לעבער איז געווען געזונט ווי עס ווינטשט אייך אייער און מיין פֿריינט איך, אייער אַנאָנסער מישאַ גאָרגלסאָן, באַרימט אַלס ציגיינער־טרוימער־פֿילאָזאָף און עצה געבער.

אָט אַזוי אָדער נאָך ערגער, האָט יורי באַטאָנט, ווערט יידישע ראַדיאָ־לופֿט סאַרווירט פֿון אַ באַנדע אַרכי־טאַלאַנטלויזיקייטן צום יידישן עולם.

טאָמסקי האָט דורך דער גאַנצער צייט פֿון יורי׳ס מאָנאָלאָג רעאַגירט פּראָפֿעסיאָנעל. ער האָט אָפֿט געפּרואווט פֿאַרשטיקן אַ געלעכטער, ענדליך האָט ער זיך צולאַכט.

— איר לאַכט, האָט יורי, מער צופֿרידן ווי נישט, קאָנסטאַטירט, און מיך האָט עס משוגע געמאַכט.

איך דריי זיך אָפֿט אַרום צווישן אַזעלכע משוגענע ווי איר, האָט אים טאָמסקי באַרואיקט און אין דערזעלבער צייט געדריקט אַ קנעפּעל ביי דער זייט פֿון שרייבטיש, אָבער איר דאַרפֿט זיך נישט שטאַרק זאָרגן, איר זענט נישט געפֿערלעך.

די סעקרעטאַרשע פון דאָקטאָר האָט געעפנט די טיר פון דער צווייטער זייט, מען ווארט, האָט זי שטיל געזאָגט און געוויזן איר האַנט-זייגערל.

פאַראַן נאָך אַנדערע משוגעים? אַ שאָד, האָט יורי זיך געוויצלט, און איך בין נאָר וואָס אַריין אין דער שטימונג צו ריידן.

זאָל זיין געגנוג פאַר היינט, האָט טאָמסקי מיט אַ שמייכל צו־געלייגט, פאַר דעם וויזיט דאַרף איך אייך באַצאָלן און ניט איר מיר און איך בין זיכער, אַז היינט וועט איר שוין פון קיין מעלאַנ־כאָלעריע נישט ליידן.

צווייטער קאַפיטל.

דריי טעג זענען אַריבער. דר. טאָמסקי האָט דערוואַרט יורי׳ס וויזיט פונקט פיר אַ זייגער. ער האָט אַ קוק געגעבן אויפן טיש-זייגער, וואָס האָט געוויזן דריי פינף און פערציק. טאָמסקי איז צוגעגאַנגען צו דער ראַדיאָ, זי אָנגעשטעלט. באַלד האָבן זיך פון דאָרט דערהערט קלאַנגען פון אַ וויקטאָר הערבערט אָפּערעטע. פון אַ שופלאָד אין אַ מעטאַלענעם קאַבינעט, האָט ער אַרויסגענומען איינגעטאָוולטע פאַר־פירן מיט די איניציאַלן מ. י. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און אָנגעהויבן לייענען.

מ. י. האָט טעספּעיאַנישע אייגנשאַפטן, זיין אַנטוויקלטער ענגאַ מאַכט אים שטאַרק סענסיטיוו צו אַלץ וואָס איז נישט לויט זיין געשמאַק. ער שפּילט זיך מיט ווערטער און פראַזן און וויל זיי סינטעטיש פאַר־גרימירן, כדי זיי צו מאַכן קלאַנגפולער און כדי צו קאַמאָפלאַזשן דאָס, וואָס ער וויל נישט אַרויסברענגען אָפן. ער איז אומטאָלעראַנט, פרוסטרירט, נישט־דערבאַקן, נישט־דערגאַנגען, נישט־אויסגעלעבט, באַזיצט אַ דאָן קיכאָט קאָמפּלעקס: ער וועט זיך אָפטמאָל אַליין אָפּ-טאָן אַ שפּיצל, זיך אַליין אָנטאָן אַ שאָדן, כדי זיך נאָכדעם צו פילן הערויאיש. ער איז איבערגעשפּיצט, סענטימענטאַל, אינטעליגענט, גינסטיקע אָפּאָרטוניסטישע אומשטענדן וועלן אים קענען באַפרייען פון זיינע אינהיביציעס און מאָדנע אייגנשאַפטן.

יורי איז אַריינגעקומען מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, זיי האָבן זיך באַגריסט.

די לעצטע טעג בין איך געווען אַביסל רואיקער, האָט יורי אָנגעהויבן. זאָגט מיר, ווי אַזוי זע איך אויס?

דר. טאָמסקי האָט אים באַטראַכט און מיט אַ שמייכל געענטפערט, פיין, פיין, זייער גוט, אסך בעסער. ווי אַזוי פילט איר?

אַסך ערגער, איז געווען יורי'ס תשובה, און האָט זיך אַוועקגעזעצט. נאָך אַ קורצער ווײַלע, פֿאַררויכערנדיק אַ ציגאַרעט, האָט ער פֿאָר־געזעצט: ווען איך בין לעצטן מאָל אַוועק פֿון אײַך האָב איך גענומען זיך אַרײַנטראַכטן אין דעם וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען און איך האָב גענומען אַלץ אַנאַליזירן.

פֿאַרגעסט נישט, האָט טאָמסקי זיך אָנגערופֿן, אַז איך בין דער דאָקטאָר און איר זענט דער פּאַציענט, איך דאַרף אַנאַליזירן.

איך האָב דאָס פֿאַר קיין רגע נישט פֿאַרגעסן, איך בין אָבער פֿון דעם סאָרט מענטשן, וואָס פֿרעגט בײַ אַ צווייטן אַ שאלה און אײדער יענער האָט נאָך צײַט צו ענטפֿערן גיב איך זיך אַליין אַ תשובה און זאָג נאָך יענעם, אַז ער איז נישט גערעכט און האָט נישט קיין שכל.

זאָל איך אײַך דאַנקען פֿאַר דעם קאָמפּלימענט?

נישטאָ פֿאַרוואָס צו דאַנקען. איך בין לעצטן מאָל אַוועק פֿון אײַך אומגאַנצן רויִק אָבער אין מײַן געדאַנק האָב איך געפֿירט מיט אײַך אַ דיאַלאָג. איך בין געווען ציניש צו אַלע אײַערע אַרגומענטן און אַט אַזוי בין איך אײַנגעשלאָפֿן און אַפֿילו אין חלום נאָך אַלץ אַרגו־מענטירט מיט אײַך. פּלוצים האָט איר אָנגענומען די פֿיזיאָנאָמיע פֿון יעקב בן-עמי. ער האָט גערעדט צו מיר וועגן קינסטלערישן טעאַטער. אַביסל שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן אויסצוזען ווי יוסף בולאָוו, וואָס האָט אַרגומענטירט מיט מיר אין ענגליש, אָבער, צום סאַמע סוף, האָב איך נישט פֿאַרשטאַנען וואָס זיי האָבן געוואָלט זאָגן.

ביז נעכטן נאָכמיטאָג בין איך געווען כּמעט נאָרמאַל אָבער, איך האָב זיך עפּעס, צוליב איך געדענק שוין אַליין נישט וואָס, אָנגעהויבן צו גריזשען, עס האָט מיך געצויגן צום וואַקס־מוזעאום, צו דער מערת המכפּלה פֿון יידישן טעאַטער, צום באַרימטן קאַפֿע קראָון. איך האָב בײַ זיך אָפּגעמאַכט אַביסל צו אַלקאָהאָליזירן, אפֿשר וועט דאָס מיר העלפֿן.

די קאַפֿע קראָון איז געווען כּמעט פּוסט, ליידיק, אַזוי פּוסט און ליידיק ווי אין מח פֿון געוויסע מענטשן וואָס זענען דאָרט געווען. איך האָב באַשטעלט אייניקע „דאָבלס" מיט איינמאָל, געזופּט און ווען איך האָב שוין געהאַט אַרײַנגע'כוסה'ט אַ פֿיר אָדער פֿינף מאָל, איז צום שכנות'דיקן טישל צוגעקומען בער שקלאַפּמאַן, אַ פּרעטענ-ציעזער דראַמאַטורג און פֿון זײַנע אַרגומענטן מיט די אַרומיקע בײַם טישל בין איך געוואָרן טויט־ניכטער, אַזוי האָט זיך מיר אויסגעוויזן.

בײַ יענעם טישל זענען געזעסן אייניקע טעאַטראַלן, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך אָנגעזען און אָנגעהערט דער מעלאָדראַמאַגאָג וואָלף

שטעמפל, וואָס האָט שטאַרק געַ'שם'ט מיט זיין אומפאַרשעמטן הומאָר, פאָרנאָגראַפישע גראַמעריען און זעלבסט־אונטערשאַצונג. שקלאַפמאַן האָט מיט אַ מעלאָדראַמאַטישן־אַפּערעטישן טאָן אָנגעהויבן: „נאַדיר גאָר ליטעראַציע! דער עולם וויל לאַכן, וויל זיך אַמוזירן, גיט מען אים גאָר דראַמע. מען שפּילט אין דער פינסטער, מען שושקעט זיך אין דער שטיל און מען נודיעט מיט פּראָמבלעמען. איך זאָג אייך, איך דאַנק גאָט וואָס איך קען נישט שרייבן קיין ליטעראַטור.״

שטעמפל, פאַר וועמען דער קונסט טעאַטער איז געווען ווי אַ צוואָק אויף אַ בענקל, ווייל צוליב דעם בעסערן טעאַטער זיינען זיינע פּרעטענזיעס צו ווערן אַ גדול אין יידישן טעאַטער צעריבן געוואָרן, האָט הפנים געפונען אַ געלעגנהייט זיך אַראָפּצורײדן פון הארצן און זיך אָנגערופן: „דו שקלאַפמאַן, וואָלסט בעדאַרפט אַזוי זאָגן: איך דאַנק גאָט וואָס איך קען נישט שרייבן און באַסטאַ״. די אַנדערע זיצערס ביים טיש, האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ הילכיקן געלעכטער. שקלאַפמאַן האָט אַראָפּגעשלונגען דעם שטאָך, ווייל ער האָט תמיד געציטערט פאַר זיין קאָלעגעס נישט אויסגעזייפטן מויל. „איך טשעפּע נישט קיין ליטעראַטור״, האָט ער זיך פאַרטיידיקט, „אָבער איך דאַנק גאָט וואָס איך קען נישט אַזויפיל צו קענען שרייבן ליטעראַריש.״

שטעמפל, וואָס האָט געהאַט אַזאַ שייכות מיט ליטעראַטור ווי אַ ציג מיט כפרות שלאָגן, האָט שקלאַפמאַנען נישט אָפּגעלאָזט און אים ווידער אַריינגעפאָרן אין די גרגרת: „אויב דו דאַנקסט גאָט וואָס דו קענסט נישט אַזוי פיל, דאַרפסטו דאַנקען גאָט פאַר זייער אַסך.״

— וועמענס פּראָזע האָסטו זיך היינט איינגע'חזר'ט? וואָס האָסטו זיך היינט אַזוי צוקיבעצט? איז שוין שקלאַפמאַן געוואָרן אַ ברוגז'ער, „דיך ערגערט עס שטאַרק וואָס מיין ראַדיאָ סוקסעס ווערט איצט געשפּילט אין האָפּקינסאָן טעאַטער מיט גרויסע איינגאַמעס. ווען דיינע פּיעסן וואָלט געטויגט, וואָלסטו אויך געווען אויף דער לופט.

— מיינע פּיעסן, האָט שטעמפל אים אָוועקגעמאַכט, דאַרפן נישט קיין לופט, מיינע פּיעסן וועט שוין נישט העלפן קיין אויסלופטערן איך שרייב ווי איך קען און ווי מען הייסט מיך פאַסטריגעווען פאַר די סטאַרס, וואָס ווייסן נאָך ווייניקער ווי איך, אָבער איך בין כאָטש אָריגינעל אין מיין פאַרפאַסעכץ.

האָט איר אַמאָל געהערט דעם אַנעקדאָט? האָט זיך אַריינגעמישט שלום פּערלמוטער. מען דערציילט וועגן צוויי שותפים, וואָס זענען אַרויסגעפאָרן, זומערצייט, קיין קוני איילאַנד. ווען זיי האָבן זיך געלאָזט צום ים, האָט איינער פּלוצים אויסגעשריגן: „אוי, איך האָב

פארגעסן צו פארשליסן די קאסע!" „עס מאכט נישט אויס", האט אים דער צווייטער בארואיקט, „מיר זענען דאך ביידע דא".

אט הערט נאך אן אנעקדאט: אן אמאליקער טעאטער דירעקטאר, א געוועזענער הינער־פליקער, האט נישט פארגונען מאריס שווארצן דעם דערפאלג מיט „יאשע קאלב" און אנדערע דראמאטיזאציעס, האט ער אנגעהויבן ארומזוכן א וויכטיקן ראמאן, כדי אים אויך צו לאזן דראמאטיזירן, האט איינער א לץ אים דערציילט וועגן דעם, אין יענער צייט, פאפולערן בוך, „דהי וועל אוו לאנלינעס". דער דירעקטאר האט געהייסן קויפן דעם בוך און אזוי ווי ער האט געהאט א שלעכטע האנטשריפט צום לייענען, האט ער טעלעפאנירט דעם פייאיקן דראמאטורג מאיר וויים און אים געבעטן צו דראמאטיזירן די מעשה פון בוך פאר זיין טעאטער. מאיר וויים, א דראמאטורג וואס איז קיינמאל נישט געווען קיין ניבול פה־סע־מיסטיקער, האט שוין פריער געהאט געלייענט די נאוועלע און ער איז איבערראשט געווארן פון דער אומוויסנהייט פון טעאטער־דירעקטאר. לאבנדיק האט ער אים אנגעהויבן דערקלערן, אז „דהי וועל אוו לאנלינעס" איז שווער צו סצענירן צוליב דעם אינהאלט און די כאראקטערן, ווייל עס האנדלט זיך וועגן לעזביאנקעס.

„נו, איז וואס?" האט דער דירעקטאר געענטפערט, לעזביאנקעס, באנקעס, איר קענט זיי ענדערן און מאכן פון זיי גאליציאנער.

— וואס האט דאס צו טאן מיט מיר? האט שקלאפמאן געפרעגט, „איך שרייב נישט וועגן לע . . . לע . . . גאליציאנער".

איר שרייבט נישט און געגנוג, האט פערלמוטער א דענערווירטער געזאגט, אייך וועט שוין קיין זאך נישט העלפן. מיט אייך וועט זיין דאס זעלבע ווי מיט אלע נאראנים ווען משיח וועט קומען. אלע קראנקע וועלן דאן געהאלפן ווערן, — חוץ נאראנים, ווייל קיין נאר וועט קיינמאל נישט מודה זיין, אז אים פעלט עפעס. קיין נאר וועט קיינמאל נישט זאגן: „משיח העלף מיר איך בין א כפל שמונה'דיקער, זיבן און זיבעציק גארנדיקער אידיאט". איר מעגט שרייבן פון היינט ביז סוף כל הדורות וועט אייך נישט געלינגען אנצושרייבן א ליטישע פיעסע, און איר ווייסט גאנץ גוט, אז ווען איר ווילט הנאה האבן פון יידיש טעאטער, מוזט איר גיין אין יידישן קונסט טעאטער און נישט חלילה צו דיינער אדער צו זיינער א פיעסע.

זיין פיעסע? האבן ביידע אויסגעשריגן, ווייזנדיק איינער אויפן צווייטן, אין זיין גאנצן לעבן, האט שקלאפמאן העכער געשריגן און זיך געקאכט, האט ער נישט אנגעשריבן קיין איינציקע אריגינעלע

פיעסע, נאָר תמיד האָט ער „אויסגעבאָרגט" א טעמע פון א בראָד־וויי־ער אויפפירונג, אָדער פון יידישן קונסט טעאטער רעפערטואר אָדער פון א פילם.

נעם איך דאָך כאָטש פון עפּיס רעכטס, האָט שטעמפּל טריאומפירט, און דו נעמסט פון גאָרנישט, פון דיין קאָפּ. די איינציקע אורזאַך פאַרוואָס דו האָסט אָנגעהויבן צו שרייבן פיר-אקטיקע פּיעסן איז, ווייל דו האָסט אפילו נישט קיין טאַלאַנט אָנצושרייבן פיר שורות.

איך האָב נישט קיין טאַלאַנט? אָבער דיין „דער יידישער מיליאָנער" האָסטו גע'גנב'עט פון מיין „דער גאַליציאַנער גענעראַל".

— דער „גאַליציאַנער גענעראַל" איז דיין? דו האָסט דאָך די טעמע גענומען פון מיין „דער יאַפּאַנישער למד וואָוו"! נאָר גאָרנישט, איך האָב געמאַכט א שוויג.

איך זע, אַז דו ציסט מיך ביי דער צונג, איז שטעמפּל אריינ־געפאַלן, וועל איך דיר איצט לאָזן וויסן: אַן אָריגינעלע פּיעסע איז נישט אַזא וואָס איז נישט ענליך צו אַנדערע פּיעסן, נאָר אַזא וואָס אַנדערע זענען ענליך צו איר, און מאָדנע ווי ענליך דיינע פּיעסן זענען תמיד צו גוטע פּיעסן פון מיט פערציק יאָר צוריק. דיינע פּיעסן, זאָג איך, זענען בלויז ענליך, אַזוי ווי א מאַלפּע צו א מענטשן, נישט מער, זיי זענען, איידל געזאָגט, אפילו נישט קיין ממזרים, אפילו נישט קיין מפּילעך, נאָר אָדאָפּטירטע קינדער, וואָס דו האָסט תמיד געבוירן אַן פערזענליכן בויכוויייטיק.

איך בין פּלוצים צוגעגאַנגען צו זייער טיש און זיך אריינגעמישט, וואָס דאַרפט איר זיך אַלע אַרומאַמפּערן? איר וועט אַלע נאָך הענגען אין פּאַנטעאָן פון דער יידישער טעאטער־קונסט, ווייל, נישט בלויז הערט מען אייך איצט צו הויך, נאָר מען הערט אייך שוין צופיל או !...

— דאָס בלוט האָט מיר פּלוצים א זעץ געטאָן אין פּנים אריין, איך האָב דערזען, אַז איך רעד גאָר צו ווילד־פרעמדע מענטשן, אומבאַ־קאַנטע געסט, וואָס האָבן אויף מיר אויסגעשטעלט זייערע אויגן, זיך איבערגעקוקט איינער מיטן אַנדערן און געשמייכלט.

א צעטומלטער האָב איך אוועקגעשליידערט אויפן טיש דאָס גע־צאָלטס פאַר מיינע געטראַנקען און בין אַרויס פון דער קאַפע.

זייער געלעכטער האָט נאָך אַלץ געהילכט אין מיינע אויערן.

זענען די מענטשן, האָט טאַמסקי געפרעגט, וועלכע איר האָט אַזוי קלאָר געמאָלן געווען אין יענער צייט אין יענער קאַפע?

איך ווייס נישט, איך בין נישט זיכער, האָט יורי געענטפערט, איך האָב זיך נישט געוואָלט אַרומקוקן נאָר געוואָלט ערגיץ אַוועק וואו

דער פעפערדיקסטער שוואַרצסטער פעפער וואַקסט. אין אַ ווינקל פון זייטיקער גאַס האָב איך זיך אָפּגעשטעלט, זיך געפּרוּווט באַרואיקן. איך האָב זיך געוואָלט טרייסטן מיט דעם עפּיגראַם:

בלויז מענטשן בהמות,
טוען זאַכן בשלימות.
אָבער מענטשן גלייכע קלוגע,
זענען אָפּט צודרייט, משוגע.

איך האָב זיך געלאָזט גיין אָן אַ ציל. מיט מאַזדאַ־שריפט האָב איך אָפּט געזען די ווערטער: „יורי, דו ביזט משוגע". אין מיין מח האָבן זיך געדרייט „דער יידישער גענעראַל" מיט'ן „יידישן מיליאָנער", זיי האָבן זיך צוזאַמענגעפּלאָנטערט אין אַ קאַראַהאַד מיט אַנדערע ראַדיאָ פּראָגראַמען. „דער יידישער פילאָזאָף" און די „יידישע שיקסע" האָבן געכאַפּט אַ טענצל מיט דעם „יידישן ציגיינער" און דעם „יידישן טרוימער". אין מיינע געדאַנקען האָב איך סצענירט אַ קאַוואַלקאַדע פון דעם „יידישן עצה־געבער", „דער יידישער טאַטע", „די יידישע מאַמע", „דער יידישער וואַגאַבונד".

געוואַלד, וויפיל יידישקייט מען פּעדלט דאָס אויף דער ראַדיאָ! נאָך מער ווי אין יידישן טעאַטער. איך האָב אַמאָל געלייענט וועגן אַן עפּיזאָד צווישן יעקב גאָרדין און יוסף רומשינסקי, ווען גאָרדין איז געלעגן אַ קראַנקער איז אים רומשינסקי געקומען מבקר חולה זיין. גאָרדין איז געווען פאַראינטערעסירט אויסצוגעפינען וואָס פאַר אַ פּיעסן עס ווערן געשפּילט אין די יידישע טעאַטערס און רומשינסקי האָט אים דערציילט, אַז אין טאַליאַ טעאַטער שפּילט מען „דאָס יידישע האַרץ", אין גרענד טעאַטער דערלאַנגט מען „די יידישע קרוין" און אין פּיפּלס טעאַטער גיט מען „די יידישע נשמה". און איך שרייב איצט די מוזיק צו „דאָס יידישע קינד". גאָרדין האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן און מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל געזאָגט: איך וועל מוזן געזונט ווערן, כדי אָנצושרייבן אַ פּיעסע „דער יידישער מאָגן" וואָס קען דאָס אַלץ פאַרטראָגן.

מיטאַמאָל האָב איך זיך געפונען אויף דער פּירצענטער גאַס. ס'האָט געווימלט מיט מענטשן. איך האָב פּלוצים דערהערט יידישע מוזיק וואָס האָט זיך געטראָגן פון אַ מוזיק־געשעפט. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, זיך גענומען צוהערן צו די ווערטער פון דער גראַמאָפאָן־פּלאַטע און עס האָט מיך גענומען שטעכן אין די אויערן, האַמערן אין מח, צופּן ביים האַרצן. עפּיס איינער אַ פּערצן־קאַראַט'דיקער בולוואַן

האָט גע׳בדכנ׳ט מיט אַזעלכע ווערטער, אַז מיינע אויערן האָבן מיר גענומען פלאַמען פון בושה.

איך בין אַריין אין געשעפט, זיך געהייסן געבן דריי פון דער דאָזיקער פּלאַטע, באַצאָלט פאַר זיי און אַרויס פון דאָרט. איך האָב דערזען אייניקע יידישע מענטשן זיך צוהערן צו דער דאָזיקער ניבול־פה׳רנאָגראַפיע. איך האָב אַרויסגענומען פון קאָנווערט איינע פון די פּלאַטן און אָנגעהויבן אַריבערשרייען דעם פּראָפאַן.

ליידים ענד דזשענטלמען! האָב איך אָנגעהויבן: איר הערט דאָ מיט אייערע יידישע אויערן די שענדליכסטע געמיינהייט, די וואולגאַרסטע פּראָפאַנאַציע, די געמיינסטע פאַרשוועכונג פון אייער שפּראַך, פון אייערע העכלאַכסטע יידישע טראַדיציעס. דער פּראָסטער פּראָסטעטוט וואָס טוט דאָס פאַרדינט אַז מען זאָל מיט זיין קאָפּ טאָן דאָס זעלבע וואָס איך וועל איצט טאָן. איך האָב אַ שלײדער געטאָן די פּלאַטע אויפן טראָטואַר. מיט זיינע הענט און פיס דאַרף מען טאָן אָט פּונקט ווי איך טו און איך האָב צובראָכן דעם צווייטן און דריטן.

דער עולם מיט פאַר׳חידוש׳טע פּנים׳ער איז געשטאַנען ווי אַ ליימענער גולם. דער אייגנטימער פון דעם מוזיק געשעפט איז צו מיר צוגעקומען און מיך געוואָרנט, איך זאָל אַוועקגיין, אויב נישט וועט ער אָפּרופן דאָס משוגעים הויז און ער האָט טאַקע גענומען זוכן אַ פּאָליסמאַן.

איך האָב גענומען שטעלן פיס. אָפּגעשטעלט אַ טעקסי און געהייסן דעם טרייבער מיך פירן אויף בראָדוועי צום טעאַטער־צענטער. אין דער מאַשין איז געלעגן אַ ענגלישע טאַבלויד־ציימונג, איך האָב זי אויפגעהויבן, אויפגעמישט די טעאַטער זייט און דערזען אַנאָנסן פון יידישע טעאַטערס, שרייענדיקע אַנאָנסן, וואָס האָבן אימגאַנצן פאַרטונקלט די אַנאָנסן פון די ענגלישע טעאַטערס.

טאָמסקי האָט אַ שמייכל געטאָן און געשאָקלט מיט׳ן קאָפּ.

איר שמייכלט, האַ? האָט איר אַמאָל געהערט וועגן דעם כעלמער ייד, וואָס האָט פאַרזייעט זיין פעלד און נאָכדעם אַוועקגעלייגט אַ בלאַט מיט פליגנפּאַפּיר אויף יעדן צענטן שפּאַן ערד? ווען אַ פאַרבייגייער האָט אים געפרעגט די אורזאַך, האָט אים דער חכם, מיט אַ כעלמישן שמייכל געענטפערט: מיט דעם פליגנפּאַפּיר האַפּן מיר צו כאַפּן עלעפאַנטן. דער פאַרבייגייער האָט זיך צולאַכט און געשפּאַסט, ערשטנס קען מען מיט קיין פליגנפּאַפּיר נישט כאַפּן מער ווי פליגן און צווייטנס זענען דאָך אַרום כעלעם נישטאָ קיין עלעפאַנטן. דער כעלעמער האָט אָנגענומען זיין ציגענע באָרד און געענטפערט, אמת

קיין עלעפאַנטן זענען טאַקע דאָ נישטאָ, אָבער עס זענען דאָ פאַראַן טכוירן, פערד, חזרים, ציגן, אָקסן וואָס מיינען אַז זיי זענען עלע־פאַנטן, לייגן מיר אומישנע אַוועק דאָס פליגנפּאַפּיר כדי זיי זאָלן מיינען, אַז מיר מיינען זיי. די אמת'ע גויים קומען טאַקע נישט אין יידישן טעאַטער, אָבער יידישע פּאָלאָווינע גויים און חצי אַסי־מילאַטאָרן וואָס רעדן זיך איין אַז זיי זענען אמת'ע גויישע עלעפאַנטן פאַלן אמאָל אַריין אין יידישן טעאַטער, אָבער דאָרט איינצוהאַלטן זיי איז פּונקט אַזוי שווער ווי איינצוהאַלטן עלעפאַנטן מיט פליגנפּאַפּיר.

אייער אַנאַלאָגיע איז אַ מאָדנע.

מאָדנע, אָבער אמת, האָט יורי צוגעגעבן. בלעטערנדיק די ציַיטונג האָב איך אויף אַן אַנדער זייט געפונען אַ קריטיק איבער אַ יידישער פּיעסע, געשריבן פון אַ רעפּאָרטערל אָן אַ נאָמען. דאָס איז אייגנטליך נישט געווען קיין קריטיק, נאָר אַ קריטיקאַטור, אַ שטיק חוזיק'אַטור פון אַ מה יפית רעפּאָרטאַטשל, ווייל די הויפּט־קריטיקער ווילן אין יידישן טעאַטער נישט גיין. אָט דער ספּעציאַליסט אויף יידישער טעאַטער־קונסט האָט צוערשט איבערגעגעבן דעם נאַרישן אינהאַלט פון דער פּיעסע און נאָכדעם אַריינגעפאַלן אין קעלבערנער התפּעלות וועגן דעם חנ'עוודיקן יידישן הומאָר וואָס איז דאָרט פאַראַן און אים פאַרגליכן צום הומאָר פון באַשי־באַזוקן, זולואַנער און עסקימאָסן; כאָטש אין דער פּיעסע איז גערעדט געוואָרן אַסך ענגליש, וואָלט שוין בעסער געווען מען זאָל דאָס געווען רעדן אימגאַנצן יידיש, ווייל אַזאַ ענגליש האָט ער סיי ווי סיי נישט פאַרשטאַנען; דער קאָמיקער, דער סטאַר, האָט ער ווייטער געשרייבערט, האָט דעם עולם געקיצלט נישט מיט קיין פרישן הומאָר נאָר מיט אַנטיקוואַ'ישע פוילע וויצן וואָס זענען נאָך מיט פערציק יאָר צוריק פאַרבאָטן געוואָרן אין בורלעסק. די אַנדערע אַקטיאָרן האָבן דעם עולם געמאַכט וויינען מיט ביטערע טרערן און ער האָט זיך געוואונטשן צו האָבן אַ טיכעלע קאָנצעסיע אין דעם טעאַטער. אין דרויסן פון טעאַטער, האָט ער פאַרענדיקט, ווערן פאַרקויפט: ניס, עפּל און באַנאַנעס, אָבער ער ראַט אַלעמען וואָס זוכט עפּיס אַן אויסערגעוויינליכן משונה'דיקן צייטפאַרטרייב צו גיין אַהין, צו זען אמת יידישע בורלעסק־מעלאָדראַמע־פאַרס און טראַגעדיע מיט איינמאָל.

אויף דער צוויי און פערציקסטער גאַס בין איך אַרויס פון דער טעקסי און גלייך אַראָפּ אין דער סאָבוועי און צוריקצופאָרן אויף דער איסט סייד. איך האָב פּלוצים באַשלאָסן צו זען אַ יידישע פּיעסע, אָבער דווקא נישט די, וואָס דער רעפּאָרטאַטש האָט רעקאָמענדירט.

ביים אריינגאנג פון טעאטער האט מיך אפגעשטעלט א יידענע מיט דריי גוידערס און א מינק מאנטל. זי האט מיר אנגעבאטן טי־קעטס צו דער פארשטעלונג ביליקער ווי ביי דער קאסע. איך האב איר געגעבן צו פארשטיין, אז מיר שטייען איצט פאר דעם אריינ־גאנג צו א טעמפל פון יידישער קונסט און נישט קיין פיש־מארק. אז איך זוך נישט קיין מציאות און, אז איך ווייס וואו צו קויפן בילעטן ווען איך גיי אין יידישן טעאטער. זי האט זיך געווענדעט צו א צווייטער, באגוידערטער, פארשמינקטער און באמינקטער יידענע און געזאגט צו איר מיט חוזק. „דו האסט געהערט? ב י ל ע ט ע ן! איי דידנ'ט איוון אנדערסטוד אזאטש יידיש.

יידענע! האב איך אויסגעשריגן צו איר, קיין ענגליש קענט איר נישט, איז אויב איר פארשטייט נישט אזא יידיש, ווינטש איך אייך, אז גרויס מזל זאל אייך אייביק נאכלויפן און זאל אייך קיינמאל נישט כאפן.

— הער דאקטאר! וואס זאל איך אייך זאגן? האט יורי מיט פאטאס סילאביזירט, א שטורם אויפ'ן ים, צען טויזנט טייוואלים פון גהינום, א סטעמפיד פון א מיליאן צעספאלאשעטע באפאלאס וואלט אסך לייכטער געווען צו צאמען ווי די צוויי יידענעס, ביי וועלכע יעדער גוידער האט געהאט א באזונדערן פיסק. זיי האבן דוקא אין א פאלקסטימלעכן בעסאראביער און וואלינעשן יידיש געשאלטן, אז ס'איז געווען א מחיה צו הערן.

פארוואס האט עס אייך אזוי שטארק געארט, האט טאמסקי גע־פרעגט, אז זיי ווילן פארקויפן זייערע בילעטן?

פארוואס פרעגט איר? אט די יידענעס העלפן אויך אונטערגראבן דעם קראנקן יידישן טעאטער מיט אויספעדלען זייערע בילעטן ביים אריינגאנג פון טעאטער. בילעטן וואס אן ארגאניזאציע האט גע־קויפט פון טעאטער פאר א רעדוצירטן פרייז פאר א בענעפיט צו העלפן זייערן א מיטגליד. אזוי ווי געוויסע מיטגלידער זענען געווען צו פויל צו פארקויפן די בילעטן צו זייערע פריינט דורך דער צייט פון אייניקע וואכן, ווייל זייער צייט ווערט גע'פטר'ט אויף קארטן־שפיל און ענלעכע קולטור־צוועקן, ווארטן זיי אויף דעם טאג ווען מען דארף במילא גיין אין „דשוואיש טעיעטער", מען קומט אביסל פריער, מען שטעלט זיך אוועק ביים אריינגאנג פון טעאטער און מען פארכאפט די קונים וואס קומען צו דער קאסע קויפן בילעטן פאר דעם פולן פרייז, קונים אויף וועלכע דער טעאטער קוקט ארויס, קונים אן וועלכע ער קען נישט עקזיסטירן.

איצט איז עס מיר קלאָר, האָט טאָמסקי געזאָגט.

גוט, הכלל, איידער די צוויי פרויען האָבן מיך איינגעשלונגען, האָט דער „פּרעס אגענט" פון טעאַטער, מיט וועמען איך בין נאָענט באַפריינדעט, מיך געראַטעוועט פון זיי און מיך אריינגענומען אין טעאַטער.

איך בין דורכאויס באַשטאַנען, אַז איך מוז קויפן אַ בילעט, כאָטש ער איז מיין פריינט, „עס מאַכט נישט אויס", האָט ער מיר געוואָלט איינרעדן, „דו ביזט נישט דער איינציקער פרייער בילעטניק?" אָבער איך האָב פּראָטעסטירט און יאָ באַצאָלט, דוקא ווייל עס זענען פאַראַן אַזויפיל פרייע בילעטניקעס, ווייל איך זיין אַן אויסנאַם און יאָ באַצאָלן פאַר זען יידיש טעאַטער.

די אויפפירונג איז געווען אַ קלאַסישע. אַן ערשט־קלאַסיקע טרופּע האָט גענומען אַ צווייט־קלאַסיקן דראַמאַטורג, דורכגעפירט זיינע אַ דריט־קלאַסיקע פּיעסע, וואָס איז רעזשיסירט געוואָרן פון אַ פערט־קלאַסיקן רעזשיסער — און עס איז ארויס — אַ קלאַסישע אויפפירונג. ס'איז נאָר געווען אַ רחמנות צוצוזען ווי ערדישע, פליי־שיקע, פולבלוטיקע אַקטיאָרן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין וועגע־טאַריאַנער צוליב זייער קייען קליאַטשע.

יורי האָט פּלוצים אַ קוק געגעבן אויפן זייגער און זיך געכאַפּט, אַז ער איז שוין אריבער זיין באַשטעלטע צייט מיטן דאָקטאָר.

— אויב איר דענקט, האָט טאָמסקי אים געפרעגט, אַז איר וועט ביי דעם נעקסטן באַזוך קענען ווייטער אָנגיין מיט אייערע איבער־לעבונגען, וועלן מיר איצט איבעררייסן.

— זיכער, עס איז בעסער אַזוי, האָט יורי געענטפערט, ווייל איך דענק, אַז דאָס ווייטערדיקע איז זייער וויכטיק, אפשר נאָך וויכטיקער ווי אַלץ וואָס איך האָב אייך ביז איצט דערציילט. און איך דאַנק אייך פאַר דער מוזיקאַלישער באַגלייטונג פון אייער ראַדיאָ.

איך האָב אומישנע אָנגעשטעלט די מוזיק כדי אייך אויסצופּרואוון.

— דענקט איר, אַז איך האָב אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, אַז איך האָב נישט פיינט קיין פּאָפּולערע מוזיק?

— איר זענט נישט קיין סנאָב, האָט טאָמסקי געענטפערט, און אויסגעשטרעקט זיין האַנט צום געזעגענען זיך.

דריטער קאַפּיטל.

דר. טאָמסקי איז געזעסן פאַרטראַכט, שוין איינציקע רגע'ס, אַז ער איז געווען פאַרטיפט אין פּאַפּירן אויפ'ן טיש. די רגע'ס האָבן זיך

געצויגן ווי שטונדן. . טאַמסקי האָט פּלוצים זיך געווענדט צו יורי'ן מיט דער פראַגע.

— ווי איך זע, האָט איר ליב צו טרינקען? דאָס איז כמעט נאָרמאַל, אָבער וואָס איך וויל אייך פרעגן איז, האָט איר ליב אַריינצו'כוסה'ן א גלעזל צווישן איין גלעזל און דעם צווייטן?

יורי האָט זיך געפילט באַליידיקט פון דער פראַגע, אָבער ער האָט זיך באַטראַכט און נאָך א רגע שטיל געענטפערט.

ליבער פריינט, ווען איך זאָל אפילו טרינקען א פלעשל צווישן איין פלעשל און א צווייטן, וואָלט איך אויך נישט געוואָרן שיכור. איך בין אַנטוויינט געוואָרן מיט אָקאַוויט.

איר מיינט מיט דעם צו באַהויפּטן, אַז די וויזיעס, די פאַנטאַזיעס זענען ביי אייך קיינמאָל נישט דער רעזולטאַט פון אַלקאָהוליען ?

פאַרקערט, א משקה'טעריע ווירקט בלויז מיך אַרויסצושלעפּן פון מיינע מעלאַנכאָלעריעס. ווען איך ווער בגילופין, וויל איך אַרומ־נעמען די גאַנצע וועלט און זי קושן.

דאָס וואָלט נישט געווען קיין עולה, ווען איר זאָלט עס טאָן צו דער בעסערער העלפט, האָט טאַמסקי מיט א שמייכל געזאָגט.

איר מיינט די בעסערע העלפט פון דער וועלט, אָדער איר מיינט וואָס איך מיין איר מיינט, די שענערע העלפט ?

ניין, לאָמיר, האָט יורי בעשטאַנען, נישט זוכן קיין סעקסועלע אורזאַכן דאָרט וואו זיי זענען בפירוש סאָציאַלע. לאָמיר גיין אַביסעלע ווייטער פון פרויד, און לאָמיר פאַרגעסן קינזי'ן.

א דאַנק פאַר דער עצה, האָט טאַמסקי מיט א צופרידענעם שמייכל געזאָגט.

עס האָט מיך זייער גע'פרויד'ט, האָט יורי צוריקגעשמייכלט. לאָמיר נישט אַריינדרינגען אין די אַנאַטאָמישע און אָרגאַנישע לאַבי־רינטן פון מיין געשלעכטלעכקייט.

איר קומט זייער אָפט אין דעם וואַקס־מוזעאום, אין דעם קאַפּע קראָון ?

איך בין דאָרט פּונקט אַזוי אומפאַרמיידלעך ווי יענע וואָס איך האָב דערמאָנט.

זענען אייערע וויזיעס און חלומות בלויז וועגן טעאַטער, וויל פון אייערע ענטפערס איז מיר קלאָר, אַז איר זענט אַן אינטעליגענטער מענטש. און נאָך איין פּונקט, האָט טאַמסקי צוגעזעצט, מיר איז אָפּטמאָל שווער צו אַנטשיידן ווען איר זענט ערנסט און ווען איר זענט מיין פּאַציענט.

איר מיינט צו זאָגן, ווען איך בין נאָרמאַל און ווען איך בין משוגע.

ניין, איר זענט נישט משוגע, איר זענט בלויז נישט נאָרמאַל, איר זענט בלויז, לויט פּרדיריך ניטשע, איינער פון אַ גרופּע.

יורי׳ן האָט זיך שטאַרק געגלוסט צו מאַכן אַ וואָרט-שפּיל און זאָגן ניטשע־וואָ, אָבער ער האָט אנשטאָט דעם געפרעגט, וואָס מיינט איר לויט ניטשע?

ניטשע באַהויפּטעט, אַז משוגעת איז אָפט לייכטער צו געפינען ביי גרופּעס, משפחות, סעקטן, אָדער אפילו גאַנצע פעלקער, ווי ביי איינצעלנע מענטשן. איר, פריינט יורי, זענט איינער פון אסך, דאַ־ריבער זענט איר קלאָר געגוג זיך צו וועלן באַפרייען פון אייער אומ־נאָרמאַליטעט. איר, איר . . . האַלט זייער שטאַרק פון זיך?

למאי זאָל איך לייקענען, איך האָב זיך נישט פיינט.

איר מיינט צו זאָגן איר האָט זיך שטאַרק ליב?

איך מיין דאָס נישט צו זאָגן, איך פאַרגעטער נישט דעם באָדן אויף וועלכן מיינע פיס טרעטן, איך בין נישט קיין נארציזיסט, איך קנייפּ זיך נישט אין בעקל און שפּיל נישט קיין ליבעם מיט זיך אליין, ווי איך זע זוכט איר נאָך אַלץ פאַלישע סימבאָלן אין מיינע מעשים?

ניין, האָט טאָמסקי מיט פעסטקייט געענטפערט, איך זוך אייך בלויז צו העלפן. איך זוך בלויז צו דערגיין אייערע אסאָסיאַציעס מיט׳ן טעאַטער, איך וויל געפינען די סיבות פון אייערע מיראַזשן און פאַטאַ־מאַרגאַנאַס אין אייער טעאַטער מדבר, ווייל איר ווערט צו אָפט געשטאָכן פון קאַקטוסן.

לאָמיר נישט פאַרקריכן אין קיין מדבר, האָט יורי געזאָגט, דאָס זענען אייגנטלעך נישט קיין קאַקטוסן נאָר אַ מין קראָפּעווע, וואָס וואַקסט אין אַלע ווינקעלעך פון יידישן לעבן.

לאָמיר, האָט טאָמסקי פלוצים געזאָגט, ווייטער אָנגיין מיט אייערע איבערלעבונגען.

אָן שום הקדמה האָט יורי אָנגעהויבן.

איך בין געזעסן אין טעאַטער דורכן ערשטן און צווייטן אַקט און זיך געגריזשעט פון דער פּראָזאַאישער אָרעמקייט. ס׳איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז בלוט איז נישט דיקער ווי וואַסער נאָר וואַסערדיקער. דער אינטהאַלט האָט זיך געוויקלט אָבער גאָרנישט אַנטוויקלט.

איך האָב אַרויסגעקוקט אויפן פאַלן פון פאָרהאַנג, וואָס איז ענדלעך געפאַלן צוזאַמען מיט מיין שטימונג און מיט שטומ׳ונג בין איך שנעל אַרונטער אין לאָונזש פון טעאַטער, וואָס איז געווען אסך

אימפּרעסיוועַר פון דעם ספּעקטאַקל פון יידישע צרות און העראָאיש־קייט אויף דער בינע. איך האָב זיך אַרומגעקוקט און דערזען סטאַטועַן פון ש. אַנ־סקי, שלום עליכם, יעקב פּ. אַדלער, יעקב גאָרדין, אברהם גאָלדפאַדען און איך האָב זיך פּשוט מחיה געווען. דער „פּרעס אַגענט" פון טעאַטער איז צוגעקומען צו מיר. דו קוקסט, האָט ער מיט אַ פאַרבאָרגן שמייכעלע געזאָגט, אויף סטאַטועַן וואָס זענען אויפגע־שטאַנען תחית המתים. אויף מיין ענטפער, אַז זיי זענען קיינמאָל נישט געשטאָרבען, האָט ער מיר דערקלערט:

ווען דער טעאַטער איז אין 1924 געבויט געוואָרן פאַר מאָריס שוואַרץ, האָט דער אַרכיטעקט אויף שוואַרצ'עס וואונטש אויסגעפּלאַנט אָט די נישן און פּעדעסטאַלן פאַר די ביוסטן פון די באַשאַפער פון יידישן טעאַטער. די ערשטע אויפפירונג אין דעם טעאַטער איז געווען גאָלד־פאַדן'ס ,לא תחמוד", אָבער, ביז'ן היינטיקן טאָג זענען אַלע וואָס האָבן דאָ געשפּילט, עובר געווען דאָס געבאָט „דו זאָלסט נישט גלוסטן!" יעדער טויש אין דעם טעאַטער האָט געבראַכט אַנטוישונגען, נאָר יעדער רויש האָט נישט געמאַכט קיין רושם.

איך האָב אים דערמאָנט, אַז ער האָט מיר געוואָלט דערציילן וועגן אַ תחית המתים.

— וועסט מיר ענטשולדיקן, גוט, טאָ הער, הכלל: דער סקולפּ־טאָר גודעלמאַן, ווי דו קענסט זען, האָט מיט טיפזיניקער פאַר־שטענדעניש אויסגעפורעמט פון גיפּס די ביוסטן פון אברהם גאָלד־פאַדען, יעקב גאָרדין און ש. אַנ־סקי; דער קינסטלער באַומאַן האָט פון טיעק האָלץ אויסגעשניצט דעם הדרת פנים פון יעקב פּ. אַדלער; דער אַרטיקסט דוקאָר האָט פון ווייסן מאַרמאָר אויסגעהאַקט אַ ביוסט מיט'ן דאָמינירנדן פּנים פון מאָריס שוואַרץ.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט און ניט געזען די סטאַטוע פון מאָריס שוואַרצ'ן. ער האָט פאַרשטאַנען מיין בליק און געזאָגט, דו זוכסט שוואַרצ'ן? ליידער פעלט ער דאָ אונטן און אויך אויבן. ער אַליין געפינט זיך ערגיץ אין גלות און זיין סטאַטוע געפינט זיך אין יידיש־וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. אָבער לאָמיך דיר דערציילן וועגן תחית המתים: ווען דער קונסט טעאַטער איז אַוועק פון דעם בנין, האָט שוואַרץ געהאַט בלויז אַ רעכט אויף זיין אייגענעם ביוסט און אים אַנגעהויבן מיטשלעפּן מיט זיך. די אַנדערע סטאַטועַן זענען, צו־ליב פינאַנציעלע סיבות, געוואָרן דאָס אייגנטום פון דעם בנין, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צענטקלאַסיקער סינעמאַ'גאַגע. די סטאַטועַן זענען אין יענער צייט פאַרוואָרפן געוואָרן אין אַ פינסטערן

שווארצן קאַטאַקאָמב פון קעלער, ביז איך האָב זיי אַרויסגעראַטעוועט פון דעם חושך'דיקן קבר. דער שוישפּילער און אַמאַטאָר־סקולפּטאָר משה שטראַסבערג האָט זיי אויפגעפרישט צושטיקעווענדיק איינעם אַ שטיקל נאָז און אַן אַנדערן אַ קין, זיי אָפּגעבראָנדזט און מען האָט זיי צוריק אַוועקגעשטעלט אויף זייערע ערנפּלעצער, ווען דער טעאַטער איז צוריק געוואָרן יידיש.

דער „לאַונדזש" האָט זיך אָנגעהויבן אָפּצולייִדיקן. דער פּרעס־אַגענט איז אַוועק מיט אַ מידל וואָס האָט געוואַרט אויף אים.. איך בין געבליבן אַליין, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ווייכן שטול און געטראַכט פון תחית המתים. איך האָב זיך געווענדט צו די פינף סטאַטועץ מיט שטומע פראַגן און געטראַכט: אָך, ווען איך זאָל פאַרמאָגן אַ געטלעכן כח אַריינצובלאָזן אין זיי לעבן. גרעסער און שאַרפער זענען מיינע אויגן געוואָרן און קלענער און מידער. פּלוצים האָב איך דערהערט קלאַנגען פון „עקידת יצחק" און דאָס קול פון אברהם גאָלד־פאַדען, וואָס האָט געזונגען:

> צי בין איך דען, טעאַטער מייִן,
> נישט אין רעכטן וועג געגאַנגען ?
> צי וועסטו מער נישט מיינער זייִן,
> און זינגען מיינע געזאַנגען ?

אַנ־סקי האָט פּלוצים אָנגעהויבן צו ריידן: דו הערסט גאָלדפאַדען? „אַזוי לאַנג ווי דער דיבוק וועט אין אים זיצן, וועט מען מער דיינע קלאַנגען נישט הערן. איך האָב אַמאָל אָנגעטראָפן אַ שוישפּילער, וועמען איך האָב צוגעפירט צו דער בינע און אים געפרעגט": זאָג מיר, וואָס זעסטו דאָרט? דער שוישפּילער האָט געענטפערט: דאָרט, אויף דער בינע זע איך זיך". האָב איך אים געזאָגט: „מיין זון, דאָס טויג נישט, דאָרט אויף דער בינע דאַרף מען זען טעאַטער און נישט זיך, ווייל ווען אַן אַקטיאָר הויבט אָן צו זען דאָרט בלויז זיך, הערט מען אויף צו זען טעאַטער.

יעקב גאָרדין האָט זיך אַריינגעמישט. „אוי דלות מיינער, אַקטיאָרן ווילן זיין סטאַרס און קענען נישט — סטאַרס קענען זיין אַקטיאָרן און — ווילן נישט.

פּלוצים האָט שלום עליכם געעפנט זיינע לאַכנדיקע, קלוגע אויגן און אַריינגעפאַלן אין געשפּרעך: „אייער פילאָזאָפיע, זאָלט איר מיר מוחל זיין, זאָלט איר מיר, איז לא מעוקצך ולא מדובשך, נישט צום פּאָקן און נישט צום מאָזלען, נישט פאַר'ן עולם און נישט פאַר'ן

אקטיאָר, נישט צום וויינען און נישט צום לאַכן — אייער פילאָזאָפיע האָט נישט קיין ממשות, ס'איז סתם געבולבעט.״

איר אַלע בולבעט „אינאַסטראַנע״ דיבורים, האָט יעקב פ. אַדלער באַמערקט מיט אַן איינדרוקספולן טאָן: „גאָספּאָדאַ, דזשענטלמען, נאָר נישט אַרגומענטירן, „פּראַסטיטיע פּליז״, די טראַגעדיע באַשטייט אין דעם וואָס מען האָט דעם טעאַטער איינגעטיילט אויף סעקציעס: גוט טעאַטער — און אַפּערעטן טעאַטער. טעאַטער צום וויינען און טעאַטער צום לאַכן, „וואָט טשטאָ״, דעריבער איז נישט פאַראַן קיין גאַנצער טעאַטער און קיין גאַנצער עולם. וואָס עס פעלט, רעביאַטאַ, איז טעאַטער, איך האָב געענדיקט! ער האָט געוואַרט אויף אַן אַפּלויז אָבער די אַנדערע האָבן געשוויגן.

גאָלדפאַדען האָט איבערגעריסן די שטילקייט און אָנגעהויבן מיט א רעטשיטאַטיוו:

איך האָב ביי די אומות העולם גענומען די לערע,
נאָר מיינע תלמידים האָבן קעפּעלעך שווערע,
זיי ווילן פון הינטער־פלעט נישט דערוואַכן —
נאָר פּאַטשקען שמד־שטיק צום וויינען און לאַכן.

אָט זעט וואָס עס טוט זיך דאָרט, ביי נישט יידן,
מען שאַפט איבער אַלטע ווערק און מען לאָזט נייע שמידן
פון ביאָגראַפיעס פון זייערע קאָמפּאָזיטאָרן;
מען שאַפט נייע ווערק מיט נייע אַקטיאָרן —

מען וועבט זיי אַרום מיט אייגענע קלאַנגען,
פון אַלטע לידער ווערן נייע געזאַנגען.
אויך דראַמאַטישע ווערק מען מאַכט פּאָפּולער,
מען וועקט און מען רייצט מיט פרישן באַגער;

און מיט נייער מוזיק און נייע סיטואַציעס,
דער רעזולטאַט פון דער אָפּעראַציע איז,
אַז זייער שיינער טעאַטער פאָרוואַרט און שלעפּט יידן,
וואָס זענען מיט'ן אייגענעם טעאַטער נישט צופרידן.

גאָרדין האָט אַריינגעשמייכלט איראָניש אין זיין באָרד און זיך אָנגערופן: מיר האָבן זיך אָפּגעשאָקלט פון דעם אַמאָל און מיר קענען מער נישט געפינען קיין שום נייעס פאַר דעם מאָרגנדיקן נעכטן. די שאַפונגען, וואָס קאָלעגע גאָלדפאַדן האָט אַזוי פאָלקסטימלעך באַזונגען, זענען טאַקע אינטערעסאַנט, אָבער פאַרוואָס דווקא מאַכן מוזיקאַלישע איינשפּריצונגען? א גוטער רעזשיסער דאַרף און קען אין

מיינע דראַמעס און אין זיינע אָפּערעטן געפינען געגוג אינספּיראַציע פאַר מאָדערניזאַציעס. עס איז שוין באַוויזן געוואָרן. אָבער איצט? עס זאָל נאָר נישט זיין צו שפּעט, צו שפּעט.

—דאָס איז מעגלעך האָט אדלער, אין דערזעלבער שטימונג, מוסיף געווען, אָבער וואו קריגט מען נייע רעזשיסאָרן? נישט קיין סטאַרס, וואָס מאַכן זיך אליין פאַר גאַנצע „טרעפּיק" פּאָליסלייט אויף דער בינע; נישט קיין דרדקי־רעזשיסאָרן, וואָס ווערן אימפּאָרטירט פון שניפּישאָקער קונסט אקאדעמיע; נישט קיין אמאַטאָרן־רעזשיסאָרן, וואָס זענען בלויז גוט פאַר „ליוביטעלעס," נאָר רעזשיסאָרן, וואָס זענען נויטיק פאַר רוטינירטע שוישפּילער פאַר „כודאָזשניקעס."

—זאָלט איר מיר אַלע מוחל זיין, האָט שלום עליכם אונטערגע־כאַפּט: אויף דער יידישער גאַס זענען פאַראַן געגוג טאַלאַנטן—רעזשי־סאָרן, וואָס וויסן אז א לאָקשנברעט דאַרף נישט קיין רעדלעך און מען דאַרף נישט קיין ריב-אייזן צו רייבן איין האַנט אין דער צווייטער. טאַקע צווישן שוישפּילער געפינען זיי זיך ,נאָר צום גרעסטן באַדויערן איז נישט פאַראַן קיין איינער, וואָס זאָל וועלן צולאָזן עמיצן אַנדערש צו דער ראַמפּע, כדי עפּעס א נייעס זאָל אויסגעפּלאַכטן ווערן. דאַריבער טרעפט זייער אָפט, אז א טאַלאַנטפולער ייד אַנטלויפט צו די גוי'עס און עלטערט זיך אין גוי'אישקייט אין עושר און אין כבוד; צווישן יידישע שרייבער זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס האָבן גוט-געבאַקענע שפּיל־פּייאיקע פּיעסן, וואָס נויטיקן זיך בלויז אין ערנסטע און ערליכע רעזשיסאָרן און, אז מען וועט זוכן וועט מען אויך געפינען לייטישע שרייבער פון טעאַטער פּערזן וואָס מען רופט אָן ליריק.

— מעגלעך, האָט גאָרדין, מיט א צווייפל אין זיין שטים, געזאָגט; אָבער איך בין שטאַרק אין ספק צי די פּיעסן זייערע זיינען בינע־מעסיק, ווייל זעלטן האָט זיך א יידישער שרייבער גענומען די מי צו שטודירן די חכמה ובינה פון דער בינע. א דראַמאַטישע טעמע דאַרף אויך פאַרמאָגן די נויטיקע בינע טעכניק, וואָס דאַרף אַרומ־געבויט ווערן אַרום דעם דראַמאַטישן סקעלעט.

— אַדאַנק אייך פאַר דער לעקציע, האָט שלום עליכם געזאָגט: און איר קענט דעם דאַנק זיך אונטערלייגן צוקאָפּנס. איר האָט דאָך גאַנץ גוט געזען, אז מען האָט געפונען פּייאיקע שרייבער און רע־זשיסאָרן צו סצענירן מיינע טעמעס און העלדן. מיין טוביה, מיין דוד שאַפּיראָ, מיין סענדער בלאַנק, מיין . . .

פּלוצים איז גאָלדפאַדן איינגעפאַלן:

דיין, דיין דיין און נישט מיין,
דיין, דיין דיין און נישט זיין
אָבער: „זיין אָדער נישט זיין"
איז איצטער די פראַגע,
הערט מען פון יעדן דאָ די קלאַגע,

דעריבער קאָלעגן, הערט צו מיין עצה:
מיר דאַרפן כאַפּן די פיס אויף די פּלייצע
און לויפן צו אַנדערע פעלקער שטודירן:
ווי אַזוי צו שרייבן, ווי אַזוי צו רעזשיסירן —
און האָבן דאַרף יעדער איין איינציקן ציל:
די הויפּטזאַך איז תמיד דער שפּיל . . .

דעריבער זאָלן צוויי אָדער דריי צוזאַמען,
בשותפות בויען קאָמעדיעס, דראַמען,
פּונקט ווי מען טוט עס אויף אַנדערע בינעס,
מיט לאָגיק, מיט טעם מיט פּאַר־מבינות;

ווייל זעלטן בלויז טרעפט, אַז אַ גאָניע אַ ידען
ווי יעקב גאָרדין, אָדער איך, גאָלדפאַדן,
זאָל שאַפן ווי יעדער פון אונז — אַן עפּאָכע,
מיט קינסטלער מיט נייע, מיט שפע און ברכה.

— דאָס איז, האָט שלום עליכם געזאָגט, גראַם, שטראַם, מאַך מיר אַ דראַמאַטורג. לאַכן, זאָלט איר מיר געזונט זיין, דאַרפן יידן, אפילו אין די טראַגישסטע מאָמענטן דאַרפן זיי לאַכן. אמת: אין יידישן לעבן זיינען פאָרגעקומען גרויליגע געשעענישן, אָבער אפילו דאַן האָבן יידן געלאַכט. איך האָב זיך צוגעהערט צו דעם געלעכטער, עס האָט מיך געשטאָכן אין הארצן, טרערן האָבן מיך דערשטיקט אָבער איך האָב געלאַכט. איך האָב זיך צוגעהערט צו זיי — ווייל איך האָב געהאַלטן מיין אויער צוגעטוליעט צו דער ערד, — אַ ברירה האָב איך געהאַט, אויף דער יידישער בינע פעלט הומאָר, נישט חלילה קיין גאַלגן־הומאָר, נאָר צאַרטער, פאָלקסטימלעכער הומאָר, וואָס דאַרף פאַרוועבט ווערן אפילו אין דער דראַמאַטישסטער דראַמע שב'דראַמע.

— ריכטיק, האָט גאָרדין אונטערגעכאַפּט; הומאָר איז דער שווימגאַרטל פון לעבן און די בינע דאַרף ווייזן דאָס לעבן — נישט בלויז אימיטאַציע, נישט בלויז אָפּשפּיגלען, נאָר איבערלעבן. די קראַנקהייט פון יידישן טעאַטער איז אַזאַ שווערע, אַז בלויז אַ צאָל גוטע פּיעסן

קענען אים ראטעווען. אָבער ווי עס זעט אויס האָבן אונז אונזערע נאָכפאָלגער שלעכט פארשטאנען, ווען מיר האָבן זיי געשיקט לערנען ביי די אומות העולם. מען האָט געשיקט דראמאטאָרן מיט קלעפּקע פינגער און פּוסטע מחות, האָבן זיי פון דאָרט גענומען בלויז דאָס וואולגארע, דאָס באנאלע, דאָס פּראָפאנע; צו נעמען די נויטיקע עלעמענטן אָדער וויטאמינען וואָס דער טעאטער דאַרף, האָבן זיי פארגעסן און אפשר נישט געקענט. דאריבער איז דער טעאטער אריינגעפאלן צו אָפּאָרטוניסטן, אפעריסטן, שונדיסטן.

דאָ האָט גאָלדפאדן אויפגעכאפּט דאָס לעצטע וואָרט און ווייטער מעלאָדיש געצויגן:

. . . וואָס ווילן דעם טעאַטער פארוויסטן
מיט שונד און שאנד און פּראָפּאנאציע,
און שענדן זיין יידישע רעפּוטאציע.

ער האָט אָנגענומען אַ פּאָזע פון רבי יאָזעלמאן און געזונגען

מיר דאַרפן אַלע קלערן,
וואָס גיכער פּטור ווערן
פון דעם געַרוך, דעם שווערן,
ער זאָל זיך מער נישט הערן . . .

אַ נייעם בעזים קויפן
און אויף אַ נייעם אופן,
אָפּרייניקן די הויפן.
וועלן די שונדיסטן
וואָס נאַשן פון די מיסטן
זיך אַליין פאַרוויסטן
און אין די נורעס לויפן.

אָבער ווער וועט דאָס אַלץ טאָן? האָט אנסקי זיך געווענדט צו די אַנדערע, מיט וועמען וועט מען דאָס אַלץ מאכן? ווער וועט זיין דער קרעאטאָר וואָס וועט בויען און זאמלען די אוצרות פון פאָלק?

וואָס הייסט ווער? האָט גאָרדין געפרעגט, ער, דער אין ווייסן מאַרמאָר. וואָס שווייגט ער עפּעס?

טאקע, האָט גאָלדפאדען צוגעגעבן, ער האָט אפילו קיין קלאַנג פון זיך נישט געלאָזט הערן.

ער האָט אָנגענומען, האָט שלום עליכם געזאָגט, אַ פולן מויל מיט צונג און שווייגט, שאַ, אַזוי שטיל ווי אין אַן אויער פון אַ

שטיוול. אַט באַלד וועט ער עפענען די לעפצן. עעע . . . רעב טוביה! דוד שאַפּיראָ! סענדער בלאַנק! וואָס שווייגסטו עפּעס?

ווּעמען מיינט איר? איז אַדלער געוואָרן נייגיריק, איר מיינט אפשר דעם שנעק, דעם מיט די געשליפענע עלנבויגנס? דעם וואָס וויינט תמיד ווי אַ קאַטער בעת ער לעקט סמעטענע? איר מיינט משה'לע שווארץ? ער, רעביאטא, איז דאַנקען גאָט דאָ נישטאָ, ער געפינט זיך שוין אין די הויכע פענסטער, אין דעם יעווּרעיסקי אוניווערזיטעט, ווי הייסט ער? דער יידיש וויסענשאַפטלעכער אינסטיטוט, יו נאָו, אַ מוזיי.

וואָס איז ער עפּעס פּלוצים אַנטלאָפן? האָבן אַלע ווי אין אַ כאָר געפרעגט.

גאָלדפאַדן האָט ווידער גענומען זינגען,

ער האָט מיך אייניקע מאָל אויפגעלעבט
ער האָט מיך מיט מאָדערנע מעטאָדן באַוועבט.

גאָרדין האָט מיט אַ שמייכל ווייטער געצויגן די מעלאָדיע:

און מיר האָט ער געוואָלט כבוד פאַרשאַפן
כאָטש זיינע נייע פּאַראַגראַפן
וואָלט איך אים מוחל געווען

שלום עליכם האָט אויסגעכאַפּט ביי גאָרדינען און געזונגען:

ווי, וואָס מיט אים איז געשען . . .
זאָל ער אויפהערן קריכן
אין די הויכע פענסטער
קום צוריק אין-גיכן
טעאַטער מענטש דו שענסטער;

ער האָט געגוג אינטואיציע,
און ער פאַרמאָגט אַמביציע,
אָבער בלויז זיינע ליבע יידן
זענען מיט אים צופרידן.

משה'לע קום צוריק, הער אויף חלום'ען פון בראָדוועי, פון האָליוואוד, פון פרעמדע פעלקער, פון הבימה אפילו; קום צוריק, צעריים דיין פּאַספּאָרט און קום צוריק, מיר דאַרפן דיך מער און נויטיקער ווי אַלע.

אַלע האָבן אים אַפּלאָדירט און אפשר זענען דאָס געווען די אַפּלאָדיסמענטן וואָס האָבן זיך צו מיר דערטראָגן פון אויבן, צום סוף פון דער פּיעסע, איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון מיין חלום.

איר מיינט איר זענט אַרויס פון אייער פאַנטאַזיע און געקומען צוריק צו רעאַליטעט. זענען אַלע אייערע חלומות אַזוי?

צום באַדויערן, ניין. די חלומות וואָס איך האָב בייגאַכט זענען אינגאַנצן אַנדערש.

ווי איך זע, האָט טאָמסקי מיט פאַרזיכט געפאָרשט, האָט איר ליב צו דראַמאַטיזירן.

איר האָט געוואָלט זאָגן, האַמלעטיזירן?

— ריכטיק. איר נעמט אָן יעדע באַליידיקונג קעגן יידיש ווי אַן אַטאַקע אויף אייך פּערזענלעך?

אויך ריכטיק, ספּעציעל פון די וואָס מאַכן אַ לעבן פון יידיש טעאַטער.

איר מיינט, איז טאָמסקי געוואָרן פאַרינטערעסירט, אַז אין יידישן טעאַטער זענען פאַראַן אַזעלכע, ער האָט אָנגעהויבן צו זוכן דאָס ריכטיקע וואָרט, ווי זאָל איך זיי אָנרופן? . . .

יורי איז אים געקומען צו הילף און דערגאַנצט, פּראָפּאַנען, פּראָפיטוטן, קאָמערסאַנטן, עם הארצ'ער.

געענוג, האָט טאָמסקי אים איבערגעשלאָגן, איר מיינט עס טאַקע?

יאָ, איך מיין עס, אָבער איך וויל וועגן דעם נישט ריידן.

איר מוזט ריידן, וועגן אַלץ, דערפאַר קומט איר דאָך צו מיר, האָט טאָמסקי גוטמוטיק געזאָגט, ביי אייך, דענק איך איז טאַקע ערגעץ לויז אַ שרייפל, איצט בין איך איבערצייגט, צי איר וועט וועלן באַצאָלן אָדער נישט, אז עס וועט נויטיק זיין צו מאַכן איבער איין אָן אָפּעראַציע.

יורי האָט געטראַכט אַ ווײַלע און געזאָגט: איר דערמאָנט מיך איצט אָן דעם אַלטן עפּיגראַם:

א דאָקטאָר האָט דריי פּנים'ער: ווען נויטיק שטאַרק איז ער,
אַ פּנים פון אַ מלאך, ווען ער ווישט דעם חולה'ס טרער.
ווען דער קראַנקער ווערט געהיילט, זיין פּנים גאָט דערמאָנט,
און ווי אַ טייוול זעט ער אויס, ווען רופא־געלט ער מאָנט.

איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, האָט ער ווייטער גערעדט, אַז איך וועל זיך גלאַט אַזוי, נישט אַרויסדרייען פון אייערע הענט, אָבער ווי וועט זיין ליבער דאָקטאָר, אַז איר וועט אויסגעפינען, אַז איך האָב נישט צו באַצאָלן, וועט איר נאָך אַלץ וועלן מאַכן די אָפּעראַציע?

עס איז מיין פליכט אין אַלע פאַלן אייך אויסצוגליייכן, אויס־צובאַלאַנסירן אייער קאָפּ.

אפשר זאָל איך זיך אָנהעגנגען אָן אוירינגנגעל אויף איין אויער ?

דאָס איז אַ לאָגיש, שכל'דיקע עצה פאַר אויסבאַלאַנסירן אַ קאָפּ, אָבער אייער קאָפּ שאָקלט זיך צופיל אין אַלע זייטן.

וואָס מיינט איר, האָט יורי געפרעגט, מיט אַן אָפּעראַציע ? איר מיינט דאָך נישט חלילה כירורגיע ?

איך מיין, האָט טאָמסקי געענטפערט, היפּנאָז. איר וועט מיר מוזן העלפן אייך צו היפּנאָטיזירן.

דאָס איז זייער לייכט, האָט יורי געענפט זיינע אויגן, באַקענט מיך מיט אַ שיינער און אינטערעסאַנטער מיידל צווישן צוואַנציק און פינף און דרייסיק, שלאַנק, מיטעלע וואוקס, ברונעט, שאַטין, רויט, בלאָנד אָדער וועלכע נישט איז אַנדער קאָליר האָר און איך וועל באַלד ווערן היפּנאָטיזירט.

אָבער דאָס וועט אייך נישט איינשלעפערן.

אויב איר ווילט מיך איינשלעפערן, נעמט מיך צו אַ מוזיקאַלישער קאָמעדיע אין וועלכער דער לא יצלח, דער קאָמיקער, דער אידיאָט, געווינט דאָס שענסטע מיידל און איך וועל איינשלאָפן, און אפילו כראָפּן צום טאַקט פון זיינע קופּלעטן. אָבער פאַרוואָס מוזט איר מיך עפּעס איינשלעפערן ?

כדי, האָט טאָמסקי געענטפערט, איך זאָל קענען אויפוועקן אייער אונטערבאַוואוסטזיין, ווייל אַנדערש וועל איך פון אייך נישט קענען אַרויסקריגן דעם גאַנצן אמת פון אייערע שגעונ'ען.

איר ווילט דעם גאַנצן אמת ? אויב אַזוי זאָלט איר וויסן, אַז איך האָב גאַנצע שופלאָדן מיט קנישעס און געהאַקטע לעבערלעך.

לאָמיר ווידער ווערן ערנסט, האָט טאָמסקי, זיך געבעטן.

ווערן ערנסט ? דעם אמת, געזאָגט, שעם איך זיך פּשוט איבער־צוגעבן די סאַדיסטישע עפּיזאָדן, די שוואַרצע, בייזע, וויסטע חלומות, וואָס מוזן ציען זייער יניקה פון רעאַלע געשעענישן.

מיינע חלומות, האָט יורי אָנגעהויבן מיט אַן אַנדער טאָן, שמעקן מיט באָמבאַסטיק, איך האָב אין מיינע חלומות אויפגעבויט אַ מורא'דיקן ראָבאָט.

טאָמסקי האָט געלאַכט און פּלוצים געפרעגט, וואָס מיינט איר מיט אַ ראָבאָט ? וואָס מיינט איר מורא ?

— איר ווייסט פון דעם כלל: דער וואָס באַשאַפט אַ גולם, שטעלט זיך אליין אין געפאַר.

—האָט איר הייסט עס אי מורא, אי איר שעמט זיך. דאָס מיינט איר זענט אַ פּחדן און וועט מורא האָבן זיך צו לאָזןהיפּנאָטיזירן ?

— דענקט איר הער דאָקטאָר, אַז דאָס האָט אַ זין?

— ניין, האָט טאָמסקי געזאָגט, אַן אונטערבאַוואוסטזין, אַזוי ווערט עס גערופן אין פּסיכאָ־אַנאַליזע.

אין פּראָסטן יידיש וואָלט איך עס אָנגערופן; אונטערבאַוואוסט־זינלאָזיקייט. נאָר, אויב איר געפינט פאַר נויטיק און איר ווילט זיך דורכאַוים באַקענען מיט מיינע ווילסטע חלומות, האָב איך מורא, אַז דאָס איז דער איינציקער וועג. איך בין ביי אייך אין דער האַנט. אָבער היינט בין איך אַביסל פאַרמאַטערט, לאָמיר עס מאַכן ביי מיין נעקסטן וויזיט. זייט געזונט.

און קומט געזונט, האָט טאָמסקי געענטפערט און יורי'ן צוגעפירט צו דער טיר.

פירטער קאַפּיטל

יעדער שוישפּילער מיינט ער איז אַ מייסטער,
ער חלומ'ט פון זיך, פאַנטאַזירט;
נאָר ווען ער איז ניכטער און וויניקער דרייסטער,
ווייסט ער: ער ווערט רעזשיסירט.

יורי איז געשטאַנען פאַר אַ דילעמאַ, זיך געשלאָגן מיט דער דעה צי ער זאָל זיך לאָזן היפּנאָטיזירן כדי דר. טאָמסקי זאָל קענען אַרויסציען פון זיינע טיפענישן די משונה'דיקע וויזיעס וואָס גרעניצן זיך מיט גרויסקייט־שגעון. אַסך מענטשן ,האָט ער געטראַכט, זענען ביי זיך זיכער, אַז ווען מען וואָלט זיי נאָר לאָזן, וואָלטן זיי געווען בכח צו ענדערן און רעפאָרמירן אַלץ וואָס עס איז זיי דערווידער און אַנטיפּאַטיש און איך בין נישט קיין אויסנאַם. דאַריבער מוז איך זיך לאָזן גייסטיק פּאַל'מת'ן, איך מוז לאָזן מיין אינערלעכע מכה סטעריליזירן און ווערן מעסמעריזירט. ער האָט זיך אָנגעהויבן אַרומשפּילן אין געדאַנק מיט די ווערטער מת־מעריזירט, געפּאַל'מת'ט.

פאַרטיפט אין זיך, האָט ער זיך נישט אָריענטירט וואו ער גייט, ער האָט געטראַכט פון די וויזיטן, פון די לעכערלעכקייטן וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט בעת זיינע וויזיטן ביי דר. טאָמסקי כדי צו מאַכן מילד זיינע ווילד־האַרבע קאַפּוליער אַנצוהערענישן אין די רגע'ס פון זיין סעמי־משוגענעם צושטאַנד. ער האָט זיך געשראָקן, טאָמער וועט ער אין דעם טאָטאַל־היפּנאָטישן טראַנס אַרויסברענגען אַזוינס וואָס דאַרף און טאָר נישט געזאָגט ווערן און דער רעזולטאַט

וועט זיין, אז טאָמסקי וועט אים האַלטן פאַר אַן אָפּגעריסענעם נאַר און שוטה'וואַטן פאַנטאַזיאָר און נישט פאַר אַ פּיזיש און גייסטיק ליידנדן קרבן פון אַ סאָציאַלער חולאת. זינט דעם לעצטן וויזיט ביי אים האָט ער ביי זיך שוין אייניקע מאָל געהאַט אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט זיך נישט לאָזן אַריינגנאַרן אין אַ סינטעטישן הינטער־פּלעט אין וועלכן טאָמסקי וועט מאַכן אויף אים די שחיטה און אַ חליף. ניין! האָט ער גאַנץ הויך צו זיך אַרויסגערעדט: איך וועל אַוועק פון דעם לעבן אין וועלכן איך ווער אָפּט צוזאַמענגע־שטויסן מיט אָפּשטויסנדע פּרעטענדענטן, עלעמענטן און אינצידענטן.

אייניקע פאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט און אים אָנגעקוקט. יורי האָט אויף זיי אַרויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן און גענומען שפּאַנען מיט גיכע טריט. פּלוצים איז ער געבליבן שטיין פאַר דער געביידע פון טאָמסקי'ס אָפּיס. מאָדנע, האָט ער זיך געמאַכט אַ פּאָרוואורף, אין דער מחשבה האָב איך געוואָלט אַנטלויפן, אָבער די פיס האָבן מיך פיס'יש געטראָגן אהער. הפּנים נישט אַנדערש, אַז איך בין טאַקע נישט ביים גלאַטיקן שכל. מיט אַ פרעג־צייכן אויף זיין פּנים איז ער אַריין אין ליפט אַרויפצופאָרן. ער האָט געשוויגן און געקוקט אין דער ווייטקייט.

דער ליפט-טרייבער האָט געעפנט די טיר, יורי איז אַרוים פון ליפט און זיך מעכאַניש געלאָזט צום אָפּיס פון דר. טאָמסקי. אַ פּאָר־קלערטער, האָט ער געוואָלט עפענען די טיר וואָס אי: אים פּלוצים פאַרגעקומען מאָדנע און אַנדערש ווי תמיד. ער האָט איבערגעלייענט דאָס בלעטל אויף דער טיר: דר. ל. ראָזענשטיין, מ. ד., און איינ־געזען, אַז ער איז אַרויף אויפן עלפטן גאָרן אַנשטאָט דעם צענטן. ער איז צוגעגאַנגען צו די טרעפּ און אַראָפּגעגאַנגען איין גאָרן ניד־ריקער און אַריין צו טאָמסקין.

איר זענט שפּעט, האָט טאָמסקי באַמערקט, איר האָט זיך זיכער געשלאָגן מיט דער דעה צי איר זאָלט גיין צו מיר, אָדער איר זאָלט אינגאַנצן פאַרגעסן אין מיין עקזיסטענץ און אין פּסיכאָ־אַנאַליטיק?

הער דאָקטאָר, האָט יורי מיט אַ געשפּילטן פּאַטאָס באַטאָנט, איך בין געווירט!

דאָס איז זייער קלאָר, האָט טאָמסקי מיט אַ שמייכל זיך פאַרנויגט.

איז עס מעגלעך? האָט יורי געפרעגט, אַז איר האָט זיך אונ־טערגעהערט צו דעם געבראַזג פון מיין מח? דאָס איז פּשוט פענאָמענאַל.

זיצט, האָט טאָמסקי אים אָנגעוויזן אַ טיפן און באַקוועמען שטול.

א דאנק, האט יורי א הכנעה'דיקער געזאגט, איך בעט אייך מיר צו ענטשולדיקן פאר מיינע אינפאנטילע אינסינואציעס. עס קומט אין מיר פאר א פחד'ניש ראנגלעניש. איר זענט גערעכט, איך בין טאקע גערירט. איך בין אין אייערע הענט.

מאכט זיך פולשטענדיק באקוועם, האט טאמסקי באמערקט, גיט א דריק דאס קנעפלביים אנלען פון שטול, וועט ער זיך עפענען, און איר וועט זיך קענען אויסציען, אט אזוי, פיין. איצט וועל איך בלויז אויסדרייען די שארפע ליכט און איר קענט זיך גרייטן צו א גע-שמאקן שלאף, זייט נישט אנגעצויגן ווי א סטרונע צום פלאצן. איר דארפט זיך לאזן מעסמעריזירן, רואיק, מי-יי-יד.

יורי האט זיך פלוצים אויפגעהויבן און אויסגעגלייכט, אבער געבליבן זיצן, וואסזשע? האט ער געפרעגט, איר מאכט גארנישט קיין קונצן מיט די הענט? איר האט דאך אפילו נישט קיין באסאווע שטימע.

טאמסקי האט געלאכט פון דער באמערקונג. ליבער פריינט, יורי, איר זענט איצט נישט אין קיין טעאטער אדער ביי א מעלא-דולנעם פילם, וואו מען מאכט די אלע מאניפארגעס און האקוס-פאקוסן. היפנאטישע קראפט ליגט מער אין מידיום ווי אין היפנאטיקער, מער אין אייער ווילן ווי אין מיין פארלאנג. איר מוזט וועלן—און איך דארף אייך בלויז מיט מיין מעדיצינישער פארשטענדעניש מיטהעלפן.

איך וויל, האט יורי א פולקאם באזיגטער און מידער, געזאגט, אייער שטים איז סימפאטיש.

רואיק, האט טאמסקי מיט ערנסט באפוילן, זייט נאר רואיק, באפרייט זיך פון אלץ וואס קען אייך שטערן צו אייער פולשטענדיקער רו, איר זיינט אזוי י י י י י מ י י י ד , א ז ו י י י מ י י י י ד .

יורי האט פלוצים אראפגעלאזט די האנט פון אנלען אויפן שטול, ער איז געשלאפן און לייכט געאטעמט. טאמסקי האט געקוקט מיט סימפאטיע אויף זיין פאציענט, צוגעגאנגען צום שרייבטיש און געלייענט אין די נאטיצן: „אינערלעכע קאנפליקטן מאכן יורי'ן עגא-צענטריש אין זיין סביבה. ער רעדט זיך איין, אז ער איז די אקס ארום וועלכן די וועלט דרייט זיך. ער איז נעגאטיוויסטיש צו אלץ וואס איז נישט לויט זיין געשמאק. זיינע מחשבות, רעיונות און חלומות קומען פון זיין פאנאטישן, איינגע'עקשנ'טן אידעאליזם, פון זיין פעדאנטיזם צום יידישן טעאטער. ער איז א סאפיסטישער מסור'-ניק פארגלויבט אין זיין כח צו דערמעגלעכן אונמעגלעכקייטן, פאזיטיוו, אז ער האט דעם ענטפער צו אלע אנגעוויטיקטע פראבלעמען. די

גרעניצן פון זיין פאַנטאַזיע קענען נאָך נישט דעטערמינירט ווערן."
טאָמסקי האָט דורכ'ן טעלעפאָן אינסטרואירט זיין סעקרעטאַרשע־קראַנקען־שוועסטער, אים נישט צו שטערן, ביז ער וועט זי רופן. ער איז צוגעגאַנגען צו יורי'ן זיך איינגעבויגן איבער אים און מיט אַ קאָנדענסירטער שטים באַפוילן: שטעלט זיך פאָר, אַז איר לעבט איצט דורך איינעם פון אייערע וויזיעס. האָט איר מיך פאַרשטאַנען?
יאָ. האָט יורי אַרויסגעהויכט אין שלאָף.
דערציילט, דערציילט.
יורי האָט צוערשט אָנגעהויבן ריידן דורך האַלב געשלאָסענע ליפּן, אָבער מיט יעדן ווייטערדיקן וואָרט איז זיין שטים געוואָרן דייטלעכער.
— באַלד נאָכדעם ווי איך בין באַשטימט געוואָרן צו דעם אַמט פון דעם קולטור און דערציאונג מיניסטעריום האָב איך געקראָגן די מאַכט דורכצופירן די רעפאָרמען וואָס זיינען געווען נויטיק פאַר דעם ווייטערדיקן קיום פון יידישן טעאַטער, ווי אויך פון אַלע זיינע צווייגן ווי: וואָדעוויל, פילמען, ראַדיאָ, גראַמאַפאָן־פּלאַטן. מיין ערשטער דעקרעט איז באַשטאַנען פון צונעמען די אָפיציעלע דערלויבנישן פון אַלערליי אונטערנעמער פון יענע קונסטן. כדי אַלץ אויפסניי צו אָרגאַניזירן אונטער דער אויפזיכט פון באַרעכטיקטע און באַרופענע טעאַטער פּאַבליק, שריפטשטעלער, שוישפּילער און אימפּרעסאַריאָס.
דער שטורעם פון פּראָטעסטן וואָס האָט זיך אויפגעהויבן געגן דעם דעקרעט איז געוואָרן אַ טראַגישער פאַרס. דער גאַנצער יידישער טעאַטער פּראָיעקט איז פינאַנסירט געוואָרן פון דער פעדעראַלער רעגירונג און פון גרויסע נאַציאָנאַל יידישע אָרגאַניזאַציעס בשותפות. מיין דעקרעט איז מאָראַליש געשטיצט געוואָרן פון ביידע. מיין ענטפער אויף דעם פּראָטעסט איז געווען אַז אַלע פּראָפאַנען פון יידישן וואָרט און קלאַנג, וואָס האָבן געהאַט אינטימע בעציאונגען סיי מיט'ן מעכאַנישן און סיי מיט'ן נאַטירלעכן יידישן טעאַטער, ווערן גערעכנט זיך אָפּצוטראָגן פון דער טעאַטער פּראָפעסיע און פון אַלע בראַנזשן פון יידישן טעאַטער אין משך פון פיר און צוואַנציק שעה און זיך טאָקע, אויף איין וועג, אויף אייביק געזעגענען מיט זייער קולטור־טרעגער־יונגערישער טויטיקייט. די וואָס וועלן פאַרבלייבן, וועלן אָנגעקלאָגט ווערן פאַר אַ פאָלקס־געריכט פאַר פאַרשפּרייטן פּאָרנאָגראַפיע, זנות־ליטעראַטור און עקלדיקן שונד און שאַנד אאַזוו., אאַזוו.
נאָך איידער דער דעקרעט איז פּובליצירט געוואָרן, האָב איך געלאָזט קאָנפיסקירן אַלע בעוויזן: לידיקס, פּיעסן, ראַדיאָ־פּראָ־

גראַמען, פילמען און גראַמאָפאָן־פּלאַטן. דאָס איז צוערשט דעזינ־פיצירט געוואָרן און נאָכדעם האָט מען דעם גאַנצן באַגאַזש אוועק־געלייגט אין אַ גיגאַנטישן פריגידעיר.

איניקע איינגע׳עקשנ׳טע האָבן זיך געבונטעוועט. האָבן געוואָלט אָפּדרוקן פּראָטעסטן אין די צייטונגען, אָבער קיין צייטונג האָט נישט געוואָלט אָננעמען די אַנאָנסן. האָבן זיי אָפּגעדרוקט פּאַמפלעטן אין וועלכע איך בין געזידלט געוואָרן אין אַ ריינעם יידיש. זיי האָבן באַהויפּטעט, אַז אַלס בירגער פון אַ דעמאָקראַטישער מדינה האָבן זיי אַלע קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט צו האַנדלען און צו וואַנדלען מיט וואָס און מיט וועמען זיי ווילן.

זיי האָבן זיך ביטער אָפּגענאַרט. די פאַראייניקטע יידישע אַרטיסטן יוניאָן, אַן אָרגאַניזאַציע אין וועלכער אַלע יידישע פּראָפעסיאָנאַלן זיינען געווען אָנגעשלאָסן, האָבן מיט זיי נישט געוואָלט פאַרהאַנדלען.

די ליג פון יידישע דראַמאַטורגן האָט זיך פון זיי אויסגעלאַכט.

אַ דעלעגאַציע פון גאָט די נשמה שולדיקע פּערזאָנען, וואָס האָבן פאַרשטאַנען פון טעאַטער פּונקט אַזוי פיל ווי, טכוירן פון פּערפום, צוזאַמען מיט די איינגע׳עקשנ׳טע האָבן געפאָדערט אַן אינטערוויו

אויף דער בינע פון אַ גרויסן טעאַטער, אַרומגערינגלט מיט עקס־פּערטן, האָב איך אויפגענומען די דעלעגאַציע, נאָר אַזוי ווי איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זייערע „מאָנאָלאָגע“ קענען פאַר מיר און פאַר מיין שטאַב עקספּערטן ווערן פּונקט אַזוי טראַגיש ווי די שעה׳ן, וואָס מיר האָבן אויף אַ טראַגישן אופן אומגעבראַכט אין טעאַטערס, גע־קוילעט ביי וואָדעווילדע פאָרשטעלונגען, פאַרפייניקט ביי ראַדיאָ־פּראָ־גראַמען אָדער דערשטיקט ביי גראַמאָפאָן־פּלאַטן, האָב איך געעפנט דעם ספּעקטאַקל מיט דער פאָלגענדיקער עלעפאַנטאַסטישער אָראַטאָריע:

זייער אָנגעלייגטע דעלעגאַציע. איר זיינט געקומען פּראָטעסטירן קעגן דעם דעקרעט וואָס דערלויבט נישט מער צו בעליידיקן דעם געשמאַק, דעם עסטעטישן געניוס, דעם מענטשלעכן געפיל און דעם אמת יידישן טעם פון יידישע טעאַטער־גייער. איר האָט זיך פאַר־אייניקט קעגן דעם הומאַניטאַרן דעקרעט וואָס פאַרבאָט אין דער צוקונפט צו פאַרשטעכן די אויגן, פאַרטויבן די אויערן, פאַרטעמפּע־ווען דער מח פון יעדן יידישן טעאַטער־גייער און צו פאַר׳ניבול, פּה׳־סטיקן יעדעם יידישע הויז.

איר זענט געקומען פאָדערן, איך זאָל ווייטער דערלויבן צו פאַר־בלייבן אַרום טעאַטער, די וואָס האָבן אים פער׳זנב׳יצירט און זיבעציק יאָר נאָכאַנאַנד אָנגעפירט קרימינעלע אבאָרציעס אויפ׳ן יידישן מח.

— מיר פערלאַנגען איר זאָלט ווערן אוים דיק-טאָטער, מיר לעבן אין א דעמאָקראַטישער מדינה און אייערע מעשים זיינען פּאַשיסטישע, האָט אויסגעשריגן אַן אַלי־אַלי דראַמאַטום. האָט איר גאָר נישט קיין געפיל? האָט אַרויסגעקרעכצט איינער, וואָס איז דריי אידיאָטן מיט איינמאָל.

ניין, איך האָב נישט קיין געפיל, האָב איך געענטפערט, אָבער איך פיל, אַז אַלץ וואָס איר פאַרטיידיקט פילט זיך, און לאָמיך אייך אויף אַ זייער דעמאָקראַטישע אופן זאָגן: יאָרנלאַנג האָט איר מסרס געווען דעם יידישן טעאַטער, פראָסטיטואירט די טעאַטער מוזע און פאַרגעוואַלטיקט דעם טעאַטער עולם. דאָס ביז איצטיקע טעאַטער מוז אונטערגיין און די פון אייך, וואָס האָבן דעם מוט וועלן באַלד פאַרנעמען מיין געגן־קלאַגע. זי וועט זיין אין דער פאָרם פון סצענעס פון פיעסן און פון פילמען, וואָס וועלן דאָ פאַר אייך אָפּגעשפּילט ווערן, איר וועט הערן דאָס זינגען, די אַזוי גערופענע ליריק, איר וועט זיך דאַרפן צוהערן צו רעפּראָדוקציעס פון די ראַדיאָ פּראָגראַמען און פון גראַמאָפאָן־פּלאַטן און ווער פון אייך עס וועט פאַרבלייבן אין אַ נאָרמאַלן און געזונטן צושטאַנד און וועט ווייטער וועלן קעמפן און פּראָטעסטירן געגן די רעפאָרמען, וועט מוזען דורכמאַכן אַן אונטערזוכונג פון בעווייזן, אַז ער האָט אַ געוויסן אָדער אַ האַרץ.

ווי מייז פון אַ זינקענדיקער שיף זיינען זיך אַלע צעלאָפן, זייער לעצטער פאַרהאַנג איז געפאַלן.

אימפּרעסאַריאָס מיט געלט פאַר קאָמערציעלע אונטערנעמונגען, האָבן געקראָגן דערלויבניש אָנצופירן מיט טעאַטערס בתנאי, אַז זיי האָבן די רעכט צו אינוועסטירן זייער קאַפּיטאַל אָבער נישט זייער געשמאַק.

אַ קאָלעגיום פון דריי, איין שריפטשטעלער, איין שוישפילער און איין רעזשיסער האָבן בודק געווען יעדעס וואָרט פון יעדער פיעסע און פון יעדן ליד. נישט קיין צענזור נאָר געשמאַק־משגיחים זיינען זיי געווען.

דער דראַמאַטורגן ליג אָנגעפירט פון א. גלאַנץ לעיעלעס און מאיר שווארץ האָבן אַריינגעקראָגן אַ היבשע צאָל נייע מיטגלידער. אַ צאָל געוועזענע דראַמאַטנע פאַרפאַסער האָבן זיך געמוזט אַריינפּאַסן אין די נייע אומשטענדן און קאָלאַבאָרירט מיט די נייע אין בינע טעכניק.

יעדע דראַמאַטיזאַציע פון אַ נאָוועלע אָדער ראָמאַן איז געמאַכט געוואָרן פון איינציקע שרייבער אונטער דער אויפזיכט פון פאַריינטע-

רעסירטן שוישפּילער אָדער רעזשיסער, אָבער מערסטנס האָט מען געשפּילט אָריגינעלע פּיעסן פון נייע דראַמאַטורגן און אויך פון אַלטע, וואָס האָבן אויפסניי געקראָגן אַמביציע צו שרייבן פּיעסן.

אַלטע ראַדיאָטן זיינען אָפּגערייניקט געוואָרן פון דער לופט. זי איז געוואָרן אָפּגעפרישט מיט פּייאיקע שרייבער. קאָמענטאַטאָרן און קינסטלער האָבן זיך געפילט אויף דער לופט אַזוי היימיש ווי פיש אין וואַסער. די פאָרשטייער פון די ראַדיאָראַטאָרן זיינען געווען צבי סקולער און נחום סטוטשקאָוו.

יעדער פערז פון ליריק פאַר'ן אָפּערעטן טעאַטער איז דורכגעגאַנגען דורך די גראַם־מאָטנע און ריטמישע מחות פון וואָלף יונין און הערי לעווין.

אין דער עקזעקוטיווע פון פאַראייניקטער ארטיסטן יוניאָן זיינען געווען פאַרטרעטער שוישפּילער, רעזשיסאָרן, פערוואַלטער, פּרעס־אַגענטן און אַרבעטער פאָרשטייער.

יעדער מיטגליד איז עקזאַמינירט געוואָרן און אַלטע פאַרדינסטן זיינען גענומען געוואָרן אין באַטראַכט. אַ צאָל עמעריטן־אַקטיאָרן און טעאַטראַלן זיינען געשטעלט געוואָרן אויף אַ פּענסיע, אָבער די גרעסטע צאָל געוועזענע זיינען פאַרבליבן פונקציאָנירן.

די אַפּליקאַנטן וואָס האָבן בעוויזן, אַז זיי פאַרמאָגן נישט קיין טאַלאַנט, נישט קיין אינטעליגענץ און נישט קיין באַציאונג צום יידישן וואָרט און צו דער טעאַטער־קונסט, זיינען אויף אַ בעשיידענעם אופן געבעטן געוואָרן זיך צו נעמען צו זייערע אַמאָליקע מלאכות.

מען האָט זיי אויך צוגעשיקט בראָשורן מיט עצות, ווי אַזוי זיך צו נעמען צו אייניקע הונדערט אַנדערע פאַכן און פּראָפעסיעס.

פילמען זיינען געמאַכט געוואָרן מיט דער פולסטער קאָאָפּעראַציע פון אַלע טעאַטער בראַנזשן און די פּראָפיטן זיינען אריינגערונען אין דער ארטיסטן יוניאָן.

אַ דראַמאַטישער אַקאַדעמיע אָנגעפירט פון עמעריט פּראָפעסאָר מאָריס שווארץ איז פינאַנסירט געוואָרן פון דער יוניאָן. ערשט נאָך דער גראַדואירונג פון די שילער זיינען זיי דערלויבט געוואָרן אויפצוטרעטן, אָבער זיי זיינען צוערשט געוואָרן פולשטענדיקע מיטגלידער פון דער יוניאָן. זיי האָבן געקראָגן דעם מינימום געהאַלט. קיין סטאַר פון קיין טעאַטער איז נישט דערלויבט געוואָרן צו קריגן מער ווי פיר מאָל אַזויפיל ווי דער מינימום געהאַלט פון קלענסטן שוישפּילער.

אלס פּרעס־אַגענטן זיינען אָנגעשטעלט געוואָרן פּיאיקע שרייבער פון י. ל. פּרץ שרייבער פעריין וואָס האָבן ארויסגעוויזן אַ קענ־טעניש פאר דעם טעאַטער פאַך. זיי זיינען געוואָרן מיטגלידער פון דער ארטיסטן יוניאָן.

אַלע געשעפטס פירער פון טעאַטער האָבן געמוזט לערנען יידיש.

קאָמפּאָזיטאָרן איז מער נישט דערלויבט געוואָרן צו מאַכן אַפּעראַ־ציעס אויף פרעמדע שאַפונגען און צו פּאַר־יידישן פרעמדע קלאַנגען. זיי האָבן אויפגעהערט צו ליידן פון באַך־וויטיק, נאָר געמוזט שאַפן אָריגינעלע מוזיק. וואונדער זיינען באַוויזן געוואָרן. קינד און קייט האָבן זיך געשאָקלט צו דעם ריטם, געטאַנצט אונטער די קלאַנגען און געזונגען יידישע ניגונים און אָווערטורן.

בילעטערן און פּלאַץ־וויזער זיינען גענומען געוואָרן פון צווישן שילער פון העכערע יידישע שולן. זיי זיינען געוואָרן מיטגלידער פון זייער יוניאָן. אַ היבשע צאָל מיידלעך און בחורים האָבן אויף דעם אופן אָנגעהויבן צו שטודירן, אריין אין דער טעאַטער אקאַ־דעמיע און פון זיי זיינען מיט דער צייט אויסגעוואקסן שוישפּילער, דראמאטורגן און טעאטראַלן.

בינע ארבעטער האָט מען אָנגעשטעלט אַזוי פיל און אַזוי ווייניק ווי נויטיק, לויט אַלע כללים פון יוניאָן געזעצן.

בינע פערוואַלטער האָבן געאַרבעט אונטער אַ געלט און צייט בודזשעט און לויט אַן אינזשענירישן פּלאַן. קיין צייט, געלט, מי, ענערגיע און געדולד איז מער נישט גע׳פּטר׳ט געוואָרן אויף ליכט אראַנזשירונגען, בשעת סטאַליארעס און אַנדערע בינע טעכניקער האָבן געפּוסט־און־פּאַסעוועט צוליב די טעותים פון רעזשיסאָרן.

פרייע בילעטן זיינען אינגאַנצן אָפּגעשאַפט געוואָרן, בלויז די וואָס האָבן געהאַט אַ ממשות׳דיקן שייכות מיט׳ן טעאַטער, ווי קרי־טיקער, טעאַטער־רעדאַקטאָרן און טעאַטער קאָלומניסטן אויך פונק־ציאָנירנדיקע טעאַטראַלען — אָבער נישט זייערע שוועסטער־שווינערס־שוואָגערס־שוועגערינס.

ווייל יעדער האָט געמוזט קויפן בילעטן האָט מען אָנגעהויבן צו קריגן דרך ארץ פארן יידישן טעאַטער און די קינסטלער.

פאָרשטעלונגען זיינען געשפּילט געוואָרן פאַר קינדער פון יידישע שולן און קינדער האָבן אָפּטמאָל דורכגעפירט פיעסן אונטער דער אויפזיכט פון פעדאַגאָגן, און רעזשיסאָרן. סקולניק איז געוואָרן דער ליבלינג פון יידישע קינדער, געשעפּט נחת פון זיין געלייטערטן זיינע רעוויזיקאַלישע, מוזיקאמעדיעס און זינגזאַציעס.

יעדער טעאטער אונטערנעמער האָט געמעגט אנגאזשירן וועמען נאָר ער האָט געוואָלט, אָבער יעדער נייער אפּליקאנט האָט דורכגעמאכט אַן עקזאמען אונטער א יושר'דיקן אָפּשאַץ פון עקספּערטן און ווער עס האָט פאַרמאָגט די קוואַליטעטן וואָס די ארטיסטן יוניאָן האָט געפאָדערט, איז אויפגענומען געוואָרן. יונגע טאַלאַנטן און תלמידים פון יידישע שולן האָבן געפונען אַ נוצן און א תיקון פאַר זייער שטודיום פון יידיש.

בלויז פּיעסן וואָס זיינען געווען דערפאָלגרייך קינסטלעריש און פינאנציעל זיינען געשפּילט געוואָרן סיי אין די דראַמאַטישע און סיי אין די אָפּערעטישע טעאַטערס. יעדער דורכפאַל איז שנעל פאַר־פאַלן געוואָרן און אָרגאַניזאַציעס מיט בענעפיטן זיינען מער נישט אריינגעפאַלן צו קיין דורכפאַלן.

צוליב נאַציאָנאַלע און יידיש קולטורעלע סיבות זיינען יידישע אָרגאַניזאַציעס געווען מאָראַליש און פינאַנציעל פאַרפליכטעט צו שטיצן דעם יידישן טעאַטער דורך קויפן בענעפיט־אונטערנעמונגען. אָרגאַניזאַציעס האָבן מיט אַ יערלעכן שטייער סטיפּענדירט דעם טעאַטער און מיט רוח צוריקגעקראָגן דאָס געלט דורך בענעפיטן.

טרופּעס זיינען דורך דעם גאַנצן סעזאָן ארומגעפאָרן איבער אַמעריקע און קאַנאַדע, אָנגעפירט פון אַרטיסטן־יוניאָן וואָס האָט גענומען פּראָצענטן פאַר די אַראַנזשירונגען. קיין איינער האָט מער נישט געקראָגן קיין אויסשליסלעכע רעכט און חזקה אויף קיין שטאָדט וואו בלויז איין טרופּע האָט געמעגט אריינקומען און קיין אַנדער טעאַטער נישט.

גאַנצע טרופּעס זיינען אויך געפאָרן אין חוץ לארץ אָבער מערסטנס זיינען געפאָרן פּראָמינענטע אַרטיסטן, אָבער יעדער גאַסטראָלאַר איז געפאָרן אונטער דער אויפזיכט פון דער יוניאָן. יעדער טור איז אויסגעאַרבעט געוואָרן מיט אַ סיסטעם און מאַרשרוט פאַר די מיני־מאַלסטע הוצאות.

קינסטלער זיינען אויך אימפּאָרטירט געוואָרן פון יעדער לאַנד וואו יידיש טעאַטער האָט געשיינט.

נייע רעזשיסערן זיינען געקומען, זיי זיינען טאַקע געפונען גע־וואָרן אין די רייען פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע און חוץ לארץ, יהודה בלייך, חיים יאַבלאָקאָוו, דוד ליכט, יעקב ראַטבאַום, אַנאַטאָל ווינאַגראַדאָוו, או אַסך אַנדערע, וואָס מען האָט אויסגעבאָרגט פון בראָדוועי און האָליוואָוד.

יידישע גראמאָפאָן־פּלאַטן זיינען פאַרקויפט געוואָרן אין די הונ־דערט־טויזנט עקזעמפּלאַרן. אַרטיסטן האָבן פון דעם געהאַט גרויסע פאַרדינסטן, די אמאָליקע שוואַרצע־מאַרק גראַמאָפאָן פה'נאָגראַפן זיינען בעשטראָפט געוואָרן פון געריכט. זיי האָבן געהאַט אַ ירידה'שן דורכפאַל.

נאָך צען יאָר פון מיין אַרבעט, האָב איך צוליב דראַמאַטורגישע אַמביציעס רעזיגנירט פון מיין אַמט. פאַר מיין אָפּשייד באַנקעט האָב איך געהייסן אַרויסנעמען פון פרידיגעיר דעם אמאָליקן אַלטן שונד און שאַנד. צו דעם האָט מען אויך צוגעלייגט אַלע קאָרטן פון די טעאַטער קלובן און מען האָט אַראַנזשירט אַ גראַנדיעזן, קאָלאָסאַלן, פייערלעכן ספּעקטאַקל. איך האָב זיך אָפּגעווישט מיינע הענט. בלויז אַש איז פאַרבליבן פון דער אמאָליקער שקרן־עוועניו.

יורי האָט גענומען אין שלאָף שרייען מיט באַנומענע קולות און זיך געוואָרפן און געקאָרטשעט. טאָמסקי האָט אים מיט געוואַלט צוריקגעהאַלטן און גערופן די סעקרעטאַרשע.

די סעקרעטאַרשע איז אַריין און אויפגעדרייט די ליכט.

טאָמסקי האָט גענומען וועקן יורי'ן, וואַכט אויף! וואַכט אויף! איר הערט, וואַכט אויף!

יורי האָט שווער געאָטעמט אין היפּנאָטישן שלאָף, זיין פּנים איז געווען באַגאָסן מיט שוויים, ער האָט מיט אַ פאַרזשאַווערטן קול געכראָפּעט.

שנעל, דערלאַנג מיר אַ נאָדל, האָט טאָמסקי זיך געווענדט צו דער סעקרעטאַרשע און בשעת דעם גענומען פאַרשויבן די אַרבל פון יורים רעקל און העמד. זי האָט מיט אַלקאָהאָל גענעצטער וואַטע אָפּגעווישט דעם פּלאַץ וואו טאָמסקי האָט בעצייכנט און ער האָט געמאַכט די איינשפּריצונג.

טאָמסקי האָט נאָך אייניקע רגע'ס קוקענדיק אויף יורי'ן ערנסט געזאָגט צו דער סעקרעטאַרשע. רופט שנעל אַהער דאָקטאָר ראָזענ־שטיין.

אָט ביז אַהער האָב איך פאַרטראַכט די סאַטירע, אָבער צום סוף האָב איך באַשלאָסן די סאַטירע נישט צו שרייבן.

אפשר׳יזמען

•

איך בין פֿאַרשיידנאַרטיק מיט מענטשן פֿאַרשיידענע,
אַ טייל זיינען צופֿרידן און געוויסע אומצופֿרידענע.
צו איינעם בין איך שטרענג, ביי אַ צווייטן כיבעט אַ לאַסקע,
מיך וואונדערט נאָר, צי טראָגן זיי פּונקט ווי איך אַ מאַסקע.

נישט פֿון דעם וואָס מענטשן זאָגן
האָב איך טעג און נעכט געפּלאָגטע;
ס׳איז אָפֿטמאָל שווערער צו פֿאַרטראָגן
דאָס קיינמאָל נישט דערזאָגטע.



אינהאלט

הקדמה ..... זייט 4

4־וואָרט ..... זייט 8

אַ ..... זייט 10

קיינער נישט ..... זייט 11

אפשר׳יזמען ..... זייט 45, 47, 135, 142, 203, 209, 253

איך ווייס איך ווייס נישט ..... זייט 20

אונטערדריקטע באַגערן ..... זייט 24

ליבידאָ ..... זייט 27, 58, 101, 103, 109, 155

ראַפּסאָדיע אין פלאַמען ..... זייט 28

פּיש ..... זייט 30

רכילות׳אָפּיע ..... זייט 33, 211

מאַנקי ביזנעס ..... זייט 34

סלח לי, מחל לי, כפּר לי ..... זייט 37

צוויי טיקעטס ..... זייט 38

פערדישע קונסט ..... זייט 42

שוואַרץ־קונסט ..... זייט 44

אויב איר ווייסט ..... זייט 46

איר קענט אים ..... זייט 48

וואַנדערער און וואַנדאַלן ..... זייט 49

בינע סם און האָניק ..... זייט 63, 69, 71, 148

ווען איך וועל מער נישט זיין ..... זייט 59

צוויי קריטיקער אין מיטן ים ..... זייט 60

אַ מעשה וואָס דאַרף ערשט פּאַסירן ..... זייט 64

פּוילעזאָפיע ..... זייט 65, 107, 131, 202

אַך, אַמאָל האָט מען געשפּילט ..... זייט 66

אַמאָל און היינט ..... זייט 70

דער כּוח פון ראַדיאָ ..... זייט 71

וואָדעווילדע קינצלער ..... זייט 72

פאָלקס־טומלעך ..... זייט 73, 79, 113, 177

ברודער קריג ..... זייט 74

בעלעמער חכמים ..... זייט 80

בעלעמער חשבונות ..... זייט 83

בעלעמער יושר ..... זייט 87

כעלעמער באַלעבאַטישקייט .... זייט 90
כעלעמער חריפות .... זייט 92
כעלעמער פּערשוינען .... זייט 95
זומערדיקע פוילעזאַפּיע .... זייט 98
מיין מאַן .... זייט 102
פינגער־קולטור .... זייט 104
פע׳מיניסטיש .... זייט 108
באָרשט .... זייט 110
אַן אָדע צו אַ ביוסט .... זייט 114
פּיקאַנט .... זייט 116
געשמאַק .... זייט 119
סעקסטאַז .... זייט 120
איזידאָר קעשיר .... זייט 122
שוואַרץ־אַפּלדיק .... זייט 126
טעספּיאַניצע .... זייט 128
דער פּרימאַדאָנים .... זייט 129
דער קאָמיקער פּאַר שוישפּילער .... זייט 132
טעכנאָ־קרעאַטיוו .... זייט 136
די יידישע עלענאָר דוזע .... זייט 140
קרעטשענדאָ .... זייט 144
זעלבסט־פּאָרטרעט .... זייט 149
„איך" .... זייט 150
אינזיכאָלאָגיע .... זייט 139, 151, 185, 198
בעזדראַמאָטנע .... זייט 152
גראָטעסק .... זייט 154
דער מעצענאַט .... זייט 156
נישט־אָביעקטיוו .... זייט 158
גלאַט אַזוי .... זייט 160, 199
בולבעס .... זייט 162
צוזאַמען־שטות .... זייט 180
פּתי׳מיזם .... זייט 184, 193, 214
דער אימפּ־עראַטאָר .... זייט 188
דער רעב פּרעזענטאַנט .... זייט 190
זלמן קיבאָט און .... זייט 194
תחית המתים .... זייט 200

עם גראמט זיך .... זייט 204
דער שעקספּערט .... זייט 206
סטאַטוס־קוואָ־קאָמפּאַניע .... זייט 212
קראָפּעווע .... זייט 215

בילדער

שער בלאַט .... געצייכנט פון לאָלא
וואָלף מערקור, אויל בילד געמאָלן פון איידא העכט .... זייט 4
מאָנקי ביזנעס, קאַרטון פון דזשעקאָבי .... זייט 34
פערדישע קונסט, קאַרטון געצייכנט פון פערד זעלבסט .... זייט 42
צוויי קריטיקער אין מיטן ים, קאַרטון פון דזשעקאָבי .... זייט 60
ישעיה און שמעיה ביי שלמה באָק, קאַרטון פון לאָלא .... זייט 82
ישעיה און שמעיה מאַכן אַ לחיים, קאַרטון פון לאָלא .... זייט 84
ישעיה און שמעיה מעלקן אַ בהמה, קאַרטון פון לאָלא .... זייט 88
מאַלי פּיקאָן און יעקב קאַליך, אויל־מאָלעריי פון בען .... זייט 116
יעקב בן-עמי, פאָטאָגראַפיע .... זייט 119
אַלא לילית, צייכנונג פון לואי מארקאָוויטש .... זייט 120
איזידאָר קעשיר, אימפּרעסיע געצייכנט פון לאָלא .... זייט 122
חנה אַפּעל, האָלץ־שניט פון נאַטאַל סוזאַן .... זייט 126
בערטא גערסטין, צייכנונג פון לודוויג זאַץ .... זייט 128
מיכאל מיכאַלעסקאָ, צייכנונג פון לואי מארקאָוויטש .... זייט 129
מיכאל ראָזנבערג, צייכנונג פון לואי מארקאָוויטש .... זייט 132
משה שטראַסבערג, צייכנונג פון לואי מארקאָוויטש .... זייט 136
מ. טאָרלאָווסקי, א. גראַנאַך און מ. מייער פאָטאָגראַפיע .... זייט 140
יוסף רומשינסקי, קאַרטון פון לאָלא .... זייט 144
וואָלף מערקור, קאַריקאַטור פון דזשעיק ספּענסער .... זייט 149
דאָזעטא ביאַליס, צייכנונג פון לואי מארקאָוויטש .... זייט 153
בנימין רויטמאַן, קאַריקאַטור פון דזשעיק ספּענסער .... זייט 180
דער אימפּעראַטאָר, פּעדער־שטריך פון לאָלא .... זייט 188
דער רעב פּרעזענטאַנט, קאַריקאַטור פון לאָלא .... זייט 190